STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03382

A SHAP IN RIDZSHVUD

M. Makofsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. מאַקאָווסקי

אַ שאַפּ אין רידזשוואוד

און אנדערע דערציילונגען



ארויסגעגעבן פון
אַמאַלגאַמייטעד ברענטש 82, א. אַ. אַ.
ניו יאָרק, 1939

Copyright 1939
by M. MAKOFSKY
New York, N.Y.

421

אַ טאָג פון מיין לעבן

(אָנשטאָט אַ פאָרוואָרט)

א פרישער, א געזונטער, שפאן איך יעדן טאג צו דער ארבעט.
א צעבראכענער, א הילפלאזער, קער איך זיך אהיים צוריק.

:: :: ::

האלב פינצטער איז מיין שאפ. די סטעליע — שווארץ און ני־דעריק. די לופט — פייכט און קלעפיק. איך דערפיל גלייך דעם ספע־ציעלן „שאפ־ריח" — איך ארבעט שוין!

איך באטראכט מיינע חברים:

אזוי שטיל און פארטראכט זיצן זיי: יעדער איז פארנומען מיט זיך, מיט זיין וועלטל.

איך פיל ווי זיי צו פרעגן:

— חברים, וואס טראכט איר? ווארום רעדט איר נים א ווארט אוים?

נאר, ס'ווילט זיך נים שטערן די רו.

א ווילע שפעטער. כ'האלט נים אוים, כ'פרעג מיין שכן:

— יאנקל, וואס שוויגסטו?

— וואס זאל איך רעדן?

איך כאפ א קוק דורכן פענצטער:

דער טאג איז נאך יונג און פריש... איך וויל מער נים טראכטן.

די זון, וואס שפאצירט און לייכט דורך מיין פענצטער, פארלאזט מיך נישט; זי ווארעמט און וועקט מיך. איך ווער מוטיק און פרעג א צווייטן שכן:

— זעליג! — וועק איך אים ווי פון שלאף—זעליג!... וואס הערט זיך, נייעס?

— עט! — ברומט ער אוים.

א טויטע שטילקייט הערשט צווישן אונז. ס'הערן זיך בלויז די גוואלדן פון מיין פארמאן, וואס פארשרייט דעם שאפ כסדר מיט טענות; און דעם געברום פון מאשינען.

די זון רוקט זיך ביסלעכווייז אוועק פון מיין פענצטער...
איך דערפיל א פארצווייפלטע אומצופרידנהייט. איך שוויג. א בריחה האב איך?!

:: :: ::

עס איז שוין נאך מיטיק. מען ארבעט ווידער, און מען שוויגט.
די זון איז שוין לאנג פון מיין פענצטער אוועק. איך דערפיל:
אייננטלעך בלייבט מיר גארניט איבער, ווי ארבעטן און — טראכטן...
פארשיידענע געדאנקען קריכן מיר אין קאפ:
ס'מישן זיך אויס ליכט און שאטן; שווארץ, ווייס און געל:
קאמף פאר א גערעכטער וועלט, און שוויינגנדיקע, פינצטערע פנים'ער...
כ'דערמאן מיך דא און דארט: פון שווידערלעכע פאסירונגען, פון טאג־טעגלעכע פארברעכנס — קעגן מיינע חברים־ארבעטער! איך ווער נערוועז, אויפגערעגט. ס'ווילט זיך פראטעסטירן — אויסשרייען, אז אלע זאלן דערהערן! דערזע איך פלוצלונג מיין ארבעט — ס'קערט מיך אפ פון דעם:
א גאנצן טאג דיזעלבע נודנע ארבעט! וואס קריג איך דערפאר?
א קאלטער שוויים באדעקט מיך. איך גיב א בליק אויפן זייגער:
נאך צוויי שעה און איך בין פריי!
ווי שווער די לעצטע שעה'ן זיינען!
מידקייט צעשפרייט זיך איבער אלע מיינע גלידער: מיין מח ווערט טעמפ; און דאס הארץ נאגט און נאגט. יעדע מינוט ווערט א שעה. פון די שעה'ן ווערן טעג, חדשים, יארן...

:: :: ::

א פרישער, א געזונטער גיי איך יעדן טאג צו דער ארבעט.
א צעבראכענער, א הילפלאזער קער איך זיך אהיים צוריק.

אַ שאַפּ אין רידזשוואוד

1.

אין שאַפּ האָט אים געבראַכט דער יונגער קראַוז, דער זון זיינער, אין זיין אויטאָמאָביל.

ס'איז געווען אַנהויב זומער. דרויסן האָט נישט אויפגעהערט רעגנען. דער נאָסער וועטער האָט שלעכט געווירקט אויפן אַלטנס געזונט. זיין הויז־דאָקטאָר האָט אים בפירוש פאַרזאָגט, אין אַזעלכע וועטערס זיך ניט רירן פון שטוב, זיין „בלאַד־פּרעשור” קאָן זיך ווידער אַ הויב טאָן! אויך די ווייב זיינס, און דער זון, האָבן זיך ביידע געבעטן בא אים צו זיצן אין דער היים. פאַ,—האָט דער זון געזאָגט,—מעגסט זיך פאַרלאָזן אויף מיר, פאַ, כ'וועל מיך שוין ספּראַווען מיט זיי... אַזוי האָט דער זון געזאָגט. און געוואוסט האָט דער אַלטער קראַוז, אַז ער קאָן זיך אויף זיין זון פאַרלאָזן. נישט אומזיסט האָט דער אַלטער קראַוז אַ פאַרמעגן זיך געלאָזט קאָסטן פאַרן זונס שטודיום! מיט זיינע געניטע באַלעבאַטישע אויגן, האָט ער שוין לאַנג אין זיין זון דערקאָנט אַ „צוקונפטיקן גרויסן ביזנעסמאַן”, וואָס וועט איבעריאָגן זיין טאַטן... און וואָס אמת איז אמת, ס'האָט זיי ביידן אָפּגעגליקט: דער זון האָט געענדיקט אַלס לאָיער, און דעמאָלט האָט דער טאַטע געזאָגט צום זון:

— אצינד, דזשעק, ביזטו מיר נויטיק פאַר מיין ביזנעס!

אַז דער יונגער לאָיער דזשעק איז אריין צום טאַטן אין געשעפט, האָט ער דערזען פאַר זיך אַן אומדערשעפּלעכן גאָלד־קוואַל; אַ מעגלעכקייט רייך צו ווערן. אָט־דאָס אייגנטלעך וואָס דער יונגער דזשעק האָט פון קינדערווייז אָן גע'חלום'ט אין דער באַלעבאַטישער אַטמאָספערע, וואו ער האָט זיין דערציאונג געקראָגן. „רייך ווערן”, האָט דזשעק נישט אויפגעהערט חלום'ען שפּעטער — אין הויך־שול און אין אוני־

ווערזיטעט. די אַלע געגנשטאַנדן, אַלץ וואָס ער האָט דאָרטן געלערנט, האָט נאָר געדינט באַ אים פאַר איין צוועק — רייך צו ווערן! און אַצינד, האָט זיין יוגנט־חלום געהאַלטן אין פאַרווירקלעכט צו ווערן: דזשעק האָט פּלוצים פאַר זיך דערזען אַ פּאַרטיקן גרוים געשעפט, וואָס ברענגט אַריין אוצרות. און מיט אַנדערע „מאָדערנע באַדינגונגען" קאָן דאָס געשעפט אַריינברענגען נאָך מער...

דעמאָלט האָט דער יונגער לאַיער, דזשעק, איינגעשפּאַנט זיין פאַר־תורה: געדרייט און געמאַנעווורירט. סיי מיט זיינע קונים, און סיי מיט די אַרבעטער, און מיט זייער יוניאָן. און איינמאָל האָט ער געזאָגט צום טאַטן זיינעם:

— ווייסט פּאַ,—האָט דזשעק געזאָגט,—ס'טויג ניט דיין גאַנצע פירונג, פּאַ; ס'געפעלט מיר ניט דיינע אַלטע „ביזנעס־מעטאָדן"; עס געפעלן מיר ניט דיינע אַרבעטער, צו אַלט זיינען זיי שוין „פאַר גאָר סעיק!" און די יוניע דאָ־אָ, דערגייט דאָך פּשוט די יאָרן! די הענט קען מען ניט צענעמען. לאָמיר אַוועק פון דאַנען, פּאַ!

דער אַלטער האָט זיך צוגעהערט צו זיין געלערנטן זון. און ער האָט זיין „ספּאָרטינג וועיר"־שאָפּ אַריבערגעצויגן קיין רידזשוואָוד, אַביסל אַוועק פון שטאָט... און איבערגעגעבן דעם נייעם שאָפּ צום זון — זאָל ער פירן!

אזוי האָט דזשעק איבערגענומען דעם טאַטנס ביזנעס באַם לעבן:

נייע אַרבעטער זיינען געקומען — יונגע מיידלעך און אינגלעך, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר אַ נישטיקן לוין. פון די אַלטע אַרבעטער האָבן זיי בלויז די נויטיקסטע מיטגענומען פאַרן נייעם שאָפּ. ווייטער, דורכאויס נייע: נייע פּאַליטירטע פּלענטס, מיט נייע מאָדערנע יאַנ־מאַשינען, וואָס האָבן נאָכגעלאָזט אַ שטילן גערויש; אַ ניי־געמעבלירטן אָפיס פאַר זיך מיטן זון — און דער עיקר: נייע, יונגע פּנים'ער, וואָס טוען זייער אַרבעט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן... יאָ, דער אַלטער קראַוז איז איבערפילט געווען מיט פרייד. און דערפאַר האָט אים יעדן פרימאָרגן אינעם נייעם שאָפּ געצויגן.

:: :: ::

אינעם גערויש, ווי פון דינע זילבערנע גלעקלעך, אזוי האָבן די נייע

ניי־מאשינען פארן אלטנס אויערן געקלונגען. ער האט געשפאנט אינעם רחבות'דיקן אפים, זיך צוגעהערט צום ריטם פונעם מאשינען־גערויש, וואס האט פון איבערן אפים־וועגטל זיך ארײנגעריסן, און בעת מעשה זיך דערמאנט פון זיינע אמאליקע יארן, ווען ער האט געעפנט זיין ערשטע שאפקע אויף וואקער סטריט. דעמאלט, — א יונג, א ריז, און גערופן האט מען אים נאך אויף זיין היימישן נאמען „מוישע"... עד! א שאפ איז דאס דארטן געווען—א קבר א פינצטערער... ניט געווען זיך וואו אויסצודרייען! אבער ביזנעס איז געגאנגען דורך טיר און דורך פענצטער, און דער שאפ איז טאקע קליין געווארן פאר אים — —

ער האט געשפאנט, דער אלטער קראוז. און מיט יעדן טראט באדויערט דעם שווערן געפעק מיט יארן וואס זיינען, ווי א הארב אויף די אלטע פלייצעס געלעגן, און זיך ניט געקאנט מוחל זיין, פארוואס ער, שוין א רייכער מאניופעקטשורער מיט א „נאמען", האט דערלאזט, א ליאדע גארניט דעות זאגן אין זיין שאפ, וואס ער מעג יא דארטן טאן און וואס ניט: ער האט זיך געגריבלט אין דערמאנערונגען: „טראבל מיט דער יוניע, טראבל מיט די ארבעטער"... אויפן געדאנק איז אים פונקט געקומען, ווען ער האט זיך פון וואקער סטריט איבערגעצויגן אין א גרעסערן שאפ אויף בראדוויי, און דארטן ס'ערשטע מאל איינגעסיקעוועט פרעס־מאשינען אנשטאט פרעסן באם האנט. וואס פאר א געטומל ס'איז דעמאלט געווען! בערושקע דער פרעסער האט גענוואלדעוועט: — ס'טייטש, דער מאשין וועט אויפעסן ס'גאנצע ארבעט... דער צווייטער פרעסער, חיים־הערש דער „סיבירניק" האט זיך שיעור געכאפט שלאגן... אוועק מיט די איבעריקע ארבעטער אין דער יוניע אינמיטן טאג, אינמיטן סעזאן... אזא פערד ווי ער איז דעמאלט געווען. געהערט א חוצפה? זיין שאפ, פאר זיין געלט איינגעקויפט מאשינען; איז עם ניט חוזק?...

ער האט געלאכט, דער אלטער, געלאכט פון זיך אליין, זיך געשעמט מיט זיינע אמאליקע שוואכקייטן, יעדן גארנישט צו פארשווייגן. אין דער זעלביקער צייט זיך דאך געפילט ווי א זיגער: נאך אט דעם אלעמען, שפאנט ער אין זיין וואונדערשיינעם אפים, יום־טוב'דיק אנגעטאן, פארמאגט אן אייגענע היים, ווי א פאלאץ, צוויי נייאינקע אוי־

טאַמאַבילן פאַר זיך מיט זיין זון, אחוץ א פאַרמעגן אין באַנק... אַבער דער גרעסטער פאַרמעגן — איז דער זון זיינער!... אַן אמת'דיקער פּראָדוקט פון דער מאָדערנער צייט, האָט ער שוין איבערגעשטיגן דעם טאַטן אויף יעדן געביט... אַט איז א יונגערמאַן: זיין לעבן פאַרבראַכט אין שול, איז נאָך אַ יאָר ניט אין געשעפט — און וואָס פאַר אַ דערגרייכונגן!...

ער איז געווען איבערפילט מיט פרייד, דער אַלטער קראוז. פרייד האָט זיך געשפּרייט איבערן רחבות'דיקן אָפיס, איבער די נייע־פּאָליטירטע אָפיס־מעבל, און אויף די אָפיס־מיידלעך, וואָס האָבן מיט זייערע פינגער געקלאַפּט אויף שרייב־מאַשינקעס. אַ ניגונ'דל, אַ פריילעכס האָבן די שרייב־מאַשינקעס אַצינד פאַר אים אויסגעקלאַפּט. פון צופיל פרייד האָט זיך באַ אים דער קאָפּ פאַרדרייט און פאַר'שכור'ט געבליבן זיצן אויף אַ שטול...

מיטאַמאָל האָט ער דערהערט געוואַלדן קומען פון איבערן אָפיס־ווענטל. ס'האַרץ באַ אים האָט האַסטיקער גענומען קלאַפּן. ער האָט זיך אַ הויב געטאָן, אריינגעשפּרייזט אין שאָפּ און דערזען אַ געזעמל ארום די פּרעס־מאַשינען. געשטאַנען איז דאָרט זיין זון מיטן שאָפּ־טשערמאַן, ספּענע, און ביידע האָבן זיך צוגעקוקט, ווי דער פאָרמאַן באַדי מיטן אויסגעצויגענעם פּנים, רייסט ארוים די ארבעט פון די פּרעסער'ס הענט און טרייבט זיי פון די מאַשינען.

באַ דעם פּרעסער בערושקע זיינען די אויגן מיט טרערן געוואָרן פאַרלאָפן. ער האָט זיך צוגעשפּרייזט צום אַלטן קראוז, געשטאַנען און זיך באַקלאָגט:

— וואָס מוטשעט מען אונז דאָ־אָ... וואָס איז פּלוצים געשען... אָפּגעאַרבעט באַ אייך — — —

— כ'האָב פיינט די טענות, בערושקע! אייער ארבעט טויג ניט!— האָט דער אַלטער זיך געבייזערט — אַז מיין זון זאָגט ס'טויג ניט — טויג עס ניט!...

חיים־הערש האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן:

— אַזוי? ס'טויג ניט? אפשר גאָר אויף דער עלטער זיך גיין לערנען באַ אייער זון ווי צו פּרעסן?! שיינע יאָרן דערלעבט, מוישע — —

— מ־מוישע... וואס פאר א מוישע גאר? — האט דער אלטער געטופעט מיטן פוס — זאלסט פארגעסן פון יענע צייטן, געדענקס! —

דער אלטער האט זיך פלוצים א וואקל געטאן. ס׳בלוט האט בא אים געשטראמט צום פנים. דזשעק האט דעם טאטן א כאפ געטאן אונטער די הענט און פאמעלעך אים צוגעפירט אין אפיס. ער האט צעפראלט די פענצטער, זיך געזעצט באם טאטנס זייט, און ער האט צו אים געזאגט:

— איך האב מיך בא דיר געבעטן, פא, לאז איבער אלעם צו מיר. ווילסט מיר אבער ניט פאלגן, ווייס איך ניט וואס מ׳הויבט אן צו טאן.

ער איז געווען פארצווייפלט, דזשעק. מיטן קאפ אנגעשפארט אויףביידע הענט, האט ער געקוקט אפן שרייב־טיש, ווי ער וואלט פון דארט עפעס ארויסגעלייענט. מיטאמאל האט ער אויפגעהויבן דעם קאפ און מיט א שמייכל געזאגט:

— פא, ס׳וועט אלץ זיין אין ארדענונג... כ׳וועל מיך מיט קיינעם ניט קריגן, אויף קיינעם זיך ניט בייזערן, וועסט זען, פא!

א דינער שמייכל האט זיך אויפן אלטנס פנים באוויזן. ער האט זיך טיפער פארוקט אין ארעם־שטול, געקוקט אויפן זונס ליפן, ווי ער וואלט בא אים געבעטן א דייטלעכע דערקלערונג וואס ער האט געמיינט מיט זיינע ווערטער.

— הער זיך צו, פא — האט דזשעק אנגעהויבן — אויב דו געדענקסט, האב איך דיר שוין אמאל געזאגט, אז מיר געפעלט גאר ניט דיינע אלטע „ביזנעס־מעטאדן”. אצינד ווידערהאל איך די זעלביקע ווערטער — און אט פארוואס: אט האסטו געארבעט א לעבן שווער און ביטער פון אינדערפרי ביז אויפדערנאכט, אלץ אליין געפירט, מיט אלעמען זיך ס׳הארץ געריסן. אמת, האסט געשאפן א ביזנעס. אבער האסט פארלארן דיין געזונט! צו וואס, פא? אז די זעלביקע ביזנעס קאנסטו פירן, אז אנדערע זאלן שווער ארבעטן, און אנשטאט זיך רייסן ס׳הארץ — בעסער שמייכלען!... א, פא. אלץ קאנסטו רערגרייכן מיט א שמייכל, אט וועל כ׳דיר באווייזן:

דזשעק האט גענומען דעם טעלעפאן און אפגערופן דער יוניאן.

— האלאו, דזשים! יא, דער יונגער קראוז — יא, יא!

— וואָס הערט זיך, פּרעגסטו? דיזעלבע טראַבל מיט די פּרעַ־סערם. יאָ, דיזעלביקע... בערטשוק מיט חיים־הערשן. דאָס וואָס דו הערסט — כ׳האָב זיי אָפּגעשטעלט אינמיטן דער ארבעט — ס׳טויג ניט!

— וואָס דזשים? טראַבל? טראַבל מאַי איי! קאָנסט מיר שוין אביסל... וועל, שיק מיר אַנדערע — פאַרשטייסט דאָך וואָס איך מיין — אבער שוין!

— ווערסט ניט שיקן — ניין? אָלרייט! וועל כ׳מיר אליין העלפן!.. וואָס? וואָס? גוט. קום אריבער וועלן מיר ריידן ביזנעס...

דזשעק האָט מיט נצחון די טרובקע אויפגעהאנגען, א שמייכל גע־טאָן, און ער האָט געזאָגט:

— זעסט פּאָ. דער חברה־מאַן וועט דאָ קומען פאַר ביזנעס... צו וואָס זיך קריגן, פרעג איך דיר? אז מ׳קאָן אלצדינג דורכפירן מיט א שמייכל.

ער האָט אָן עפן געטאָן די אָפיס־טיר און א רוף געטאָן:

— באָדי!!!

דער פאָרמאַן באָדי האָט גיך צוגעשפּרייזט און געבליבן שטיין.

— ביטע באָדי — האָט דזשעק געזאָגט — רוף ספּענע דעם שאָפּ־טשערמאַן!

אַן איטאַליענישער יונגערמאַן איז צוגעקומען און דזשעק האָט אים פאַרבעטן אין אָפיס.

— זיץ, ספּענע. מיר׳ן זיך דורכשמועסן. איינמאָל פאַר אלע מאָל — א סוף זאָל עס נעמען!

— וואָס וויל דער באָס? — האָט ספּענע אים אָנגעקוקט און גע־פרעגט.

— אָט, וועגן די פּרעסערס! — האָט דזשעק אָנגעצויגן ס׳פּנים און געזאָגט — כ׳האָב איצט גערופן דזשימי׳ן אין דער יוניע, און איך וויל דיר אויך זאָגן, אַז אויב מאָרגן פרי קריג איך נישט פון דער יוניע קיין אַנדער פּרעסער, העלף כ׳מיר אליין, פאַרשטייסט?

— נו, וואָס האָט אויף דעם דזשימי געזאָגט? — האָט ספּענע אים געקוקט אויף די ליפּן.

— „וועל“, ער האט נישט געזאגט אזוי, און נישט עפעס אנדערש
– האט דזשעק זיך געפלאנטערט.

ספענג האט אראפגעלאזט די אויגן, א צי געטאן מיט די אקסלען, און ער האט געזאגט:

— נאך אלעמען, זיינען זיי דאך אלטע פרעסערס בא אייך! נישט אמת, מיסטער קראון?

דזשעק האט זיך צעלאכט:

— אט דאס איז דאך די גאנצע צרה, וואס די פרעסערס זיינען אלט, און די פרעס־מאשינען זיינען נייע... יא, כ׳האב געהערט, אז באלד וועסטו חתונה האבן, ס׳אמת ספענג? וועסט קריגן פון אונז א שיינעם פרעזענט...

— א דאנק, מיסטער באס, — האט דער טשערמאן זיך געריטלט.
— כ׳וועל פארנאכט זיין דארטן בא דזשימי׳ן, זיך דורכשמועסן מיט אים וועגן דעם ענין.

ווען ספענג איז אוועק האט דזשעק זיך נעענטער צוגערוקט צום טאטן און ער האט געזאגט:

— אט דאס מיינט פירן א סיסטעם, פא. מיר האבן איבערגעצויגן דעם שאפ קיין רידזשוואוד. פטור געווארן פון פארשיידענע טראבלס. מיר האבן אבער נאך נישט באוויזן פטור צו ווערן דערפון וואו די טראבל ליגט, כ׳מיין פון דיינע אלטע באלמעלאכעס! אמת, מיר האבן בלויז א קליינעם טייל פון זיי, אבער אט דער טייל קאן סוף־כל־סוף אונטערגראבן אונזער נייעם שאפ. אט וועל איך דיר דערציילן: אנומעל־טן האב איך מיר צוגעהערט צו א געשפרעך, טאקע פון אט די — —

— וואס איז מיט דיר פא? פילסט ניט גוט — וואס?.. — העי! העי, באדי! — באדי!!!

2

איבער רידזשוואוד האָט זיך געטראָגן אָט די נייעס:

„די פירמע קראוז ענד סאָן, ספּאָרטינג וועיר מאַניופּעקטשורערס, נעמט אָן יונגנטלעכע ארבעטער און זיי ווערן געצאָלט בעת דער לערע."

די נייעס האָט זיך געטראָגן פון שטוב צו שטוב. צייטן זיינען גע־ווען שלעכטע: טאַטעס זיינען אָן ארבעט אינדערהיים געזעסן, און פון אַלע עקן רידזשוואוד האָט יונגוואַרג זיך אַוועקגעלאָזט צו דער פירמע פון קראוז ענד סאָן. דער יונגער קראוז האָט באַפוילן זיינע אַפּיס־מיידלער אָראַפּצונעמען פון יעדן ארבעט־זוכער זיין אַדרעס און אויס־פרעגן וועגן עלטער. דער פאָרמאַן באַדי איז געשטאַנען באַם זייט און געקליבן מיט די אויגן. וואָס אַזוינס האָט דעם פאָרמאַן באַדאַרפט געפעלן ווערן אינעם קאַנדידאַט — איז שווער צו זאָגן. מחמת צו דער ארבעט איז אָנגענומען געוואָרן סיי שיינע פּנים'ער, און סיי ניט אַזעל־כע פאַרשוינען. אויך די יונגקייט האָט דאָ א קנאַפּע ראָליע געשפּילט. אָבער עפּעס פאַרט ספּעציפישעס, וואָס בלויז א פאָרמאַנס אויג קאָן זען, און בלויז די זיינען אָנגענומען געוואָרן.

זינט דער אַלטער קראוז איז א קראַנקער אוועקגענומען געוואָרן פונעם שאָפּ, אין א שטילער זומער־היים, ווי זיין דאָקטאָר האָט אים פּאַרזאָגט, האָט דער יונגער קראוז זיך גענומען צו פאַרווירקלעכן זיי־נע פּלענער. ער האָט גערופן צו זיך אין אָפּיס אריין דעם רידזשוואוּ־דער יוניאָן־פירער, דזשימי'ן, מיטן שאָפּ־טשערמאַן ספּענע און צו זיי געזאָגט:

— ווי איר ווייסט „דזשענטלמען", איז דער הויפּט פון אונזער פירמע איצט מאַכטלאָז אָנצופירן דעם געשעפט. די ערנסטקייט פון דער לאַגע פאַרשטייט איר... וואָס איך פאַרלאַנג פון אייך „דזשענט־מען" — קאָאָפּעראַציע, מיטהעלפן מיר ווי פאַר אייך אַליין...

אָט די עטלעכע ווערטער איז פאַר די רידזשוואודער יוניע־פירער גענוג געווען. ביידע האָבן נישט געוואָלט פאַרלירן דאָס, וואָס אַזאַ

גבויסער שאפ האט זיי געגעבן... און טאקע באלד נאכדעם, האט דזשימי גערופן צו זיך בערושקען מיט חיים־הערשן — די צוויי עלטע־רע פרעסערס, און צו זיי געזאגט:

— זייט וויסן ברידער, דער באלעבאס וויל אייך נישט האבן. אייער ארבעט טויג נישט — זאגט ער. האב איך פאר אייך א פראפא־זיציע, און איך דערווארט אז איר וועט דאס אננעמען: איך וועל פועלן באם באלעבאס צו באצאלן אייך פאר עטלעכע וואכן שכירות. דורך דער צייט וועל איך געפינען פאר אייך אן אנדער פלאץ; זענט איר צופרידן?

די עלטערע פרעסערס האבן זיך איבערגעקוקט און זיך נישט גע־גלויבט וואס זייערע אויערן האבן אצינד געהערט פון זייער פארטרע־טער. חיים־הערש האט זיך א הויב געטאן און מיט א פויסט געקלאפט אין טיש:

— שעמען מעג איר זיך! גנבים! מיר ווילן אונזערע דזשאבס! און מיר וועלן נים שווייגן!

דזשימי האט א שמייכל געטאן און ער האט געזאגט:

— איר באדארפט נים בייז ווערן, חיים־הערש. זיכער זענט איר גערעכט. אבער זאלן מיר נים זיין געטארט: דער באלעבאס האט אוועק־געשטעלט נייע פרעס־מאשינען. אנשטאט וואס אויף די אלטע מאשינען האט איר באדארפט ווייניק באנוצן אייערע פיס — מוזט איר דורכ־אויס אויף די נייע מאשינען זיך האצקען אין דער לופטן. אמת, די ארבעט קומט בעסער ארויס אצינד, אבער דאס איז אלץ פארן באלע־באס, און איר עלטערע מענטשן, מוזט כסדר שטיין מיט א פוס אויפן טרעטער, דריקן מיט אלע כוחות און האצקען זיך! דענקט איר, אז לאנג וועט איר קאנען אזוי אנהאלטן? אצינד וועלן מיר באטראכטן מיין פראפאזיציע:

איר קריגט, לאמיר זאגן, צו פיר וואכן שכירות — — — —

— מיר ווילן נישט הערן! מיר ווילן נישט קיין געלט! מיר'ן גיין צו דער עקזעקוטיווע!... מיר'ן זיך נישט לאזן אפקויפן! וואוהין שיקט איר אונז אויף די עלטערע יארן? — קולות פון עלטערע, פארצווייפל־

טע, הילפלאָזע מענטשן, האָבן אַנגעפּילט דעם אָפּיס פון רידזשוואָוד'ער יוניאָן־פּירער.

:: :: ::

ס'איז געווען אינמיטן זומער. דרויסן האָט די יולי זון געגליט. די פענצטער פונעם שאַפּ זיינען געשטאַנען צעפּראַלט. פון די ליידיקע לאַטס האָט עפּעס אַ ווינטל אַ בלאָז געטאָן. דער שאַפּ האָט געאַרבעט מיטן פולן „ספּיד". דער יונגער קראַוז האָט שוין געהאַלטן באַם פאַר־ווירקלעכן אַלע זיינע פּלענער: דער שאַפּ איז פאַרגרעסערט און רעאָר־גאַניזירט געוואָרן. איבער צוויי הונדערט מיט פופציק אַרבעטער האָבן זיך אַצינד דאָרטן געפונען. וואו אַ קער — יונגע פּנים'ער. דער פאַר־מאַן באַדי איז נישט אָפּגעטראָטן פון די מאַשינען, ביז די נייע, יונגע „הענט" זיינען „איינגעבראַכן" געוואָרן און די יונגע רירעוודיקע פינ־גער זיינען גאַנץ גיך „עקספּירנד" געוואָרן.

געאַרבעט „שווער" האָט דער רידזשוואָודער יוניאָן פּירער דזשי־מי... עטלעכע מאָל אין וואָך איז דזשימי אַהין געקומען מיט אַ פּעקל יוניע־אַפּליקאַציעס פאַר די נייע „הענט"... קיין אַנדערע טראָבלס האָט דזשימי דאָרטן ניט געהאַט. פון די אַלטע אַרבעטער איז מער קיינער נישט פאַרבליבן. פון די יונגע — האָט ער בלויז געשעפּט נחת: קיינס פון זיי האָט זיך פאַר אים נישט געקלאָגט, נישט געטראָבלט... הגם דער פאָרמאַן באַדי, וואָס איז אַצינד געוואָרן דער פולשטענדיקער באַלע־באָס איבערן אַרבעטער'ס דזשאָב, פּלעגט גאַנץ אָפט זיך איזדיעקעווען איבער זיי; יאָ יוניאָן, ניט יוניאָן.

דער יוניאָן־פּירער דזשימי איז איינמאָל אַריין צום באַלעבאָס אין אָפּיס און ער האָט געזאָגט:

— ס'איז אונז שווער צונויפצונעמען די „דיוס" פון אַזוי פיל מענטשן באַ אייך, מיסטער קראַוז. אייערע אָפּיס־מיידלעך וואָלטן דאָס פאַר אונז לייכט געקאָנט טאָן באַם אויסצאָלן די שכירות יעדע וואָך. איר ווייסט, אַז מיר האָבן אַלצדינג געטאָן פאַר אייך און מיר זיינען באַרעכטיקט צו אַ „סקווער דיל", מיסטער קראַוז!

— אָט־אַ־באָי!... אָט האָב איך געהערט אַ ריכטיק וואָרט! — האָט דזשעק אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט פון שמחה — אָט דאָס,

אייגנטלעך, וואס איך טענה: א „סקוועער דיל!” גוט, מאי באי! אבער לאמיר זיין אפנהארציק און ריידן ביזנעס: איך האב צופל אויפן קאפ, דזשים. מיין פארמאן באדי ווערט אויך אויסגעריסן אין שאפ: פאלג מיך א גאנג, גיב אכטונג אויף אזויפיל וואכן־„הענט”. קיין פינגער אין מויל באדארף איך דיר נישט לייגן, דזשים... איך האב באשלאסן צו בייטן דעם סיסטעם פון וואך אויף שטיק־ארבעט און פטור! נאכ־מער: איך וואלט געוואלט דעם „פרעסינג־דעפארטמענט” איבערגעבן צו א קאנטראקטאר. זאל זיך יענער דרייען דעם קאפ; טא, וואס־זשע זאגסטו, דזשים?

דזשעק האט געשמייכלט אונטער די וואנצעס ער האט געקוקט דעם יוניאן־פירער גלייך אין די אויגן, ווי ער וואלט אים געזאגט: „געדענק־זשע מיט וועמען דו הויבסט זיך אן!”. ער האט געעפנט א נייע קעסטל ציגארן. פארויכערט. און אנגעבאטן אים א ציגאר. דזשימי האט געדרייט מיטן קאפ אויף ניין און פארויכערט אן אייגענעם ציגאר־רעטל. ענדלעך האט ער זיך א הויב געטאן און ער האט געזאגט:

— אלרייט, מיסטער קראוז. מיר וועלן זיך נאך זען, מיר'ן איבער־ריידן...

3

דזשעקס אַנגעצייכנטע פּלענער זיינען שוין פאַרווירקלעכט געוואָרן: דער גאַנצער „פּרעסינג־דעפּאַרטמענט" איז אָפּגעגעבן געוואָרן צו אַ קאָנטראַקטער — אַ יונגן חברה־מאַן מיטן נאָמען סאַלי. דער רידזשאָנאַל יוניאָן־פירער דזשימי האָט דעם סאַלי׳ן רעקאָמענדירט, און אים געבראַכט אין שאָפּ אַריין. ער, דער קאָנטראַקטער האָט זיינע יונגע אַרבעטער געצאָלט אַ שיבוש פון דער וואָך...

די איבעריקע אַרבעטער פונעם שאָפּ האָבן געאַרבעט פון שטיק. אַזוי האָט דער באַלעבאָס געוואָלט און אַזוי איז געווען! און מיטן איינפירן פון שטיק־אַרבעט האָט זיך די לאַגע פאַר די אַרבעטער געענדערט; געענדערט אויף ערגער: דער פאָרמאַן באַדי האָט אַצינד בא שטיק־אַרבעט דווקא קיינעם ניט געיאָגט. דערפאַר אַכטונג געגעבן אויף די שטעך זיי זאָלן זיין וואָס קלענער, און די נעט — גלייכע; און דער לוין — איז נאָך מער פאַרקלענערט געוואָרן.

באַלד פונעם פרימאָרגן, האָט דער פאָרמאַן באַדי ווי אַ שטורעם זיך געטראָגן פון איין אַרבעטער צום צווייטן. געגנישטערט די געמאַכטע אַרבעט. פונקט ווי ער וואָלט עס אָנגעקוקט ס׳ערשטע מאָל אין זיין לעבן.

אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט ער אַ נעם געטאָן די געמאַכטע אַרבעט פון איטאַליענער פרענק, דאָס געשמיצט צום באָדן, און ער האָט געשיפּעט:

— ס׳איז נישט קיין אַרבעט, צום טייוול!

פרענק האָט געענטפערט אינעם זעלביקן טאָן:

— ס׳איז נישט קיין לוין, צום טייוול!

— דאָס האָט גאָרניט צו טאָן מיט מיר! איך בין דאָ אַ פאָרמאַן גענומענע אַרבעט וויל איך!

— און איך וויל עפּעס פאַרדינען! — האָט פרענק מיט אַ טאָן העכער געזאָגט.

— אלרייט, פרענק — האט דער פארמאן געשטשירעט מיט זיין שמאלער מארדקע און זיך גערוקט צו זיין שכן רובי, און דארטן אנ־געהויבן דעמזעלביקן שפיל.

מיט רובין האט דער פארמאן באדי נאך געהאט אלטע חשבונות. פון יענער צייט, ווען רובי האט בא אים געארבעט. ער, באדי, איז דעמאלט געווען א קאנטראקטער־באלעבאס פון א קליינעם שאפ, און איז בימער געווען צו זיינע ארבעטער. ווי ער איז דא געווען — א פאר־מאן... רובי איז עס געווען דער טשערמאן פון זיין שאפ — און א גור־טער טשערמאן איז רובי געווען! פארן באלעבאס האט ער ניט גע־טויגט, און באדי געדענקט עס גוט... זיכער וואלט ער דא רובין אויפן שוועל ניט ארויפגעלאזט. צום גליק איז רובי אנגעקומען ארבעטן דאר־טן מיט א צייט פריער פון זיין פארמאן און געוועזענער באלעבאס.

רובי איז אויך געווען פון די בעסטע ארבעטער פונעם פאד; דער שאפ האט זיך גענויטיקט אין זיין ארבעט. דאך, ווען ניט נעלי, די איטאליענערשע מיידל פונעם צווייטן מאשין, און האט געטאן דיזעל־ביקע ארבעט וואס רובי, וואלט ער דאס מאל זיכער פארלוירן זיין „דזשאב".

באדי איז געשטאנען איבער אים, איבער זיין אלטן שונא... און מיט רציחה געשטשערט ס'געמאכטע ארבעט. דער שפיץ נאז איז באם פארמאן ווייס געווען ווי קרייד. ס'האט אויסגעזען, אז אט ווארפט ער זיך אויף אים. רובי איז גרייט געווען דעם קאמף צו באגעגענען — און זאל נעמען א סוף! אבער ווער ס'וואלט געזיגט, רובי וואלט זיין „דזשאב" פארלוירן.

רובי האט באדארפט דעם „דזשאב", ער האט באדארפט לעבן! און ווי יעדעס מאל, ווען ס'האט געהאלטן שמאל מיט רובי'ס דזשאב, אזוי דאס מאל, האט די איטאליענישע מיידל נעלי, אוועקגעלייגט די הענט, און מיט איר מאדאנע־פנים א בליק געטאן אויפן פארמאן, ווי זי וואלט זאגן: אנו, פרואוו נאר!

נעלים אוועקלייגן די הענט האט דעם פארמאן פארטריבן. עס וואלט געמיינט: דער שאפ־סיסטעם זאל מיטאמאל אפגעשטעלט ווערן! דאס, האט ער מורא געהאט פארן באלעבאס... די רציחה האט אבער

נעברענט בא אים, און א קרבן האָט זיך געפּאָדערט. איז ער קריך אוועק צום איטאַליענער פרענק און ווידער אָנגעהויבן:

— כ'האָב דיר געזאָגט, פרענק, אז דאָס טויג ניט. מאַך עס שוין איבער!

פרענק האָט אים אָנגעקוקט, ווי יענער וואָלט פון זינען אראָפּ, און אים איגנאָרירט.

— פרענק! — האָט באַדי געשיפּעט — פרענק!...

פרענק האָט זיך א הויב געטאָן און געפרעגט:

— וואָס ווילסטו? זאָג!...

דער פאָרמאַן איז א פאַרציטערטער געוואָרן. ס'ביסל בלוט איז אים פון פּנים אַפּגעשטאָרבן און ער האָט אָנגעהויבן מיט א ווייכן טאָן:

— דאַרפסט זיך אזוי ניט אָנצינדן, פרענק. אָט זע, וואָס דו האָסט געטאָן: ברוינע סחורה גענייט מיט שוואַרצן פאָדים...

— איז וואָס? לייגט מען זיך אין דר'ערד לוויזיקער הונט!

דער לאַנגער פּנים האָט זיך באַם פאָרמאַן נאָך לענגער אויסגע־צויגן. די ציינער אין מויל האָבן אים געטרייסלט. געדאַכט האָט זיך, אַז ווער ווייס וואָס ער וועט דאָ טאָן. צום סוף האָט ער זיך אויסגע־דרייט און איז אוועק...

:: :: ::

א גאַנצע נאַכט האָט באַדי ניט געקאָנט איינשלאָפן. די ניכפּה האָט אים פון בעט געוואָרפן. געברענט האָט אין אים א ביטערער כעס, און גלייך פאַרטאָג איז ער אין שאַפּ געקומען מיט א פאַרטיקן פּלאַן:

— זאָל ער נאָר קומען, דער פרענק, אָט דער „בעסטער". ער, באַ־די וועט אים שוין ווייזן, צי ער איז א פאָרמאַן אין שאַפּ, אָדער א הונט, ווי פרענק האָט אים נעכטן אָנגערופן.

ער האָט געקוקט אויף דער שווערער שאַפּ־טיר און געביטן פאַר כעס די אונטערשטע ליפּ, בייז געוועזן אויף זיך אליין: וואָס איז מיט אים געווען נעכטן פאַרנאַכט? פאַרוואָס האָט ער, באַדי, באַלד אויפן אָרט ניט דערלאַנגט אָט דעם חלק וואָס ער וויל אים איצט געבן?

באַדי האָט פאַרויכערט א ציגאַרעטל, געבלאָזן דעם רויך, און אין געדאַנק זיך פאַרגעשטעלט, ווי די שווערע טיר צעעפנט זיך שוין,

ווי פרענק מיט א בלויזן קאפ מיט זיינע שווארצע קוטשמעס האר, באַ־
וויזט זיך, און ער, באַדי, ווארפט אים באַלד דורכן טיר ארויס...

ער האַט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ:

ניין, ער וועט פרענקן פריער לאָזן גיין צו זיין פּלאַץ. ערשט נאָכ־
דעם, פאַר אַלעמען אין די אויגן, אים א נעם טאָן באם קאָלנער: ארויס!
און גלייך אים נאָכוואַרפן זיינע געצייג...

ער האַט אַ נערוועזן שמייכל געטאָן. דער פּלאַן איז אים געפעלן.

אָבער וואו איז דער פרענק? ארבעטער האָבן אנגעהויבן קומען.
דער טיר־געקלאַפּ ווערט אַלץ זעלטענער, מ׳זעצט זיך שוין צו דער אר־
בעט, און פרענק איז ניטאַ. דער פאַרמאַן באַדי איז מיט יעדער רגע
אַלץ מער נערוועזער געווארן.

ענדלעך האָט ער צוגעשפּאַנט צו פרענק׳ס ליידיקן פּלאַץ, און עפּן
געטאָן דעם מאַשין־שופלאַד, דערזען, אז פרענק׳ס געצייג איז שוין
דאָרט אויך ניטאַ...

— אָט א „בעסטעד״ — האָט ער מיט גאַל געשיפעט — ער איז
ניט געקומען!..

4

פרענק'ס לײדיקער פּלאַץ, און דער מיט שוואַרצן איבערגעדעקטער מאַשין, האָט אויף רובי'ן אַ מורא אָנגעוואָרפן. יעדעס מאָל, ווען רובי האָט אַהין זײַנע אויגן געקערט, האָט זיך אים געדוכט, אַז אַ שטיק אײגנס איז אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ דערמאָרדעט געוואָרן... פרענק איז זײַן שכן געווען, און אַ נויטיקער שכן.

פרענק איז געזעסן בײַ דער אַרבעט אַ פאַרביטערטער קעגן זײַנע מיטאַרבעטערנס — די מיידלעך פונעם שאַפּ, „וואָס נעמען צו ס'ברויט פון אַ פאַמיליע־פאָטער, און אַרבעטן דאָ פאַר אַ שיבוש"... אַזוי פּלעגט פרענק טענה'ן דורכן טאָג. רובי האָט אים גאַנץ אַנדערש דערקלערט, אַז יעדער אײנער האָט אַ רעכט צו עסן אַ שטיקל ברויט, און ווײַל אוודאי וואָס מער פאַרדינען... פרענק האָט זיך צוגעהערט... און איצינד נאָך פרענק'ס אוועקגײן וועט ער דאַרפן וואָס גיכער זיך באַרעכענען וואָס מ'הויבט דאָ אָן צו טאָן...

נאָך פרענק'ס פאַרלאָזן דעם שאַפּ, האָט רובי, אָנגעהויבן טיפער אַרײַנטראַכטן וואָס ס'טוט זיך אַרום אים, און ס'איז קלאָר געוואָרן פאַר יעדן קער פון זײַן אַמביציעזן באַלעבאָס מיט זײַנע אָנגעצײכנטע פּלענער, אין דעם אופן, ווי זײַן פאָרמאַן באַדי פירט די פּלענער דורך פאַר אים. אין אָנהויב, ווען דער באַלעבאָס האָט זיך גענויטיקט אין די עלטערע פּרעסערס, איז די אַרבעט גוט געווען... און אַזוי גיך ווי דער באַלעבאָס האָט צוגעשטעלט די יונגע פּרעסער־אינגלעך, און זיי האָבן זיך „אײַנגעבראָכן" אין דער אַרבעט, האָבן די עלטערע פּרעסערס שוין דאָרטן מער ניט געקאָנט אַרבעטן, און די יונגע ווידער, האָט ער אײ־בערגעגעבן צו שקלאָפן פאַר אַ קאָנטראַקטער, און אַט אַזוי איז דער באַלעבאָס פּטור געוואָרן פונעם גאַנצן „פּרעסינג־דעפּאַרטמענט". אין דער זעלביקער צײַט האָט ער געביטן דעם סיסטעם פון וואָך אויף שטיק־אַרבעט פאַר דער מערהייט אַרבעטער פונעם שאַפּ. אַפּנים, אַז ער קען זיך שוין פאַרלאָזן איצינד אויף זײַן פאָרמאַן,—ער זאָל עם דורכ־

פירן פאַר אים, און פּטור ווערן פון די בעסער־באַצאָלטע אַרבעטער, ווי ער האָט געטאָן מיט פרענק'ן... פאַר רובי'ן איז אָבער אויך קלאָר געוואָרן, אַז דוקא אַצינד וועט ער דעם פּלאַץ ניט פאַרלאָזן, ווי פרענק

האָט געטאָן. אַצינד איז פאַר רובי'ן געווען די העכסטע אַמביציע דאָ צו אַרבעטן!...

ער איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, און פאַרשיידענע פּלענער געמאַכט, ווי צו ווערן בעסער באַקאַנט מיט די יונגע אַרבעטער פונעם שאָפּ און קריגן זייער צוטרוי. זיין שכנ'טע נעלי האָט אים פּלו־צים אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז דער מער מיט דיר, רובי? וואָס זיצסטו אַזוי דער־שלאָגן?

— אַ, — האָט רובי ווי פון שלאָף זיך אויפגעכאַפּט — איך טראַכט פון דיר, נעלי. צו וואָס אַרבעטסטו אַזוי שווער צו אַלדי קלאָגן?

נעלי האָט זיך צעשמייכלט:

— זיי נישט קיין נאַר, רובי. אינדערהיים דאַרט וואַרט מען אויף מיין לוין, — אַט פאַרוואָס!

— און איך האָב געמיינט, אַז דיין פאַרדינסט טראָגסטו אין באַנק אַריין, — האָט רובי כלומרשט געזאָגט.

— כאַ־כאַ־כאַ. ווער חלומ'ט פון אַזעלכע זאַכן, ווען דער טאַטע זיצט אָן אַרבעט.

— ביזטו די איינציקע פאַרדינערין אין דיין פאַמיליע? — האָט רובי ניט דרייסט געפרעגט.

— יאָ, מיין פריינט. אַצינד בין איך די שפּייזערקע פון 5 פּער־זאָן. כ'האָב נאָך צוויי שוועסטער שול־קינדער. מיין פאָטער האָט לעצטן חודש פאַרלוירן זיין „דזשאָב" און צרות פעלט ניט...

שפּעטער אַ וויילע האָט נעלי געזאָגט:

— ווייסט רובי, מיין מוטער וויל דיך זייער זען. זי איז זייער אַ וואוילע, מיין מאַמע. וואָלסט געקומען צו אונז אין שטוב אַריין?

רובי האָט געצויגן מיט די אַקסלען:

— צו וואָס, נעלי? דיין מוטער ווייסט דען ווער איך בין?

— יאָ, זי ווייסט. כ'האָב איר דערציילט וועגן דיר.

— וואָס אַ שטייגער האָסטו אַזוינס דערציילט, אַז זי זאָל מיך וועלן זען?

זי האָט געשוויגן נעלי.

ער האָט געקוקט אויף איר פּראָפיל, ווי זי רויטלט זיך. ער האָט אָנגענומען איר האַנט און ווידער געפרעגט:

— וועסט מיר טאַקע ניט זאָגן נעלי?

— כ׳האָב מורא דו וועסט לאַכן פון מיר — האָט זי מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן געזאָגט — יאָ, מיר איטאַליענער דערציילן אַלץ דער מאַמען...

— אָבער וואָס האָסטו דיין מאַמען דערציילט וועגן מיר? — האָט ער שטאַרק אַ דריק געטאָן איר האַנט.

— לאָז מיר אָרבעטן! אַלע קוקן אויף אונז! — האָט זי מיט כעס געזאָגט.

ער האָט איר מער ניט געפרעגט. גלייכצייטיק האָט זיך עפּעס געפלאָנטערט באַ אים. געטראַכט האָט ער, אַז זיכער וויל איר מוטער אים זען און פאַרזאָגן אים, ער זאָל זיך אָפּטשעפּען פון איר נעלי׳ן... און זיכער וועט זי, די מאַמע, האָבן טענות צו אים, אַז צוליב אים, דעם אידן, האָט נעלי אויסגעטאָן דאָס גאָלדענע צלמ׳ל פונעם האַלז; צוליב אים, דעם אידן, האָט איר טאָכטער אויפגעהערט באַזוכן יעדן זונטיק די קירך. ער געדענקט טאַקע, נעלי האָט אים דערציילט ווי פרום איר מאַמע איז! פאַר זיינע אויגן האָט זיך בעת מעשה אַ בילד געמאָלן: ער קומט צו איר אין שטוב אריין. דער טאַטע, מיט אַ פאַרביסענעם פּנים, גיט גלייך אַ בורטשע... און די מאַמע, אַ הויכע, אַ דאַרע, מיט אַ פרום אויסגעטריקנטן פּנים, בעט אים כלומרשט זיצן. אָבער אירע האַלב צוגעמאַכטע אויגן מיט איר גאַנצן אויסזען, דערמאָנט אים אַז דער „שוועכטע מאַריאַ״, וואָס שטייט איינגעהילט אין ווייסן פאַרן טיר פונעם קלויסטער באַ אים אין שטעטל. און ביין איז די מאַמע! ווען זי רעדט ציטערן איר די ציינער אין מויל...

ער האָט אַ ציטער געטאָן, רובי, און אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ, און דערזען ווי דער פאַרמאַן באַדי מיט זיין אויסגעצויגענעם שאַרפן פּנים האָט זיך פּלוצים באַוויזן און זיך געררוקט צו פרענק׳ס לײדיקן פּלאַץ.

דער פּאַרמאַן האָט אַ כאַפּ געטאָן די שוואַרצע שמאַטע פונעם מאַשין, אים צעשרויפט און צורעכט געמאַכט. אַ ווײַלע שפּעטער איז צום פּלאַץ אַ נײַע יונגע לערן־מיידל צוגעקומען...

:: :: ::

מיטיק־צײַט האָט דער שאָפּ ווי נאָך אַ שלאַכט אויסגעקוקט. בערג־אָנגעוואָרפענע אַרבעט זײַנען אויפן באָדן צעלייגט געוואָרן. דער מאַשין־געררויש איז פאַרשטומט געוואָרן, רו־צײַט איז געקומען. אַרבע־טער, אַרבעטערנס, יונג און אַלט האָט זיך אין גרופּעס אײַנגעטיילט. אײַנענע מיט אײַגענע האָבן זיך אין אַ קרײַז אויסגעזעצט. אַ פּאַפּיר־טאָרבקע פון אַלדאָס גוטס מיטגעבראַכט און מיטן ביסן זיך געטיילט. אַרבעטער זײַנען צום וואַסער־קראַן אַוועק, פלעשער וואַסער איז זיך געצויגן און דעם דאָרשט געלעשט. נאָכדעם דעם קאָפּ אונטערן קאַלטן קראַן אונטערגעשטעלט...

דער שאָפּ־טשערמאַן ספּענע איז נעבן דער נײַער לער־מיידל גע־שטאַנען. מיט אַ פּאַפּיר און פּען גרייט אין האַנט, האָט ער זי געפרעגט:

— ווי רופט מען דיך, מיידעלע?

— פּעני! — האָט דאָס מיידל געפּישטשעט.

— ווי אַלט ביזטו פּעני טײַערע?

— 17. יאָ 17 — האָט זי איבערגע׳חזר׳ט.

— זיי וויסן פּעני — האָט ספּענע געזאָגט — דאַרפסט ווערן אַ „יוניאָן־לײדי”. כ׳וועל דיר שוין באַזאָרגן מיט אַ יוניאָן־ביכל.

ספּענע האָט גענומען אַ צווייטן פּאַפּיר מיט אויסגעשטעלטע נע־מען. ער האָט אַ וואונק געטאָן צו דער פּעטינקער דזשעסי, און זאַלבע־נאַנד געשפּאַנט פון איין אַרבעטער צום צווייטן און געזאָגט:

— דיך רופט מען מערי! פּאַרדאָן, כ׳מיין די שיינע מערי... אַל־זאָ, מיר מאַכן אַ שטיקל פּרעזענט פאַר אונזער יוניע־פירער דזשימי — וויפל זאָל איך פאַרשרײַבן? ווי לעצטן מאָל אַ דאָלער מיט אַ האַלבן? אַלרייט, אָט פאַרשרײַב איך...

—און דיך רופט מען אַלבערט. אַ יאָ? וויפל פאַרשרײַבן? אַזוי ווי מערי, האָ? — און איר אַלע וואָס שטייט דאָ? ווי לעצטן מאָל?.. ווי מערי?... אַלרייט!

פאַר די פּרעס־מאַשינען אויף אַ טיש זיינען האַלב נאַקעטע פּרע־סער־יונגען געלעגן. זייערע יונגע שטייפע לייבער האָבן פון די אָפענע העמדער זיך געריסן און געלאַקט. מיידלער אַנטקעגן, אין לייכטע אָר־בעט־קליידער, האָבן זיך איבער די יונגען געבויגן, סודות דערציילט און געלאַכט.

די פּעטינקע דזשעסי מיטן פאַריסענעם נעזל איז דערביי געשטאַ־נען אַן אַנגעבלאָזענע ווי אַ הענדיטשקע, און מיט גיפט געקוקט אויף דער שוואַרץ־חנ'עוודיקער מערי, וואָס איז אַהער געקומען זיך סוד'ען מיט דעני'ן...

— דעני! — האָט דזשעסי מיט געבעט אים גערופן — דעני!..

מעריס אויגן האָבן זיך געצונדן. מיט אַ שמייכל האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— גיי שוין דעני, גיי... די קאַטשקע רופט דיך.

די ארומיקע האָבן אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער.

דזשעסי'ס אויגן זיינען פול געוואָרן מיט טרערן. ספּענע דער טשערמאַן האָט איר אַ נעם געטאָן פאַר די ווייכע נאַקעטע אָרעמס און ער האָט געזאָגט:

— וויין ניט, דזשעסי טייערע... אַ בין איך דאָ — אָט זע...

ער האָט זיך איבערגעבויגן און געוואָלט איר אַ קוש טאָן, אָבער דזשעסי האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אים און ספּענע האָט אָנגעהויבן פונדאַסניי:

— מיר קלייבן צונויף אַ שטיקל פּרעזענט פאַר אונזער דזשימי — איר פאַרשטייט... אַלע טראָגן צו אַ מינימום פון אַ דאָלער מיט אַ האַלב ווי שטענדיק.. און איר אַלע, דער „באַנטש” וועט ווי פריער זיך ניט אַנטזאָגן — אַ יאָ? פאַרשרייבן?!

— איך גיב ניט אַ פּעני פאַר דעם, און קיינער באַדאַרף ניט גע־בן! — האָט רובי שטייענדיק דערביי זיך אָפּגערופן.

ספּענע האָט אים אָפּגעמאָסטן פון הויבן אַראָפּ און כלומרשט אַ לאַך געטאָן:

— אָט נאָ דיר גאָר... מוזט עס לאַכן, רובי!

— ניין ספּענע. איך מיין ערנסט וואָס איך זאָג. וואָס איז דאָס

פאר א „ביזנעס" רייסן פון אונז יעדעס מאל פּרעזענטן פאר דזשימיז? וואָסי? ער קאָן ניט אויסקומען מיט זיינע שכירות? און בכלל וואָלטן מיר באַדאַרפט וויסן, פאַרוואָס קומט דזשימיז פּרעזענטן? וואָס האָט ער אַזוינס אויפגעטאָן פאַר אונז? דערקלער עס ספּענע פאַר אַלעמען!

רובי'ס קול האָט אָפּגעקלונגען איבערן שאָפּ. ער האָט זיך געדוקט נענטער צום טיש וואו די יונגע פּרעסער זיינען געווען און געקוקט אויף אים מיט באַוואונדערונג. דער גערעמל איז געוואַקסן מיט יעדער מינוט. אַרבעטער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום פּרעסער־טיש. ספּענע האָט אַלעמען באַגעגנט מיט אַ וואויל־יונגעריש שמייכל, און וואויל־יונגעריש האָט ער געזאָגט:

— אַזאַ חכם ווי דו האָב איך שוין לאַנג אויסגעשפּיגן... וועסט ניט געבן מיט גוטן — וועסטו סיי ווי מוזן געבן...

— אויב אַזוי, טאָ וואָס מאַכסטו דאָ אונז אַלעמען פאַר יאָלדן?

— האָט רובי זיך ריכטיק פאַנאַנדערגעלאָזט — איך וועל אָבער אויך ניט שווייגן — געדענק ספּענע! איך וויים וואו אַ טיר עפנט זיך...

— זע פריער זאָלסט דעם קאָפּ ניט ברעכן, פאַרפוילטער פּיסק! — האָט רובי אים אין פּנים אַריינגעלאַכט.

דער קאָנטראַקטער סאַלי איז צום טיש צוגעקומען און גערופן די פּרעסער די מאַשינען צוגרייטן.

:: :: ::

ס'איז שוין געווען שפּעט נאָכמיטיק. פאַר די פּרעס־מאַשינען זיינען געלעגן סטירדעס אַרבעט, אָנגעגרייט אַז מען האָט קוים די פּרעסער אַרויסגעזען. פּרעסער האָבן אויף זייערע מאַשינען זיך געהאַצקעט, גע־איילט. מיט יעדער טרעטער־דרוק אַ כוואַליע מיט פאַרע אויסגעשפּיגן און איינגעהילט זייערע שווייסיקע לייבער. דער יונג סאַלי, דער באַלע־באָס זייערער, איז מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל און מיט אַ טוכענעם צו־געשניטענעם פאַרטעכל איבער די לענדן, יעדער וויל צו די מאַשינען צוגעקומען און געריסן פון די הענט און געציילט בעת מעשה יעדנס געפּרעסטע אַרבעט און פאַרצייכנט וואָס יעדער מאַכט... די פּאַרטיקע — אָוועקגעטראָגן צום עקזאַמען־טיש און אַ פרישן געפּעק צושלעפּן

געבראַכט און דאָס אונטער דער נאָז אונטערגערוקט מיט אַ בורטשע צונגלייגט:

— גיכער... גיכער... דאָס דאַרף שוין פאַרטיק ווערן!

די פּרעסער האָבן זייער סאַלי'ן געקאַנט, אים געהאַסט ווי דעם טויט. זיי האָבן אָבער פאַרשטאַנען אַז דעם חברה־מאַן באַדאַרף מען איגנאָרירן אויב זיי ווילן דאָ אַרבעטן... דעם נאָכמיטיק, נאָכדעם ווי זיי האָבן מיטיק־צייט זיך צוגעהערט ווי דער איד רובי האָט „איינגע־טענה'ט" מיט זייער טשערמאַן ספּענע, זיינען זיי געשטאַנען פאַר־טראַכטע... און ווען זייער באָלעבאָס האָט זיי אונטערגעבורטשעט, האָט דער יונגער פּיל, בעת ער האָט זיך געהאַצקעט אויפן פּרעס־מאַשין, גע־זאָגט צו זיין חבר דעני וואָס איז געשטאַנען קעגנאיבער אים:

— ווי געפעלט דיר דעני אָט דער רובי, ווי מ'רופט אים? האָסט געהערט וואָס ער האָט געזאָגט? כ'בין סורפּרייזט...

— מיר געפעלט ער שוין גאָר — האָט דעני געענטפערט — ער לאָזט זיך ניט שפּייען אין פּנים. יאָ, פּיל, דער בחור האָט מער קוראַזש ווי מיר!...

פּיל האָט געשוויגן. ווי ער וואָלט מודה געווען, אַז זיין חבר דעני האָט רעכט. וואָלט אַנדערש געווען, וואָלטן זיי דעם באָלעבאָס זייערן שוין לאַנג געפּאַטערט, און געאַרבעט אונטער די זעלבע באַדינגונגען צוגלייך מיט אַלע אינעם שאַפּ. ער האָט באַלד זיך אָפּגערופן און גע־זאָגט:

— דו מעגסט זיכער זיין דעני, ווען דער רובי האָט אַזאַ באָלעבאָס ווי מיר, וואָלט ער אים שוין לאַנג געפּאַטערט. יאָגט און טרייבט פאַר די עטלעבע לויזיקע דאָלער אַ וואָך, און מיר נעמען אַלץ צו — — —

— ווייסט וואָס מיר איז איינגעפאַלן, פּיל — האָט דעני אים איי־בערגעשלאָגן — מיר וואָלטן אים באַדאַרפט זען... דער בחור ווייסט.. לאָמיר ביידע אים היינט טרעפן נאָך דער אַרבעט! וואָס דענקסטו, פּיל?

סאַלי איז אָנגעקומען און זיך געבייזערט:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פּלאַפּלען אינמיטן דער אַרבעט צו אַלדי שווארצע יאָר? אָט דאָס וואָס איר זעט מוז באַלד פאַרטיק ווערן, האָב איך געזאָגט!

5.

דער יונגער קראוז איז געזעסן אין זיין אָפיס פּאַרטיפט אין א פּאַק פּרישע באַשטעלונגען. די אָפיס־טיר האָט זיך געעפנט און ס׳איז אריינגעקומען דער יונגער פרעסער דעני. דזשעק האָט זיך א כאַפּ געטאָן און געפרעגט:

— וואָס האָט דיר געבראַכט אהער, דעני?

דעני׳ס יונגער שלאַנקער קערפּער האָט זיך נערוועז געוויגט. ער האָט שווייגנדיק געקוקט אויפן באַלעבאָס, ווי ער וואָלט פּלוצים פאַרלוירן ס׳לשון. ענדלעך האָט ער געזאָגט:

— איך בין געקומען פרעגן, מיסטער קראוז. אלע פרעסער ווילן עם וויסן, צי זיינען מיר גלייכבאַרעכטיקטע ארבעטער אין שאַפּ, צי נים?

דזשעק האָט אים דורכגענומען מיטן בליק. זיין לאַיערישער קאָפּ האָט אים שוין דערקלערט וואוהין דער חברה־מאַן צילט. ער האָט זיך אָבער גע׳חידוש׳ט וואָס פּלוצים קומט ער אינעם נאָמען פון אלע פרעסער...

— אקעגן וואָס פרעגסטו, דעני? — האָט ער טאַמעוואַטע געפרעגט.

— איך וויל דערקלערן — האָט דעני ס׳לשון געקראַגן — אלע אין שאַפּ ארבעטן דירעקט פון דער פירמע. בלויז מיר פרעסער ארבעטן פאַר א קאָנטראַקטער. מיר מאַכן נישט קיין לעבן, מיסטער קראוז, אַט וואָס!

— צוליב דעם ביזטו געקומען צו מיר אינמיטן דער ארבעט? האָסט א יוניאָן, גייט מען דאָרטן! דעני, די גאַנצע זאַך האָט מיט מיר נישט צו טאָן, פאַרשטייו עס.

דזשעק האָט צוגעשמייכלט מיט יעדן וואָרט וואָס ער האָט געזאָגט און געוואָלט פון אים פּטור ווערן. ס׳איז אים פּלוצים איינגעפאַלן צו פרעגן:

— יאָ, וואָס עפּעס פּלוצים היינט? האָבן די פּרעסער פאַר עמיצן זיך באַקלאָגט?

— פאַר קיינעם ניט, אויסער דעם שאָפּ־טשערמאַן, מיסטער קראַוז. ער איז אָבער אָנגעפאַלן אויף אונז, דער טשערמאַן, און אונז געשיקט צום טייוול.

דזשעק האָט אַ שמייכל געטאָן און ער האָט געזאָגט:

—מיין ליבער דעני. אומזיסט נעמסטו מיין צייט אַוועק. אַט זע וואָס ס'ליגט פאַר מיר צו דערלידיקן... דערווייל באַרואיק זיך דעני, גיי אַרבעטן!

אַן אומצופרידענער איז דעני אַוועק אַרבעטן. דזשעק האָט אים נאָכגעקוקט אַ פאַרטראַכטער...

:: :: ::

נאָך דער אַרבעט האָט דעני גענומען מיט זיך זיין חבר פיל און זיך געלאָזט צו זייער יוניאָן־פירער דזשימי, ווי רובי האָט זיי פאַר־זאָגט בא דעם לעצטן צוזאַמענקונפט.

דרויסן האָט געשטיקט די היץ. דער וועג פאַר זיי איז באַלאַגערט געווען פון מאַמעס מיט קינדער־וועגעלעך. זיי האָבן געשפּאַנט שטילע, פאַרטראַכטע. פון דעם לעצטן צוזאַמענקונפט זייערן מיט רובי'ן, פון וועמען זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז זייער יוניאָן־פירער דזשימי, צו־זאַמען מיטן טשערמאַן ספּענע, האָבן זיי פאַרקויפט צו דעם באַלעבאָס זייערן, סאַלי, פאַר גוט געלט... זיינען זיי געווען דערצאָרנט. און ווען זיי האָבן אָנגעקלאַפּט אינעם גלעזערנעם אָפיס־טיר, האָט זיי דער יוי־ניאָן־פירער באַגריסט מיט אַ שמייכל אונטער די וואָנצעס, ווי ער וואָלט שוין אַלעס וויסן...

— נו, וואָס ווילט איר ברידער?

דעני האָט געזאָגט:

— מיר זיינען אַהער געקומען פאַר איין צוועק, דזשימי. מיר ווילן מער ניט אַרבעטן פאַרן קאָנטראַקטער. מיר זיינען יוניאָן־מיטגלידער, מיר צאָלן דער יוניאָן צוגלייך מיט אַלע אַרבעטער פונעם שאָפּ, און מיר ווילן אַרבעטן אונטער די זעלבע באַדינגונגען ווי יעדער פונעם שאָפּ. אָט וואָס מיר ווילן!

דער יוניאָן־פירער דזשימי האָט שוין געהאַט א פאַרטיקן ענט־פער:

— ס'טוט מיר לייד אייך צו זאָגן ברידער. איצט, אינמיטן סעזאָן איז אומעגלעך עפּעס צו טאָן... שפּעטער וועלן מיר זען.

— און דערווייל... זאָלן מיר שוויצן בא די פּרעס־מאַשינען און סאַלי דער קאָנטראַקטער זאָל אוועקנעמען אונזער געלט? א שיינער יושר, דזשימי! — האָט דעני פּראָטעסטירט.

דזשימי האָט געשוויגן. זיין שכל האָט אים אזוי דיקטירט, אז צום בעסטן פאַר אים אצינד איז שווייגן... גלייכצייטיק האָט ער גע־פילט, אז א בייזער שטורעם רוקט זיך פון ערגעץ אויף אים. א שונא, א בלוטיקער שונא זיינער איז הינטער דעם ערגעץ פאַרשטעקט... דאָס האָט דער יוניאָן־פירער דערקאַנט מיט זיינע געניטע אויגן.

— ווער איז דאָס אָט דער קאָנטראַקטער סאַלי, איז ער א פריינט דיינער? — האָט דער יונגער פיל פּלוצים א פרעג געטאָן.

— אַלע אַרבעטער זיינען מיינע פריינט — האָט דזשימי א גע־צוואונגענעם שמייכל געטאָן.

— ווי ס'ווייזט אוים זיינען מיר פּרעסער ניט קיין אַרבעטער, און ניט דיינע פריינט — האָט פיל אים א ביס געטאָן.

— ביזט א ביטערער חברה־מאַן — האָט דזשימי געזאָגט.

ס'איז שטיל געוואָרן. די שטילקייט איז דזשימי'ן אין די ביינער געקראָכן. געפילט האָט ער, אַז אָט די יונגע חברה, וואָס זיצן קעגנאיי־בער זיין שרייב־טיש, ווייסן שוין אַלצדינג... און זיינען אהערגעקומען זיך גריבלען אין זיינע געהיימע געשעפטן... אזעלכע ווי די האָט דזשימי פיינט געהאַט ווי דעם טויט; מיט אזעלכע האָט ער שוין געוואוסט ווי זיך צו באַגיין... אָבער יענע שונאים זיינען זיינען די מערסטע געווען עלטערע, אויסגעאַרבעטע מענטשן. א טייל פון זיי האָבן זיך פּשוט גע־קוואָפּעט צו קריגן א גרעסערן חלק פאַר זיך... אצינד אָבער זיצן אקעגן אים מענטשן יונגע מיט פייערדיקע אויגן, וועמען א באַהאַלטענער שונא זיינער האָט אונטערגעצונדן... ניין, פון אויסקויפן זיך קאָן דאָ קיין רייד ניט זיין!... און מיט אזעלכע שונאים באַדאַרף מען זיין מער ווי פאָרזיכטיק.

— וואָס בלייבט מיט אונזער פּאַרלאַנג, ברודער דזשימי? — האָט דעני איבערגעריסן די שטילקייט.

— אַט דאָס וואָס איך האָב געזאָגט — האָט דזשימי אַנטשלאָסן געענטפערט און זיך פּרובירט אויפהויבן פון פּלאַץ.

— וואַרט א ווייל — האָט פיל זיך אָפּגערופן — איך וויל וויסן ברודער דזשימי, פאַרוואָס סיי דער באַלעבאָס, סיי דער טשערמאַן פּפענע און סיי איר — איר אַלע זענט אַזוי פאַראינטערעסירט, אַז מיר מוזן אַרבעטן פאַרן קאָנטראַקטער? מיר ווילן עס וויסן, ברודער דזשימי! — האָט פיל פעסט געזאָגט.

דזשימי האָט זיך א הויב געטאָן און מיט כעס געזאָגט:

— דו ביזט ניט מיין פּראָקוראָר, איך בין דיר נישט מחויב צו ענטפערן.

ער האָט תיכף אַן עפן געטאָן די טיר און ער האָט געזאָגט:

— א גוטע נאַכט!

:: :: ::

ביז שפּעט באַנאַכט איז רובי געזעסן מיט די פּרעסער און זיך באַ־ראַטן וואָס ווייטער צו טאָן. און אויף מאָרגן זיינען די פּופּצן פּרעסער צו דער אַרבעט געקומען פּונקט אין צייט. אָבער זיי זיינען געשטאַנען באַ די פּרעס־מאַשינען און ניט גערירט מיט די הענט...

דער קאָנטראַקטער סאַלי איז געקומען צו לויפן מיט א געוואַלד:

— וואָס איז געשען „באַיעס?" וואָס פאַר א שוואַרץ יאָר?...

— האַלט ס'פּיסק „פּאַרקויפטע פעל!" — האָבן פייערדיקע אויגן געבליצט אויף אים.

אין שאַפּ איז געוואָרן א געטומל. דער באַלעבאָס האָט דורכן טע־לעפאָן גערופן דער יוניאָן.

— האַלאָו דזשים! דער יונגער קראַוז רעדט!

— א נייע מכה, דזשים... א זיץ־סטרייק — יאָ, ווי זאָגסטו? א שטיי־סטרייק. דער רוח וויים פונוואַנען?!

— האָסט עס דערוואַרט? — האָ? — האָ! כ'וויל נישט וויסן, כ'מוז האָבן די אַרבעט!

— וועסט מיר שיקן באַלמעלאַכעס? הערסט דאַך, זיי רירן זיך נים פון די פּרעס־מאַשינען — ווי?...

— ס'איז מאָדערנע? א גליק אויף דיין באַבען! — אַלרייט, כ'וואַרט.

דזשעק האָט מיט רוגזה די טרובקע א שליידער געטאָן.

:: :: ::

איבערן גאַנצן שאַפּ האָט די דאַזיקע נייעס זיך צעטראָגן. אַרבעטער האָבן זיך פון די פּלעצער געהויבן און מיט די אויגן אהין געקוקט. פון א געלן שטיק פּאַפּיר האָט דעני צוויי שילדן געמאַכט. אויפגעשריבן מיט גרויסע אותיות:

ALL THE PRESSERS OF THE SPORT MANUF' MAURICE KRAUS & SONS ARE ON STRIKE

די דאַזיקע שילדן אויף שטעקנס צוגענאָגלט און מיט דעם צוויי פּרעסער געשיקט פאַר א פּיקעט־קאַמיטע, זיי זאָלן דאָס אין גאַס פאַרן שאַפּ אַרומטראָגן.

אינעם שאַפּ־געטומל האָט רובי פונעם פּלאַץ זיך אויפגעהויבן און צוגעשפּרייזט צום שאַפּ־טשערמאַן.

ספּענג דער טשערמאַן האָט געהויבן מיט די אַקסלען: זאָל ער קרענקען, אויב ער האָט אָנגעהויבן צו ווִיסן וואָס די פּרעסער גייען דאָ טאָן. און בכלל, אַז דער יוניאָן, אַז דזשימין, וועט ער גאַרנישט טאָן.

— אָבער וואָס ווֶעסטו טאָן ברודער טשערמאַן, ווען דזשימי דער יוניאָן־פירער וועט אהער שיקן אַנדערע פּרעסער צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די וואָס סטרייקן? וואָס ווֶעסטו טאָן, ברודער טשערמאַן?...

ספּענג האָט נים געענטפערט.

רובי איז געשטאַנען געבויגן איבער אים און געפאָדערט א קלאָרן ענטפער. אָבער ספּענג האָט אים אינגאַנצן איגנאָרירט.

— דו באַדאַרפסט אָפּשטעלן די אַרבעט אין שאַפּ! דאָס איז דאָך א יוניאָן־שאַפּ — האָט רובי אים נישט אָפּגעלאָזט.

— ספּענג האָט א הויב געטאָן דעם קאָפּ און מיט א געבייזער געזאָגט:

— זאָלסט מיר שוין אויפהערן דרייען דעם קאָפּ, דו הערסט? כ'האָב געזאָגט, אַז כ'קאָן דאָס נישט טאָן — ניין! איך טאָר עס נישט טאָן, ס'איז קעגן דער יוניע.

— קעגן דער יוניע פאַרטיידיקן סטרייקערס? מיר זאָלן דאָ אַר־בעטן מיט סקעבס? וואו האָסטו דאָס געלערנט, ספּענע? — האָט רובי געדונערט.

— וואָס פאַר אַ טייוול ביזטו אין דעם שאַפּ? מישט זיך מיר צו־פיל! דערווייל בין איך דער שאַפּ־טשערמאַן! — האָט ספּענע זיך אַ שטעל געטאָן.

די איטאַליענישע מיידל נעלי איז פּלוצים אויסגעוואַקסן אַרום זיי. זי האָט גענומען רובין באַם האַנט, אים צוגעפירט אַרבעטן און זי האָט געזאָגט:

— טו עס ניט, רובי, איך בעט דיך. אַלע דאַרטן — זעסטו, קוקן אַהערצו. קוק ווי דער פאָרמאַן איז אוועק צו ספּענע, מסתמא זיך דער־וויסן וואָס דו האָסט אים געזאָגט...

— מיך אַרט ניט, נעלי. זע מיינע הענט ווי זיי ציטערן... ניין נע־לי, מיך אַרט נישט אַצינד גאָרנישט. זאָלן זיי טאָן מיט מיר וואָס זיי ווילן.

רובי האָט אוועקגעלייגט זיינע ציטערדיקע הענט אויפן פּלענט. אַ געדאַנק איז אים געקומען, אוועקצוגיין צו דזשימין אין דער יוניאָן און וואָרענען אים ער זאָל ניט שיקן קיין סקעבס אין שאַפּ אַריין. נעלי האָט זיך אויסגעדרייט צו אים און זי האָט געזאָגט:

— באַרואיק זיך רובי. כ'וויל דיך נישט פאַרלירן. כ'וויל זאָלסט דאָ זיצן לעבן מיר. ס'איז מיר בעסער אַזוי — האָט נעלי שטיל ארויס־געזאָגט.

— מיט וואָס איז בעסער נעלי? זעסט ניט וואָס דאָ טוט זיך?

— בעסער...

— און אַז מ'וועט מיך אוועקשיקן פון דאַנען וואָס וועסטו טאָן? ס'האַרץ זאָגט מיר, אַז לאַנג וועל איך דאָ ניט אַרבעטן.

— זיי ניט קיין נאַר, רובי. מ'וועט דיך פונדאַנען ניט אוועקשיקן אַליין. איך גיי מיט דיר. איינע אַליין וועל איך דאָ ניט פאַרבלייבן.

— רעדסט ווי א קינד, נעלי. איינע אליין מיט אזויפיל מענטשן אין שאפ? כ׳פארשטיי דיר ניט, נעלי.

— יא, רובי. כ׳פיל מיר זיכערער ווען דו זיצסט לעבן מיר... כ׳קען מיר גארניט פארשטעלן ווען, ווען דו וועסט דא ניט זיין...

— פאר מיר איז דאס א סורפריז, כ׳וואלט עס קיינמאל ניט גע־גלויבט, נעלי.

נעלי האט מער גארנישט ניט געזאגט.

:: :: ::

ווען דזשימי דער יוניאן־פירער האט אויפגעהאנגען די טעלעפאן־טרובקע אינעם שמועס מיטן באלעבאס, האט ער פארויכערט א ציגא־רעטל, געעפנט די טיר פונעם אפיס אין לייבאר־ביורא.

ארבעטלאזע זיינען דארט געווען גענוג, און דזשימי האט געקליבן באלמעלאכעס זייער פארזיכטיק. דזשימי האט נישט געוואלט אז די ארבעטער פון לייבאר־ביורא זאלן זיך דערוויסן פונעם גאנצן עניין... איז ער פאמעלעך ארומגעקראכן צווישן מאסן ארבעטער און אויסגע־קליבן פון זיי אט די, פון וועלכע ער האט געדענקט, אז זיי קאנען האל־טן א סוד און זיינען בכלל „א. קעי"... איינציקע ארבעטער זיינען אויפן וואונק אין זיין אפיס גערופן געווארן. איינער האט פון צווייטן ניט געוואוסט. יעדערער האט א יוניאן־קארד געקראגן, און שוין — אהינגיין!

מיט פרייד האבן ארבעטער אהין געשפאנט. מחמת, דער שאפ פון מאריץ קראוז ענד סאן, האט ארבעט א פולן יאר — אט דאס, וואס ארבעטער זיינען אזוי זשעדנע. מער פארדינסט, ווייניקער פארדינסט — אבי ארבעטן!... דערפאר איז די שמחה אזוי גרויס געווען, און יעדער ארבעטער האט בא זיך געטראכט, אז ער איז שוין געהאלפן געווארן...

פארן שאפ־טיר האבן די איינצלנע ארבעטער זיך צונויפגעקליבן און א סקרוד איז דורך זייערע לייבער. א פיינלעכער ספעקטאקל איז פאר זייערע אויגן געשטאנען. סטרייקער מיט שרייענדיקע שילדן האבן פאר זיי די שאפ־טיר פארשטעלט, דערציילט פאר זיי אזוי און אזוי, און געבעטן זיי, ווי יוניאן־ברידער, אז זיי זאלן זיך שוין קריק ציען! די געשיקטע ארבעטער האבן זייערע יוניאן־קארטלעך געצויגן, באווי־

זן שוואַרץ אויף ווייס, און מיט די אַקסלען געקוועטשט — אַזוינס זאָל אין אַ יוניאָן פּאַסירן!...

דער פאָרמאַן באַדי איז פון שאַפּ אַרויסגעקומען. ער האָט גערופן די נייע אַרבעטער אין שאַפּ אַריין, און בעת מעשה געוואָרנט די סטרייקער: אַזוי זאָל ער געזונט זיין, ווי ער רופט שוין פּאָליציי, און איז צוריק אַריין אין שאַפּ.

אַ ווײַלע שפּעטער איז פּאָליציי אָנגעקומען. ביידע צדדים האָבן פאַר פּאָליציי זייערע טענות געבראַכט. אַ געטומל איז געוואָרן: די שטילע רידזשוואודער גאַס איז מיטאַמאָל אָנגעפילט געוואָרן מיט נייגעריקע מענטשן. דער יוניאָן־פירער דזשימי האָט זיך פּלוצים באַוויזן. ער האָט די נייע אַרבעטער אָן אַ זייט אָפּגערופן, זיך גע׳סוד׳עט און גע׳טענה׳ט צו זיי, אַז זיי זאָלן גיין מיט אים אין שאַפּ אַריין און ס׳וועט רעכט זיין! אַרבעטער האָבן זיך גע׳ישוב׳ט און באַשלאָסן דערווייל אַהיים גיין...

דזשימי איז אין שאַפּ אַריין, גערעדט מיטן באַלעבאָס אינעם אָפּיס, דערנאָך געפּרואווט ריידן צו די סטרייקער, זיי צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן — אויף שפּעטער... דעם גאַנצן טאָג האָט זיך דאָרטן געטומלט. אָבער בלויז צווישן די פּרעסער. דער שאַפּ האָט געאַרבעט גאַנץ געשמאַק.. און ווי ס׳איז געווען צו דערוואַרטן — האָט זיך מיט גאָרניט אויסגעלאָזט פאַר די סטרייקער!...

:: :: ::

מיט פאַרביטערטע הערצער זיינען די פּרעסער צוריק צו דער אַרבעט געקומען. איינער האָט דעם צווייטן אין די אויגן ניט געקאָנט קוקן, ווי זיי וואָלטן זיך געשעמט מיט זייער ערשטן דורכפאַל.

דער יונגער סאַלי, דער קאָנטראַקטער זייערער, האָט געשמייכלט אונטער די דינינקע וואָנצעס. זיין פּאָזיציע אין שאַפּ איז אַצינד שטאַרקער געוואָרן: אין דעם ערשטן פאָרמעסט מיט די שנעקעס, איז ער, סאַלי, אַרויס דער זיגער. אַצינד וועט ער שוין וויסן ווי אָנצוגיין מיט זיי. באַלד אויפן אָרט האָט ער נאָך מער גענומען רייסן בא זיי די אַרבעט פון אונטער די הענט...

דער פּרעסער פיל האָט אַ ברום געטאָן צו דעני׳ן:

— דיין רובי שטינקט! כ'האב געמיינט אז „דזשיזוס" איז אויפ־דאסניי געבוירן געווארן...

— ווער האט עס דיר געוואלט איינריידן, אז רובי איז א נייער „דזשיזוס"? ער איז אן ארבעטער גלייך מיט אונז. און אין וואס איז ער שולדיק אז דער שאפ־טשערמאן האט געלאזט דעם שאפ — — —

— טא וועלכער טייוול האט אים געהייסן מאכן פלענער פאר אונז, אויב ער ווייסט ניט? — האט פיל זיך געקאכט — כ'וויל ניט בלייבן קיין נאר. אט וואס מיר פארדריסט!

— איך האב אויך פיינט ווען מ'מאכט מיר צום נאר! — האט דער פרעסער ראמי זיך אפגערופן — אט אפגעשטאנען א טאג אזוי דיר. כ'האב געמיינט, כ'ווייס וואס מיר'ן דא האבן, גיי גאר צוריק — „גאדעמעט"...

— און איך גלויב נאך אלץ אין אונזער זיג — האט דעני זיך אפ־גערופן — מיר'ן זיך היינט נאך א מאל צונויפקלייבן מיט רובי'ן און מיר וועלן צוזאמען באקלערן וואס צו טאן...

דער באלעבאס צוזאמען מיטן קאנטראקטער סאלי האט זיך בא־וויזן פאר די פרעסער. כלומרשט געזוכט געוויסע נומערן ארבעט, וואס ער דער באלעבאס, מוז שוין האבן אוועקצושיקן. אין דער אמת'ן האט ער זיך בלויז געוואלט באווייזן פאר זיי אין זיין צופרידענעם געמיט:

ס'געשעפט האט פראגרעסירט, געוואקסן מיטן יעדן טאג. בא־שטעלונגען זיינען אנגעקומען פון אלע עקן לאנד. דזשעק איז צופרידן געווען וואס ס'גייט אלץ ווי ער האט אנגעצייכנט און ער האט זיך אויך געפרייט מיט דעם לעצטן זיג וואס ער האט געהאט איבער די שנעקעס — די פרעסער...

מיט א שמייכל איבערן רונדן פנים האט ער געשפאנט ארום די פרעסער. דזשעק האט זיך דוקא געוואלט באווייזן מיט זיין צופרידע־נעם געמיט — זאלן זיי זען!... זאלן די שנעקעס ווייסן, אז מיט דער פירמע „מאריץ קראוז ענד סאן" הויבט מען זיך ניט אן! ער האט זיך געדרייט מיט סאלין ארום זיי, איינמאל און נאך א מאל. אבער די פרעסער האבן אים איגנארירט.

דזשעק׳ן האָט עס פאַרדראָסן. ער איז צוגעגאַנגען צום שאַפּ־טשערמאַן.

— הער מיך אויס ספּענג — האָט דזשעק געזאָגט — שבת קומען מיר אַלע אַריין אין שאַפּ — ניט אַרבעטן. אַזוי זיך, אַ הוליע טאָן.

ער האָט זיך אַן עפּעס דערמאָנט און ווייטער געזאָגט:

— יאָ, וואַרט אַ מינוט. ווען איז דיין חתונה, ספּענג?

— אין אַ חודש אַרום, מיסטער באָס.

— גוט. וועלן מיר פייערן דיין חתונה אַ צוויי וואָכן פריער — צופרידן?

— זיכער צופרידן, מיסטער באָס. כ׳וועל שוין אַלצדינג באַזאָרגן.

— נישט דו וועסט באַזאָרגן, ספּענג. איך וועל באַזאָרגן — איך! דו זע, אַז יעדער פון שאַפּ זאָל קומען יום־טוב׳דיק. אַ יום־טוב זאָל זיין!...

— „אָ. קעי״, מיסטער באָס. — האָט ספּענג צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

ספּענג האָט נישט געוואָרט. ספּענג האָט פיינט צו וואַרטן, ווען דער באַלעבאָס פאַרלאַנגט..אין דעם זעלביקן טאָג האָט יעדער אַרבעטער פונעם שאַפּ אָט די נייעס געוואוסט און זיך געגרייט. אויך רובין האָט ספּענג געבעטן. געקומען איז ער צו אים מיט אַ שמייכל, ווי ער וואָלט מיט דעם עדות זאָגן, אַז זיי זיינען פריינט.. רובי האָט גאָרנישט ניט געזאָגט. זינט דעם לעצטן סקאַנדאַל מיטן געבראָכענעם פּרעסער־סטרייק, האָט רובי דעם טשערמאַן אין פּנים ניט געוואָלט קוקן.

— רובי — האָט נעלי פּלוצים אַ פרעג געטאָן — וועסט קומען. רובי? אַ יאָ דו וועסט קומען?!

6.

זינט דעמאָלט, ווען די פּרעסער זיינען פון די באַלעבאַטים גע־צוואונגען געוואָרן זיך אומקערן צו דער אַרבעט אונטער די זעלביקע באַדינגונגען, איז אין שאַפּ קיין רואיקער טאָג נישט אַוועק, און אַלץ — מיט די זעלביקע פּרעסער...

אויסערלעך האָט אויסגעזען אַלץ אין אָרדענונג:

פּרעסער קומען יעדן טאָג צו דער באַשטימטער צייט, שטעלן זיך צו דער אַרבעט. רירן מיט די הענט און דריקן מיט די פיס אַזש אַ פּאַרע גייט. אָבער, געפּרעסטע אַרבעט — דאָס ניט!...

דער קאָנטראַקטאָר סאַלי האָט געקערט ווענט. דעם גאַנצן טאָג איז ער איבער די פּרעסערס קעפּ געשטאַנען. גענו׳קעט, זיי געטריבן. אַרבעט איז נישט געוואָרן.

סאַלי איז צום שאַפּ־טשערמאַן אַוועק. גע׳טענה׳ט מיט אים און געמאַכט מיט די הענט... ספּענע האָט אים פאַרשטאַנען. אָבער ספּענע איז קיין נאַר ניט געווען. ספּענע האָט זיך געריכט פאַר דעם יום־טוב, וואָס דער באַלעבאָס גייט פאַר אים מאַכן, און פאַרן גוטן פּרעזענט וואָס דער באַלעבאָס האָט אים צוגעזאָגט צו געבן, און דערפאַר לוינט זיך איצט קיין טראָבל ניט מאַכן... האָט אים ספּענע אויסגעהערט און פאַרזיכערט, אַז אָט היינט גייט ער איבעררעדן מיטן יוניע־פירער, אָט־היינט, זאָל ער נאָר האָבן געדולד... סאַלי האָט אָבער קיין געדולד נישט געהאַט, און ער האָט פון פאַרצווייפלונג גערופן דעם פאָרמאַן באַדי, אַז ער, באַדי, זאָל עפּעס טאָן און ראַטעווען אים. אויב ניט — קומט אים אויס צו אַנטלויפן וואוהין די אויגן וועלן אים טראָגן. סאַלי האָט גע־רעדט צו אים מיט טרערן אין די אויגן: „דער באַלעבאָס דאַרף די אַר־בעט!" אויסער דעם: „מוז ער, סאַלי, אַזוי פיל געלט אויסטיילן יעדע וואָך א חוץ צו די אַרבעטער, די האָר שטעלן זיך קאַפּויער"..

סאַלי האָט אים געקוקט אויף די ליפּן, דעם פאָרמאַן. אָבער דער פאָרמאַן באַדי האָט אים גאָרנישט געהאַט וואָס צו זאָגן. ס׳איז דען זיין געשעפט? ס׳איז סאַלי׳ס געשעפט!... ווילסט אַנטלויפן? — אַנט־

לויף! וועט זיין אַז אַנדער קאָנטראַקטאָר און פּטור! אַזוי האָט ער בלומרשט געוואָלט זאָגן. אויף די ליפּן איז דאָס בא אים געלעגן. ער האָט אָבער געשוויגן ווי יורקעס הונט, און געפּרוואווט זיך אויסדרייען. נאָר אויבן האָט זיך עפּעס געראַיעט בא אים, און ווען ער האָט אַ טראַכט געטאָן די גאַנצע מעשה מיט זיין פּאַרמאָן־קאָפּ, איז אים אויס־געקומען פריקרע אויף אַט די יונגע פּרעסער־אינגלעך: אַט ערשט ווי נעכטן איז דאָס געווען, ווען ער האָט זיי פון גאָס געבראַכט אין שאַפּ אַריין, פאַר מענטשן זיי געמאַכט, פאַר פּרעסער געלערנט. טייערע אינגלעך זיינען זיי געווען! וויפל מ'האָט זיי געגעבן — אַ בויג מיטן קאָפּ! און — פּלוצים, אין אַזאַ קורצער צייט... ווי איז עס מעגלעך, ווי?...

ניין, באַדי'ס קאָפּ האָט נאָך נישט אויסגעדאַרט. אין זיינע יאָרן האָט ער שוין געגוג דערפאַרונג געהאַט. טיף אין זכרון איז נאָך איינ־געקריצט דער לעצטער שאַפּ זיינער. אַזוי ווי איצט געדענקט ער עס, ווי דער „בעסטעד", דער שאַפּ־טשערמאַן זיינער, איז אַוועק פאַר'מסור'ן אים אין גענעראַל־אָפּיס, אַז ער מאַכט סקעב־אַרבעט... ער, אַז אַרבע־טער פונעם שאַפּ, וואָס האָט באַדאַרפט זיין פאַראינטערעסירט וואָס מער אַרבעט צו האָבן, האָט געטאָן פונקט דאָס פאַרקערטע — רואי־נירט אַלעמען!... יאָ, ס'איז רובי'ס אַרבעט! ער, אַט דער „בעסטעד" פירט זיי, און דערפירט אויך דעם שאַפּ צום אונטערגאַנג! היינט — בא די פּרעסער און מאָרגן? ניין! דאָ טאָר עס ניט פּאַסירן!... ווער ווייסט וואָס מיט זיין פּאַרמאָן־„דזשאָב" וועט דעמאָלט געשען? ווער קאָן עס אים קאַווירן, ווער?...

:: :: ::

רובי איז געקומען צום שאַפּ־יום־טוב, און באַלד באַם טיר גע־דענקט, אַז ער האָט פאַרבלאָנדזשעט אין אַ טאַנץ־זאַל.

בלומען, דעקאָראַציעס, קאָלירטע סטענגעס מיט אַמעריקאַנער פאָ־נען, האָט דעם שאַפּ באַדעקט נישט צום דערקענען. באַם וואַנט פון לאַנגע קאַטער־טישן האָט מען אַ בופעט געשטעלט. אויף אַ דיקן ווייסן פּאַפּיר איז אָנגעשטעלט געווען פון כל־טוב.

אַ ראַדיאָ האָט געשפּילט דזשעז. פּאַרלעך האָבן זיך געדרייט.

פלאץ איז געווען גענוג, און דער דיל — געוועקסלט — כאַטש נעם און טאַנץ.

דער באַלעבאָס, מיסטער דזשיי. קראוז, מיטן שמייכל אויפן פולן רונדן פנים — אַנגעטאָן ווי אַ „פּאַלנער" מחותן, מיט אַ רויטער ראָזע אין לאַץ. ער מיט זיין פאָרמאַן באַדי מיטן קרענקלעכן לאַנגן פנים, זיינען באַם בופעט געשטאַנען. גלאָז נאָך גלאָז זיך געגאָסן און געפּאַטשט מיט די הענט:

— פאַרן געזונט פון ספּענע מיט זיין כלה!

— הוריי!

— פאַרן געזונט פון מיסטער דזשיי. קראוז — הוריי!

— הוריי! הוריי!!

— וואו איז דאָ דער חתן ספּענע? — האָט דער באַלעבאָס שוין אַ שיכור'ער געשריען.

— דער חתן! דער חתן! — ספּענע! — ספּענע!..

די יונגינקע פּעני מיט איר חבר'טע ריטשע האָבן ביידע דעם חתן אונטערן אָרעם געפירט. זיי זיינען געווען אַנגעטאָן אין ווייסע קליי־דער. זיי האָבן זיך באַם בופעט געשטעלט. הינטער זיי זיינען נאָך פאַרלעך צוגעקומען און אויפן באַלעבאָס ליפּן געקוקט.

דער באַלעבאָס האָט צוויי גלעזער אָנגעגאָסן. איינס געגעבן ספּענען, און מיט זיין גלאָז אין דער הויך אַ שיכור'ער געמעקעט:

— פאַר אונזער ליבן ספּענע — הוריי!

— הוריי!

— צום געזונט פאַרן שאָפּ און פאַרן באָס, מיסטער קראוז! — האָט ספּענע מיט פאַרגלאָצטע אויגן אויסגערופן.

— הוריי!

— צום געזונט פאַר „מייסעלף" — האָט דער פאָרמאַן באַדי אַ גלאָז געהויבן און דערנאָך געשפּריים זיינע הענט:

— ששש־אַ! שטיל זאָל זיין! אַלע — אַהער! פאַרדרייט דאַרטן די ראַדיאָ! — העי, דעני, וועסט איר שפּעטער קושן!—אַהער גיי! מיסטער קראוז האָט עפּעס וואָס צו זאָגן פאַר אונז — הוריי!

דער באַלעבאָס האָט זיך געשטעלט אויף אַ שטול, און הייזעריק־לעך אָנגעהויבן:

— ... מײנע דאַמען און הערן — לײדיס ענד דזשענטלמען... אין דער פײערונג קום איך לײדיס ענד דזשענטלמען גראַטולירן אינם נאָ־מען פונם גרינדער און דער „העד" פון אונזער ספּאָרטנג־װעיר פירמע
— מאָרים קראַוז ענד סאַן — הוריי! דעטס מאַי פאַדער!
— הוריי!
— אַ, לײדיס ענד דזשענטלמען. מאַי פאַדער איז אַלרײט. ער װעט אינגיכן קומען, נאָך צום סעזאָן, און פאַרנעמען זײַן פּאָזיציע!
— הוריי!
— אַצינד, לײדיס ענד דזשענטלמען גראַטוליר איך אײַך אינם נאָמען פון דזשיי. קראַוז! דעטס מײסעלף!
— הוריי! הוריי! הוריי!
— לײדיס ענד דזשענטלמען! איך װאַרט יעדער מינוט פאַר אַ גאַסט — יאָ, איר קאָנט אים.. כ'מײן דעם דזשענטלמען מיסטער דזשימי...
— הוריי!
— ששש־אַ! איך קאָן מיך ניט צוריקהאַלטן... איך מוז שוין באַ־גריסן אײַער און מײַן פרײַנט — ספּענע — הוריי!
— ששש־אַ! ער „גײט" חתונה האָבן, ספּענע. אונזער פרײַנט איז באַרעכטיקט צו אַ שטיקל פּרעזענט — װאָס זאָגט איר, לײדיס ענד דזשענטלמען?
— הוריי!
— אָבער נײַן, נײַן, נײַן, נײַן! מיר אַלײן, אונזער פירמע מאָריץ קראַוז ענד סאַן, טראָגט צו אַ מתנה—אַ טשעק אויף צװײ הונדערטער! און זאָלן די קינדער האָבן אַ גליקלעכן „האַני־מון" — הוריי!
— הוריי! הוריי!...
— דאַטסאַל לײדיס ענד דזשענטלמען, טענקיו!

:: :: ::

אונטער לאַשטשענדיקער דזשעז־מוזיק האָבן פּאָרלעך זיך געדרייט. דעני מיט זײַן חבר פיל האָבן געפירט די טענץ, נאָכדעם געזונגען צו־זאַמען און געשוואָומען אין פרייד. בלויז די גראָבע דזשעסי האָט קיין אַנטייל ניט גענומען. אַ פאַרטרויערטע איז זי איינע אַליין אויפן באַנק

נעזעסן און צוגעקוקט ווי דעני טאנצט מיט אלעמען און אין איר האט ער אינגאנצן פארגעסן.

דער יונגער ראמי, א נידעריקער מיט א צעפרישטשעטן פנים איז צוגעגאנגען צו איר און ער האט געזאגט:

— וואס זיצטו עפעס אזוי, דזשעסי? און אז ניט דעני גייט שוין אונטער די וועלט? איך קאן דיר אויך טרעפן באנאכט אויף די לאטס!

ער האט איר געוואלט ארומנעמען, איז זי אים ארייגעפארן אין באק.

— אוועק פארשיוועץ!

— אזוי? דו פאטשט זיך נאר? קוק איר נאר אן ווי זי בריקעט זיך: און אז איך וויל באמת חתונה האבן מיט דיר — הא? וואס ס'טע זאגן?

— האב חתונה מיטן מלאך המות! מ'קאן אייך חברה, מ'קאן אייך!... — האט זי פארקנייטשט מיטן נעזל.

— ווי? דו גלויבסט מיך טאקע ניט? זעסטו, איך בין צופרידן. ווען דו וועסט נאר איבעררייידן מיט דער מאמען.

זי האט זיך פארטראכט, דזשעסי. אפשר אים ברענגען באלד צו דער מאמען און הערן וואס זי האט צו זאגן... דערווייל האט ראמי זיך נעענטער געשפארט צו איר, פאמעלעך געלייגט א האנט אויף איר נאקעטן אקסל און רירנדיק געזאגט:

— ווען דו ווייסט ווי ליב איך האב דיך... די כוחות גייען מיר אזש אויס..

דזשעסי האט פארמאכט די אויגן און זיך צוגעהערט א שווייגנדיקע. ראמי האט איר געקוקט אין די האלב־געשלאסענע אויגן און ער האט שטיל געזאגט:

— זעסט ווי כ'האב מיך היינט פארפוצט? קוק מיך אן! ס'איז צוליב דיר, ליבינקע! ס'הארץ האט מיר געזאגט, אז כ'וועל דיר טרעפן. כ'האב שוין פון לאנג מיין אויג אויף דיר געווארפן...

דזשעסי האט פארקרימט ס'נעזל און זי האט געזאגט:

— זיצט און פלאפלט, און דערווייל רוקט ער זיך ווי א חזיר! העי, פארשווין מיינער! וועסט צייט האבן דאס דערציילן נאך דער חתונה! דערווייל רוק זיך...

זי האָט זיך האַלב אויסגעדרייט.

ראָמי האָט איר באַם האַנט א כאַפּ געטאָן. ער האָט ארויסגע־שלעפּט א פינפערל פון קעשענע און צו איר געזאָגט:

— זעסט דעם פינפערל, דזשעסי... מיר ׳ן כאַפּן א טאַנץ. נאָכ־דעם מאַכן מיר ביידע א רייזע אויפן האַדסאָן מיטן שיף! באַנאַכט אויפן האַדסאָן... מיר׳ן שווין איינמאָל א לעב טאָן!

זי האָט ברייט צעעפנט אירע אויגן דזשעסי און אנגעקוקט אים, ווי זי וואָלט ניט גלויבן וואָס זי הערט. זי האָט דעם קאָפּ אראָפּגעלאָזט און א פארטראַכטע געזעסן און פארטראַכטערהייט ווי צו זיך געזאָגט:

— כ׳ווייס? איך בין נאָך קיינמאָל טאַקע דאָרטן ניט געווען... אָבער פריער וועלן מיר גיין אהיים צו דער מאַמען... אַלרייט! קום פאָר א טאַנץ.

— אָט אזוי ביזטו א וואויל מיידל — האָט ראָמי איר אונטערן האַנט גענומען און צום בופעט געפירט.

:: :: ::

דורך די צעפּראַלטע פענצטער האָט א ליכטיקער טאָג געשיינט. די אויגוסט זון האָט זיך שווין צו מערב איבערגערוקט. רובי האָט מיט די אויגן ארומגעזוכט נעלי׳ן. איז ער אויפן באַנק געזעסן אָן אנטוישטער און זיך געפונען עלנט אָן איר.

א ליבלעכע נאָגעניש האָט אים באַם הארצן געדריקט. ווי פון א געהיימען אַלטן קוואַל האָט א נאָגעניש זיך פּלוצם באַוויזן צו אים, און זיין אַלטע וואונד אויפגעדעקט. ווען ער, א יונגער בחור איז קיין אמעריקע געקומען צו זיינעם אָן אָנקל — א קרעמער. צום אומגליק האָט ער, רובי, זיך באַלד פארליבט אין ריטע׳ן, דעם אָנקלס טעכטערל, וואָס איז געווען עטוואָס יונגער פון אים. דער אָנקל זיינער האָט עס באַמערקט און איז צופרידן געווען. ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון פּלימעניק זיינעם, און נישט אנדערש געוואָלט ווי מאַכן פון אים א „ביזנעסמאַן". „אמעריקע שטייט אויף ביזנעס" — האָט דער אָנקל אים געהאַלטן אין האַמערן. אָבער ווי אויף להכעיס האָט „ביזנעס" דווקא זיך ניט געקלעפּט צו אים. זיין יונגער מוח האָט רובי׳ן אנדערש דיקטירט, און ער האָט אויסגעקליבן צו זיין א שאַפּ־ארבעטער.

פאַר אָן איידעם איז ער דעמאָלט זיין אָנקל ניט געפעלן געווארן.

ער האָט פאַרזאָגט זיין טעכטערל ניט צו האָבן מיט רובין מער צו טאָן — מיט דעם קבצנ׳יוק... וואָס ריטע האָט דעמאָלט געטראַכט איז גע־בליבן פאַר איר בעת מעשה א סוד. א שיין מיידל איז ריטע געווען. רו־בי האָט זי ליב געהאַט, איר פשוט פאַרגעטערט, געפּאַטערט זיין פאַר־דינסט אויף איר...

דער אָנקל איז איינמאָל געקומען צו אים מיט א פּראָפּאָזיציע: ער וועט אים העלפן מאַכן א געשעפט, זאָל ער וואַרפן דעם שאָפּ און ווערן א לייט... רובי האָט אים מוחל געווען די טובה. „ער האָט הענט און האָט א מלאכה" — האָט רובי גע׳טענה׳ט. ריטע האָט געפּרואווט מיט אים ריידן, באַווייזן, אז דער טאַטע האָט רעכט. רובי האָט ניט גע־פאָלגט און אַלץ פאַרלוירן...

זינט דעמאָלט זיינען שוין יאָרן אַוועק. ריטע געפינט זיך ערגעץ אין די וועסט. זי איז שוין א מאַמע פון צוויי קינדער. די ערשטע צייט האָט רובי געליטן. ער האָט זיך אָבער גענומען אין די הענט אריין, געוואָרן טעטיק אין זיין פּאַד־יוניאָן. די יאָרן פון קאַמף פאַר בעסערע אַרבעט־באַדינגונגען האָבן אים אין אַלץ געמאַכט פאַרגעסן. אַצינד, נאָך אַזוי פיל יאָרן, האָט ער זיך ווידער געפונען אין א צויבער־לעבער און געדריקטער שטימונג און זיך קיין אָרט ניט געפונען, און זיך גלייכצייטיק באַאומרואיקט, וואָס ער דאַרף ווידער אָנהויבן פון דאָסניי: ווידער ליידן און ווידער פאַרלירן...

ער האָט געבלאָנדזשעט צווישן די טאַנצנדיקע פּאָרלעך און זיך ניט געקאָנט דערקלערן וואו דאָס מיידל איז אהינגעקומען? אפשר האָט עפּעס פּאַסירט אין איר היים.. אפשר דערלאָזט ניט די פרומע מאַמע אז זי זאָל זיך טרעפן מיט אים דאָ, און אפשר דער פאָטער?.. ווער ווייסט וואָס פאַר א מענטש דאָס איז?... פינצטערע געדאַנקען האָבן אים גע־מאַטערט און אים נישט אָפּגעלאָזט. טראָפּנס שווייס האָבן איבער זיין פנים געראָנען. ער האָט זיך פונם באַנק אויפגעהויבן, ס׳העמד באַם האַלדז צעשפּיליעט און באַם אָפענעם פענצטער זיך געשטעלט.

א ווינטל האָט אים צום פּנים א טרייב געטאָן. ער האָט זיך אי־בערן פענצטער אָנגעבויגן. ווייט און ברייט, וואו דאָס אויג קאָן גרייכן האָבן זיך וויסטע לאָטס געשפּרייט. אָפּגעריסענע קינדער, מיט פאַר־שמירטע פנימ׳ער האָבן זיך אין בלאָטע, ווי ווערים, געראַיעט. א

ברודיקער געלער הונט איז בא זייערע פיס געלעגן און א בייז גע־גריזשעט.

רובי האָט געקוקט אויף דער טרויעריקער פּאַנאָראַמע... פון שאָפּ האָבן זיך פריילעכע דזשעז־טענער געטראָגן. ער האָט זיך גיך אויסגעדרייט. פריידיקע געלעכטערס מיט טאַנצנדיקע יונגע פּאָרלעך.. יונגוואַרג, בלויז יונגוואַרג... ס׳ערשטע מאָל ווי ער ארבעט מיט אזוי פיל יונגוואַרג! וואָס אים האָט אצינד נאָך מער גע׳חידוש׳ט: וואָרום האָט ער דאָס ביז היינט נישט באַמערקט. די מערסטע פון זיי זיינען אים נאָך אומבאַקאַנט. ער ארבעט דאָך מיט זיי שוין איבער א יאָר...

זיינע אויגן האָבן געבלאַנדזשעט איבער אַט די יונגע פּנים׳ער און זיך איינגעגעסן אין יונגן דעני מיט זיין חבר פיל — די טאַנץ־מייס־טערס. וואָוילע יאַטן — האָט ער וועגן זיי געטראַכט. זייער ארבעט אינעם שאָפּ איז אויסגעצייכנט: ווערליק וואָס ער האָט זיך דערוואוסט פונעם לעצטן צוזאַמענקונפט מיט זיי, וועט דער זיג באַלד זיין פול־שטענדיק: זייער קאָנטראַקטאָר סאַלי ליגט שוין בא זייערע פיס, ער בעט זיך שוין. ער איז גרייט, זאָגט ער, אלצדינג דערציילן.. מ׳זאָל אים נאָר רופן... לאַנג וואַרטן וועט סאַלי נישט דאַרפן. אינעם גענעראַל־אָפּיס פון דער יוניאָן ווייסט מען שוין אַלצדינג...

ער האָט געטראַכט פונעם ערשטן צוזאַמענקונפט וואָס ער האָט געהאַט מיט זיי בא אים אין צימער. די פראַגן וואָס זיי האָבן אים גע־שטעלט... ספּיקות אויף זייערע פּנים׳ער: א איד... און א „רויטער" דערצו... ער האָט געטראַכט ווי צום צווייטן צוזאַמענקונפט איז שוין זיין צימער צו קליין געווען — און א שמייכל האָט זיך געשפּרייט אי־בער זיין פּנים, וואָס נאָך אזוי פיל אָנגעשטרענגטער ארבעט, איז אים דאָך געלונגען זיך דערנענטערן און געווינען דעם צוטרוי פון א היפּשן טייל פון דעם דאָזיקן גרויסן שאָפּ! און געטראַכט האָט ער אצינד פון זיין רעוואָלוציאָנערער ירושה וואָס ער גיט איבער צו אָט דעם נייעם דור. א זעלטענע דערגרייכונג!

רובי האָט זיינע אויגן אויפגעהויבן. אַן אויפגעהייטערטע איז נעלי בא זיין האַנט געשטאַנען. זי האָט זיך געקלאַמערט אין אים און געזאָגט:

— רובי טייערער, ווען דו ווייסט...

זי האט שווער געאטעמט נעלי. זי האט אים געשעפטשעט עפעס אין אויער, אים געכאפט אונטערן ארעם און צוגעפירט צו א זייטיקער באנק, און זי האט געזאגט:

— כ'האב נייעס, רובי. זייער גוטע נייעס... אבער קום פריער מיט מיר צום בופעט. לאמיר ביידע טרינקען, רובי. איך בעט דיך.

— איך קאן מער ניט טרינקען, נעלי. מיין קאפ דרייט זיך מיר. זע ווי היים מיר איז!

— ווילסט מיט מיר ניט טרינקען? און איך בין אזוי פריילעך, ס'הארץ טאנצט אין מיר...

רובי האט באמערקט, ווי איר שלאנקער קערפער ציטערט פון פרייד, ווי אירע ברוינע, ליכטיקע אויגן קוקן אויף אים מיט געבעט. ער האט א שמייכל געטאן און געזאגט:

— גוט, נעלי. מיר'ן עפעס טרינקען. אבער באלד גייען מיר פון דאנען. מיין הארץ זאגט מיר, אז די נייעס וואס דו ווילסט מיר דערציילן איז צו געפערלעך מיר זאלן דא זיין.

— ניין, רובי. — האט נעלי געשאקלט מיטן קאפ — איך קאן נאך איצט ניט גיין פון דאנען. ניין, איך קאן ניט.

א ווײַלע שפעטער האט רובי געפרעגט:

— אבער וואו ביזטו געווען אזוי לאנג? איז עפעס געשען, נעלי?

— גארנישט איז געשען. מיט יענער מיידל בין איך געווען — אט-יענע, דו זעסט דארטן, מיטן טונקעלן רונדן פנים, מיט א קלייד פון ארענדזש-קאליר — זעסטו? זי איז דעם קאנטראקטארס סאלי'ס א פריינדין, פרענציס רופט מען זי.

— אזוי? סאלי'ס א פריינדין, הומממ...

— וואס? דו קאנסט איר דען?

— ניין, נעלי. איך קאן זי ניט. לאמיר אוועק פון דעמדאזיקן זייטיקן פלאץ. לאמיר כאפן בעסער א טאנץ.

די ראדיא האט אנגעהויבן צו שפילן א טאנץ. פארלעד האבן זיך פון די בענק געהויבן און אונטער ראדיא-מוזיק צום טאנץ זיך אוועק-געלאזט. פארלעד האבן זיך געדרייט, געשעמערירט. א קאלירפולער געמיש פון יונגע פארשיידנארטיקע פנים'ער מיט פארשיידנאר-טיקע זומער-קליידער האבן געמיניעט פאר די אויגן און געלאכט. נעלי

מיט רובין זיינע פאַרשלונגענע געוואָרן אין די כוואַליעס פונעם ים טאַנ־צנדיקע פאַרלעך. טאַנצנדיק האָט נעלי, בעת מעשה, געשעפּטשעט עפּעס רובין אין אויער אריין, וואָס רובי האָט געשמייכלט דערפון.

ספּענע האָט זיך פּלוצים אויפן באַנק געשטעלט און מיט א פאַר־ריסענעם קאָפּ אויסגערופן:

— טרי טשירס פאַר בראַדער דזשימי, הוריי!

דער טאַנץ איז איבערגעריסן געוואָרן. ספּענע האָט דזשימין אונ־טערן אָרעם גענומען. דער באַלעבאַס, אין א שיכור'ן צושטאַנד, האָט זיך קוים צוגעטאַשטשעט צו זיי. ער האָט א כאַפּ געטאָן דזשימיס האַנט און געזאָגט:

— דזשימי ברודער! וואו ביזטו געווען? קוק נאָר אָן די ליידיקע פלעשער... אָבער נישט געזאָרגט — אָט, קום מיט מיר!

ער האָט געעפנט א פלאַש, דער באַלעבאַס, אָנגעגאָסן צוויי גלע־זער. איינע דערלאַנגט צו דזשימין, פאַר זיך גענומען די צווייטע און געזאָגט מיט א הייזעריק קול:

— נו ברודער? גיס אריין! ווי דו זעסט מיך א פריילעכן.. כ'האָב שוין — וואָס?...

— א „ספּיטש" — א „ספּיטש!" — האָט ספּענע פאַרשטאַנען זיין באַלעבאָס' באַגער — זאָל ברודער דזשימי עפּעס זאָגן!

— „דאַטסרייט! דאַטסרייט!" — האָבן זיך קולות געטראָגן.

דזשימי האָט זיך געשטעלט אויפן באַנק. ס'יונג פּנים האָט איצט אויסגעזען אַלט, צעקנייטשט, מיט בלויע קישקעס אונטער די אויגן, ווי ער וואָלט שוין פון עטלעכע נעכט ניט דערשלאָפן. ער האָט א ווײַלע געקוקט א שווייגנדיקער אויף די יונגע, פריידיקע פּנים'ער און גע־פּרואווט א שמייכל טאָן. אָבער דער שמייכל איז אינמיטן פּנים גע־בליבן שטעקן. מיט שטילע, ציטערדיקע ווערטער האָט ער אָנגעהויבן:

— שוועסטער און ברידער! ווי איר זעט בין איך היינט אין א שלעכטער שטימונג. דערפאַר בין איך אַזוי שפּעט אהער געקומען. איך וואָלט אינגאַנצן ניט געקומען... אָבער — מיינע ליבע פריינט און ברי־דער — ספּענע. צוליב זיין שמחה!

— ווי איר קוקט מיך אָן, מוזט איר מודה זיין, אז איך זאָג אמת.

וועל איך אין קורצן באַדאַנקען און ווינטשן אייך אַלעמען און ספּעציעל מיין ליבן ספּענע — אַ קוש! „טענקיו“!...

ס'איז שטיל געווען ווי בײַ אַ לויה.. דזשימי איז באַלד נאָכדעם מיטן באַלעבאָס אוועק. דער באַלעבאָס איז ווי דורך אַ נס מיטאַמאָל ניכטער און ערנסט געוואָרן.... און ביידע האָבן געשפּאַנט פונעם צווייטן זייט שאַפּ, נאָכדעם אין אָפיס אַריין.

— קום, נעלי. איך קאָן דאָ מער ניט זיין. דו גייסט מיט מיר? — האָט רובי געפרעגט.

נעלי איז געווען זיכער, אַז רובי גאַרט אַזוי שטאַרק זיך צו דערוויסן די נייעס, וואָס זי האָט פאַר אים. אַ צופרידענע האָט זי געזאָגט:

— ווייסט וואָס, רובי, דו גיי פריער. וועסט וואַרטן פאַר מיר בײַ דער ביבליאָטעק. כ'וועל באַלד דאָרטן זיין.

רובי האָט פאַרלאָזט דעם שאַפּ.

די זון האָט זיך צוביסלעך גערוקט איבערן איסט ריווער. אַ פרישער ווינטל האָט פון די אַרומיקע לאָטס געטריבן. רובי האָט געשפּאַנט אַ פאַרטראַכטער צו דער ביבליאָטעק און פאַר זיינע אויגן נאָך אַלץ געזען דעם צעקאַרבטן פּנים פון יוניע־פירער דזשימי, ווי ער שטייט אַ דערשלאָגענער אויפן באַנק. ווי פאַרעלטערט דער מענטש איז מיטאַמאָל געוואָרן! הפּנים, אַז דער גענעראַל־אָפיס פון דער יוניאָן האָט אים שוין צעוויסן געלאָזט, אַז זיין ממשלה איבער רידזשוואודער אַרבעטער איז אויס... אָט־די פינצטערע בשורה וועט אויך טרעפן ספּענע דעם שאַפּ־טשערמאַן. ווערליק סאַלי דערציילט, איז ער, ספּענע, אויך געווען אַ שותּף צו דזשימיס טונקעלע געשעפטן אינעם שאַפּ... און דער באַלעבאָס — דער לאָיער דזשעק, ער וועט זיכער אַזוי גרינג ניט וועלן פאַרלירן אַזעלכע אינטימע פריינט, וואָס האָבן אים געהאָלפן צו האַלטן אין אַן אייזערנער צוים זיינע יונגע אומדערפאַרענע אַרבעטער; מיט זיינע לאָיערשע דריידלעך וועט ער זיכער אויפדאָסגיי פּרובירן... אָבער דער גענעראַל־אָפיס פון דער יוניאָן וועט דען אים איצט דערלאָזן?

ער האָט געטראַכט וועגן נעליז, וועגן דער שטילער, וואונדערבאַרער מיידל... און זיך דערמאָנט די געוואַלדיקע ענדערונג וואָס איז געשאַפן געוואָרן צווישן זיי פון זינט ער האָט איר דאָ אין שאַפּ געטראָפן, מיט איר גאָלדענעם צלמ'ל אויפן האַלדז און מיט איר פרומען מאַדאָנע־

פנים... און ווי אנדערש זי איז איצט... ווי יעדעס גליד טאַנצט בא איר פון פרייד ווען זי דערזעט אים...

א ווארימער, פריידיקער געפיל האט זיך געשפּרייט איבער אים. א געדאנק, א מאָדנער געדאַנק איז אים דורכן מוח דורכגעפלויגן.. און תיכף, אין א רגע ארום, שוין געטראכט פון איר חבר'טע פּרענציס, סאַלים פריינדין — אז מיט זייער בייִדנס הילף וועט מעגלעך זיין צו פארגרעסערן די טעטיקייט אינעם שאפ: צונויפקלייבן וויפיל ארבעטער ס'איז מעגלעך פונעם שאפּ, זיך אָרגאניזירן און ארויסשטעלן א פאָדע־רונג דעם באַלעבאָס פאר אַן אַנשטענדיקן מינימום־לוין צום נייעם סעזאָן! יאָ, דאָס איז א פּלאַן!.. בא זייער קומענדיקן צוזאַמענקונפט וועט ער פּרוּוון דאס איבעררײדן...

רובי האט שוין זיין פּלאַן אויסגעארבעט מיט אלע ברעקלעך... און ער האט גאַרנישט באמערקט ווי נעלי שטייט פאר זיינע אויגן מיט א פּאַררויטיקטן פּנים און מיט א מאָדנעם שמייכל איבער די ליפּן. זי האט זיך מיטאַמאָל שטאַרק צעלאַכט און זי האט געזאָגט:

— א שאָד וואס דו ביזט אוועק, רובי. האסט באדאַרפט זען ווי די פּעטע דזשעסי האט צעדראַפּעט ראַמי'ס פּנים — ווי א חזיר האט זי אים צעיושעט!...

— ראַמי? מיינסט דעם יונגן פּרעסער, דעניס חבר? — האט רובי געפרעגט.

— איך ווייס ניט וועמענס חבר ער איז, אבער די דזשעסי האט זיך מיט אים גאר נישקשה'דיק אָפּגערעכנט פאר אַלעמען אין די אויגן, און דאס פרייט מיך...

רובי האט נישט געוואָלט פרעגן וואס אַזוינס ס'איז צווישן זיי פאָרגעקומען און וואס אויף נעלין איז אַזוי די שמחה... ער האט בלויז באַמערקט:

— איך קאָן גראָד אַט דעם ראַמין. אַן ערלעכער יונג, דוכט זיך.

— אַן ערלעכער יונג און קריכט צו איר אין „דרעסינג־רום״ — האט זי זיך ווידער צעלאַכט.

זי האט אים אונטערן האַנט גענומען, אין גאַס זיך געלאָזט און אין א פריידיקן קול געזאָגט:

— איצט רובי מעגסטו גיין א טענצל אַט דאָ אינמיטן גאַס... דיין

שונא ספענע, מיטן יוניע־פירער דזשימי זיינען אין בלאַטע פאַרקראַכן..
דער קאָנטראַקטאָר סאַלי האָט זייביידן כאַבאַר געצאָלט זיי זאָלן אים
אויפהאַלטן אין שאפּ... דזשימי האָט דעם סאַלין צוליב דעם געבראַכט
אין שאפּ אַריין... א שיינע פּאָליטיקע האָט ער זיי אויסגעצאָלט... אָבער
די פּרעסער זיינען אויך ניט קיין נאַראָנים. זיי מאַכן קיין אַרבעט ניט
און סאַלי דערלייגט צום עסק מזומן געלט, און ס'איז אַרויס ווי בוימל
אויפן וואַסער...

— האָסטו געהערט וואָס כ'האָב דערציילט? — האָט נעלי נאָכ־
באַמערקט.

— יאָ, נעלי. כ'האָב מיך צוגעהערט צו יעדעס וואָרט. אָבער
פאַר מיר איז דאָס קיין נייעס ניט.

נעלי האָט אים אָנגעקוקט מיט דערשטוינונג:

— ווייסט שוין, רובי? און איך האָב געמיינט, אַז בלויז איך... זאָג
מיר, רובי, זאָג מיר דעם אמת — האָט זי פּלוצים מיט שרעק אין קול
געפרעגט — ביזטו פאַרמישט אין אָט דער... זאָג מיר, רובי, כ'בעט דיך.

טרערן זיינען געשטאַנען אין אירע אויגן. זי האָט געשפּאַנט מיט
א קלאַפּנדיק האַרץ און געוואַרט אַז רובי זאָל עס אָפּלייקענען. רובי
האָט גאָרנישט ניט געזאָגט.

זיי האָבן פאַרביי געשפּאַנט א שפּיל־פּלאַץ פאַר קינדער. מוטערס
זיינען אויף אַרומיקע בענק געזעסן און זיך צוגעקוקט ווי זייערע קינ־
דער שפּילן זיך אַרום. רובי האָט זיין בליק אַהין געוואָרפן און געזאָגט
צו נעלין:

— קום, נעלי, אין שפּיל־פּלאַץ. מיר'ן זיך אויף א באַנק זעצן. זע
וויפיל קינדערשע פרייד! זע, נעלי!

א שווייגנדיקע האָט זי מיטגעשפּאַנט, זיך אויפן באַנק געזעצט.
נאָכדעם אינדערשטיל געזאָגט:

— ס'איז אַלץ פאַרלאָרן... וועסט אין שאפּ מער ניט אַרבעטן —
איך זע שוין! צו וואָס האָסטו זיך געמישט? כ'האָב זיך אַזוי געבעטן
בא דיר...

זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און געווישט די אויגן. רובי האָט
זי פאַרן האַנט גענומען און ער האָט געזאָגט:

— ס'איז א טעות, נעלי. ערשט איצט איז מיין פּלאַץ זיכער אין

שאַפּ. דזשימי מיט ספּענע וועלן מער דאָרטן אין שאַפּ ניט זיין. אויף זייער פּלאַץ וועלן קומען אַנדערע, אָרנטלעכע, וואָס דער גענעראַל־אַפּיס פון דער יוניאָן וועט אַנשטעלן. דער באַלעבאָס וועט מער גאָרנישט קאָנען זאָגן איבער די אַרבעטער. וועסט זען, נעלי...

זי האָט ביטער געשמייכלט. געשאָקלט פאַרצווייפלט מיטן קאָפּ און זיך אָפּגערופן:

— איך גלויב ניט אין די מעשיות... אַ באַלעבאָס געפינט שוין זיינע וועגן... און דעם פאַרמאַן באַדי האָסטו אינגאַנצן פאַרגעסן? אָט דער הונט וועט איצט זיך וועלן נוקם זיין! רובי, ס'וועט אויסגיין צו אונזערע קעפּ, כ'זע שוין מיט קלאָרע אויגן.

—זיי ניט קיין קינד, נעלי, — האָט רובי איר בארואיקט — איך זע גאַנץ אַנדערש ווי דו. זיי וויסן נעלי: איך בין זייער פאַרזיכטיק, כ'וויל נישט פאַרלירן מיין פּלאַץ אינעם שאַפּ, נישט איצט, נעלי. מיין אַרבעט דאָרטן איז נאָך ווייט ניט פאַרענדיקט...

— וואָס נאָך ווילסטו אויפברויען דאָרטן, וואָס נאָך? — האָט זי אַ דערשראָקענע געפרעגט.

— שרעק זיך ניט אַזוי! כ'וויל מ'זאָל מאַכן אַ לעבן דאָרטן! איז עס אַ פאַרברעכן, נעלי?

ער האָט געשוויגן אַ ווײַלע, נאָכדעם געפרעגט:

— זאָג מיר, נעלי, קענסטו גוט דיין חבר'טע פרענציס? קאָן זי האַלטן אַ סוד?

— כ'וויים ניט. כ'קאָן איר זייער ווייניק. כ'וועל מיט איר גאָר־ניט ריידן מער — האָט נעלי אַ פאַרצאַרנטע געזאָגט.

זי איז געזעסן אַ שווייגנדיקע מיט אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ און נערוועז געצופּט איר האַנט־בייטל. נישט ווייט פון איר האָבן מאַמעס מיט קינדער געשטיפּט און זיך געשפּילט. הילכיקע קינדערשע געלעכ־טערס האָבן זיך מיט דער לופט געמישט. נעלי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זי האָט געזאָגט:

— זאָג מיר, רובי — האָט זי אַנגעהויבן מיט אַ פאַרשטיקט קול— פאַר מיר זיינען גאָרנישט קלאָר דיינע וועגן. דעם אמת געזאָגט, ס'אינ־טערעסירט מיך ניט! וואָס מיך אינטערעסירט — איז דו!.. וויל איך

וויסן, וואָס דו דענקסט וועגן מיר? אָפּן געדעדט: וואָס בין איך פאַר דיר, רובי?....

— דאָס ליכט פאַר די אויגן ביזטו באַ מיר, נעלי — האָט רובי פאַר'חלומ'ט געזאָגט — דורך דיר זע איך די רידזשוואָודער שטיבער, הונגעריקע היימען; דורך דיר זע איך, ווי טאַטע־מאַמע זיצן אַן ארבעט און דערוואַרטן זיך קוים אויפן טרויעריקן לוין, וואָס זייערע קינדער וועלן ברענגען פון די שעפּער ס'לעבן צו דערהאַלטן! איך זע אַבער אויך דעם ברויזנדיקן אויפשוואונג פון דער יוגנט; איך הער שוין ווי ער קומט, ער טראָגט זיך מיט אַ שטורעם...

— איך פאַרשטיי ניט איין וואָרט וואָס דו האָסט געזאָגט — האָט נעלי טרויעריק געזאָגט — מאָדנע, אַלצדינג הערסטו און דו זעסט, בלויז מיך זעסטו ניט...

זי האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן און אינדערשטיל געכליפּעט. רובי האָט צערטלעך איר קאָפּ אָנגענומען און צו זיך געדריקט, געקושט אין אירע פאַרוויינטע אויגן און געזאָגט צו איר:

— הער אויף, נעלי. כ'בין ניט שולדיק. כ'בין אַזאַ מענטש... אַט ווי דו קוקסט מיך אָן! קאָן מיך בעסער, נעלי...

ער האָט שטאַרקער זי צו זיך צוגעדריקט און געקושט אירע טונקל־ברוינע האָר, וואָס זיינען איבער איר שטערן געפאַלן. ער האָט געהערט דאָס קלאַפּן פון איר האַרץ, געפילט ווי זי קלאַמערט זיך אַרום אים אַ ליידנשאַפטלעכע, און ווי איר שלאַנקער קערפּער ציטערט. ער האָט פּאַמעלעך איר קאָפּ אויפגעהויבן, אַריינגעקוקט אין אירע ברענענדיקע אויגן און געפרעגט:

— נעלי טייערע. ביזטו גרייט צו גיין וואוינען מיט מיר — אַזוי אַן צערעמאָניעס, מיין איך?

זי איז געבליבן זיצן אַ דערשטוינטע, ווי אויף אַזאַ פראַגע וואָלט זי זיך ניט געריכט. זי האָט געקוקט אויף אים מיט ברייט צעעפנטע אויגן און בעת מעשה געטראַכט פון איר מוטער, וואָס זי, די פרומע קאַ־טאָליקין וועט אויף דעם זאָגן...

שפּעטער אַ ווײַלע האָט זי געזאָגט:

— יאָ, רובי, איך בין צופרידן. אָבער מיין מוטער... זי וויל דיך זען, האָב איך דיר געזאָגט. קום, רובי, דו וועסט ריידן מיט איר..

זי האָט אים גענומען באַם האַנט און דערזען אויף זיין פּנים ווי ער איז פּלוצלונג פינצטער געוואָרן. זי האָט זיך געפּרואווט אויפהויבן פונעם פּלאַץ. רובי האָט איר צוריקגעהאַלטן און ער האָט געזאָגט:

— ניין, נעלי טייערע. כ׳האָב נישט וואָס צו גיין און צו ריידן מיט דיין מוטער. אויף אַזויפיל דאַרפסטו מיך שוין קענען... ווי כ׳זע אָבער, ביזטו נישט גרייט פאַר אַזאַ געוואַגטן שריט, טוט עס מיר לייד.

ער האָט געשוויגן אַ ווײַלע און ווידער אָנגעהויבן:

— כ׳האָב דיר פריער געזאָגט: „דו דאַרפסט מיך בעסער קענען", נעלי. טאַ לאָמיר זיין אויפריכטיק: איך האָב דיך ליב, כ׳אָטעם מיט דיר. כ׳בין גרייט צו באַנייען מיין צימער פאַר דיר! נאָר ווי כ׳זע זיינען אונזערע וועגן אַנדערש, אינגאַנצן אַנדערש...

— איצט הער איך פון דיר קלאָרע ווערטער — האָט זי אַ טרויעריקע געזאָגט — ווער זאָגט עס דיר אַז אונזערע וועגן זיינען אַנדערש? ס׳איז אַ טעות, רובי! איך רעד דאָ נים פון מיר, נאָר פון מיין מוטער.. איז טאַקע דיר אַזוי שווער צו ריידן מיט איר?...

זי האָט איר האַנט־בײַטל צעעפנט, פון דאָרט אַ טיכעלע צו די אויגן צוגעטראָגן און אינדערשטיל געזאָגט:

— געדענקסט, רובי, ווען דו האָסט מיך דעם ערשטן טאָג אין שאַפּ דערזען מיט אַ צלמ׳ל אויפן האַלדז?... געדענקסט ווי צוליב דיר כ׳האָב עס מער נישט געטראָגן; די קירכע מיטן פּריסט מער נישט געוואָלט אָנקוקן — אַלצדינג האָב איך פאַרלאָזט צוליב דיר!.. און ווען איך בעט דיר אַזאַ קלייניקייט, ווי ריידן מיט דער מאַמען — איז דאָס באַ דיר אַ טראַגעדיע? כ׳קאָן דיר אָסור פאַרשטיין, רובי, וואָס דו שרעקסט זיך אַזוי פאַר איר? איז זי נישט באַרעכטיקט זאָלסט קומען ריידן צו איר, ווי ס׳פירט זיך באַ אונז?... זי איז דאָך אַ מאַמע! מיין מאַמע...

— און אַז דיין מאַמע וועט מיך זען און ריידן מיט מיר, און זי וועט דערמאָלט דיך דאָס נישט דערלויבן צו טאָן, וואָס וועט דערמאָלט זיין, נעלי?

ער האָט געקוקט אויף אירע ליפּן און געוואַרט אויף אַן אַנטשיידענעם ענטפער, וואָס זאָל מאַכן אַ סוף צו אָט־דעם געשפּרעך, וואָס האָט אים שוין דערעסן. אָבער אירע ליפּן זיינען געווען פאַרשלאָסן.

א שאפ אין רידזשוואוד

נאך א ווײַלע טראַכטן האָט זי זיך אָפּגערופֿן:

— מיר'ן זען וועגן דעם שפּעטער. פֿריער קום מיט מיר אַהיים, קום, טײַערער...

ער האָט זיך פֿונעם פּלאַץ אויפֿגעהויבן א צעבראָכענער. מיט א ציטערדיק קול האָט ער געזאָגט:

— אַצינד מוז איך א היים גייִן, נעלי, מײַן געמיט אויסרוען. מיר'ן נאָך רײדן וועגן דעם... ביזט אפשר הונגעריק, נעלי?

— ניין, רובי. אין האַלדז שטיקט עפּעס... מיר'ן גייִן א סאָדע טרינקען.

— דו ווייסט, נעלי — האָט ער מיט א פֿריילעכן קול אָנגעהויבן — מיר איז אײַנגעפֿאַלן א געדאַנק, דער שאָפּ זאָל מאַכן דעני'ן פֿאַר טשערמאַן אויף ספּענעם פּלאַץ — וואָס זאָגסטו? אפשר גאָר זאָל עס זײַן דער חבר פּיל?

— איך וואָלט געוואָלט אַז דו זאָלסט זײַן — האָט זי אָפּגעהאַקט.

— ס'טויג נישט איך — האָט רובי איר געגעבן צו פֿאַרשטיין — דער שאָפּ דאַרף האָבן א טשערמאַן איינעם פֿון זייערע, פֿאַרשטייסט?

נעלי האָט אים גאָרנישט ניט געזאָגט.

7

מיטן אָנקום פונעם נייעם סעזאָן האָט די „ספּאָרטינג" פירמע: מאָריץ קראָוז ענד סאָן געקראָגן אַ ים מיט באַשטעלונגען. דזשעק האָט איצט אַ סך זאַכן פּאַרקוקט... דער שאַפּ זאָל נאָר ניט געשטערט ווערן. דער ווינטער האָט זיך געזוקט. די קרעמער האָבן געאײַלט נאָך זייערע באַשטעלונגען. האָט דער שאַפּ געאַרבעט מיטן פולן ברען: פון די ניי־מאַשינען האָבן זיך יעדן טאָג סטירדעם אַרבעט געשאַטן. די פּרעסער האָבן געפּרעסט. דער קאָנטראַקטאָר זייערער, סאַלי, איז דאָרטן מער ניט געווען. די פּרעסער האָבן געאַרבעט דירעקט פאַר דער פירמע — און מער צופרידן געווען.

דער פריערדיקער טשערמאַן ספּענע האָט נאָך דער מיאוס'ער גע־שיכטע אַליין דעם שאַפּ פאַרלאָזט. דער יונגער פּרעסער דעני האָט זיין פּלאַץ אַלס טשערמאַן פאַרנומען. דער שאַפּ איז מיטאַמאָל יוניאָניזירט געוואָרן: אַרבעטער זיינען דאָרטן מער ניט הפקר געווען. דער נייער טשערמאַן דעני איז שטענדיק געווען אויף דער וואַך. מיטינגען גערופן און די אַרבעטער זיינען געקומען.

דעני, מיטן נייעם רידזשוואָודער יוניאָן־פירער פּעטרי, פלעגן פאַר די יונגע אַרבעטער רעדעם האַלטן. גערעדט האָט צו זיי דעני אין אַ אינטימער שפּראַך; גערעדט פון זייערע נויטן, פון זייערע פאַרלאַנגען, און היימיש זיינען די אַרבעטער צווישן זיך געוואָרן! יונגע אַרבעטער האָבן ס'ערשטע מאָל זייער קול פאַר אַן עולם געלאָזט הערן... דערציילט פונעם שווערן יאָך; דערציילט, אַז נאָך אַ פולע וואָך שווערער אַרבעט אינעם שאַפּ, סטייעט נישט אויף שיך צו קויפן, אויף אַ מאַנטל אפן לייב...

רובי איז צווישן זיי געזעסן, זיך צוגעהערט צו די רייד, און אַליין דאָס וואָרט גענומען און אויפגעקלערט די פאַרזאַמלטע, אַז איצט איז די בעסטע צייט צו פאָדערן באַדינגונגען; איצט — אינעם ברען פונעם סעזאָן. באַלעבאַטים שאַרן הויפנס גאָלד, זיינען די אַרבעטער באַרעכ־טיקט צו אַ געזיכערטן מינימום־לוין — אַ לעבן צו מאַכן... די ווערטער

זיינען פון די פארזאמלטע אויפגעכאפט געוואָרן; פון מויל צו מויל איז דער פארלאנג דערגאנגען:

— א געזיכערטן מינימום־לוין פאר מאן און פרוי!

— מיר זיינען בארעכטיקט א לעבן צו מאכן!

:: :: ::

דזשעק האָט אין אַפּיס איבערגעקוקט א פּעקל בריוו, וואָס די פּאָסט האָט אים געבראכט. זיינע אויגן האָבן דערזען א בריוו מיט א אויפשריפט: „גענעראַל אַפּיס ספּארטינג וועיר יוניאָן". ער האָט אַן עפן געטאָן דעם בריוו, דורכגעלאָפן איבער אים מיט די אויגן, און אים א וואָרף געטאָן אַן א זייט. נאָכדעם איז ער געבליבן זיצן פארטראכט.

— א טשיקאָווער בריוו — האָט ער געטראכט. פּונקט צום רומל — אינמיטן סעזאָן, ווען ער ווערט פּשוט דערשטיקט פון באשטעלונגען... אין זיין מוח האָבן פּלענער זיך געצייכנט: ווי אזוי, און וואָס ער זאָל איצט טאָן, און גלייכצייטיק זיינע קונים ניט פארלירן... איינס איז קלאָר געווען פאר אים: אָט־דעם בריוו איז אומעגלעך צו איגנאָרירן! ער געדענקט נאָד, ווי דער זעלבער גענעראַל אַפּיס, האָט ווי מיט א בעזים אויסגעראמט די פריערדיקע יוניאָן־הערשער פון רידזשוואוד זיינע אינטימסטע פריינט... אמת, בעת מעשה איז אים שווער געווען זיך צו שיידן מיט זיי, אָבער „פריער קומט ביזנעס". די זיינען אוועק, אַנדערע וועלן קומען. ער, דזשעק, ווייסט ווי צו קריגן פריינט, אָ, ווייסט ער!...

דזשעק האָט זיך געכאפּט און אָנגעקלונגען אין דער יוניאָן.

— העלאָו מיסטער פּעטרי. דזשיי. קראוז רעדט!

— יאָ, מיר האָבן געקראָגן דעם מאָדנעם בריוו פון גענעראַל־אַפּיס. כ'דענק, אַז ס'איז א „האָלד־אָפּ!"

— אזוי... ניט ריידן מיט אזא שפּראַך? פיין, פיין. דענקט איר, אַז די פירמע איז גרייט צו טאָן אָט דאָס וואָס איר פארלאנגט?

— וואָס? ס'ליגט אין די הענט פון גענעראַל־אַפּיס? וואָס פאר א געשעפט האָבן זיי מיט אונזער שאפּ? ווער? — — —

— אָלרייט, מיסטער פּעטרי. כ'וואָלט אייך זייער געוואָלט זען אין מיין אַפּיס. ווען איר — — —

— ווען דען? אפשר מאָרגן? איבערמאָרגן? — איר ווייסט נישט?

— גוד־באַי!

ער איז געזעסן אַ פּאַרטראַכטער דזשעק. דער פאַרמאַן באַדי איז אַריינגעקומען, געשטאַנען, געקוקט אויפן באַלעבאָס זיינעם. דזשעק האָט דעם קאָפּ אויפגעהויבן און געפרעגט:

— וואָס האָסטו געוואָלט, באַדי?

— איך — איך האָב אייך געוואָלט זען, מיסטער קראַוז... זייער אַ וויכטיקער שאָפּ־ענין — האָט דער פאַרמאַן יעדעס וואָרט, ווי אין ליים, געקנאָטן.

— ווייסט מיר איצט אויפהערן דרייען דעם קאָפּ, באַדי! ווייסט מיך זען שפּעטער, שפּעטער.

באַם טיר האָט אים דזשעק פאַרהאַלטן:

— באַדי! — האָט ער אים גערופן — שיק מיר אַריין דעני, דעם נייעם טשערמאַן זייערן.

— אַ טשערמאַן, צום שוואַרץ יאָר — האָט דער פאַרמאַן מיט אַ געקלאַפּ אין טיר, געזאָגט.

דעני איז אַריין אין אָפיס. מיט די הענט אין די הויזנקעשענעס האָט ער געפרעגט:

— איר האָט מיך גערופן, מיסטער קראַוז?

— יאָ, זיץ, דעני, מיר'ן זיך דורכשמועסן.

— וואָס כ'וויל דיר פרעגן, דעני — האָט דזשעק אָנגעהויבן מיט אַ שמייכל — ביזט היינט מער צופרידן מיט דיין אַרבעט ווי פריער, אונטער דעם קאָנטראַקטאָר?

— בעסער ווי פריער. אָבער קיין לעבן מאַכט מען נאָך אַלץ ניט, מיסטער קראַוז!

— כ'פאַרשטיי, כ'פאַרשטיי... און ווי וואָלט געווען, ווען כ'גיב דיר די געלעגנהייט צו מאַכן געווען, וואָלסטו די געלעגנהייט אויסגענוצט?

ער האָט אים געקוקט אין די אויגן, דער באַלעבאָס. ווי ער וואָלט פון דאָרטן אַ קלאָרן באַגריף געקראָגן, ווי ווייט די ווירקונג פון זיינע ווערטער דערגרייכן... וואָס ער האָט דאָרטן דערזען האָט אים ס'לשון אָפּגעהאַקט. ער האָט פאַררויכערט אַ ציגאַר און געשוויגן.

דעני האט זיך צום טיר אויסגעדרייט. דזשעק האט אים צוריק גע־רופן:

— סארא נאאיווער יונג דו ביזט, דעני! — האט דזשעק אים באדויערט — „וועל“, ווי געפעלט דיר אט דער בריוו וואס כ׳האב היינט דערהאלטן פון גענעראל־אפיס? — האט ער געביטן זיין טאן.

— מיסטער קראוז, דאס איז אונזער באשלוס פונעם גאנצן שאפ! און האנדלען וועגן דעם ענין ליגט ניט אין מיינע הענט. ס׳איז אין גע־נעראל־אפיס, מיסטער קראוז!...

דזשעקס פנים איז רויט געווארן און ער האט געזאגט:

— אויב דו, און די אנדערע ווי דו, דענקען אונז צו פירן פארן קאפ, וועט איר זיך באלד ארומזען, אז איר האט זיך ביטער גענארט. אונזער פירמע איז רייך גענוג און אזעלכע שנעקעס — —

דעניס אויגן האבן נאכגעקוקט דעם באלעבאס זיינעם, ווי ער הויבט זיך אויף און זעצט זיך צוריק אוועק, ווי די ניכפה ווארפט אים פון רציחה. ער האט פאררויכערט א ציגארעטל און שמייכלענדיק גע־זאגט:

— אט די שפראך אייערע פארשטיי איך אויסגעצייכנט, מיסטער קראוז! ס׳איז מער נאטירלעך... און כ׳וויל איר זאלט מיר אויך פאר־שטיין. זייט ווייס: מיין נאמען איז ניט ספענע... מיך רופט מען דעני!

דזשעק האט געכאפט זיין הוט. מיט א קללה אויף די ליפן איז ער ארויס פון אפיס.

:: :: ::

דער אלטער קראוז האט זיך פלוצים באוויזן אין אפיס. פונעם זומער־פלאץ איז דער אלטער שוין געקומען מיט א צייט צוריק. אבער סיי ס׳ווייב זיינע, און סיי דזשעק, האבן אים אפגעהאלטן פון צו גיין אין שאפ אריין. דעם אלטן האט געצויגן צום שאפ, ער האט פשוט ניט געקאנט רוען, און אין מיטן טאג האט ער זיך געלאזט צום שאפ.

דער אלטער האט זיך נאכגעפרעגט אויף זיין זון. די אפיס־מייד־לעך האבן אים ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן. האט ער זיך באם שרייב־טיש געזעצט און צוגעווארט.

דער אלטער האט דערזען דעם בריוו. דערדאזיקער אויפשריפט איז דעם אלטן קראוז צו גוט באקאנט געווען. נאך פון יענע, אמאליקע

ציטן... ער האָט גערופן דאָס אָפיס־מיידל איבערצוליינען פאַר אים דעם בריוו. **דאָס מיידל האָט געלייענט:**
...„ספּאָרטינג־ווער מאַנופעקטשורערס... מאַריץ קראַוז ענד סאַן..

:: :: ::

דער אַלטער קראַוז האָט זיך פון פּלאַץ אַ הויב געטאָן, ווי אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטאָן. מיטן בריוו אין קעשענע האָט ער זיך צום טיר געלאָזט און אַריינגעשפּרייזט אין שאַפּ.

ער האָט געשפּאַנט לעבן די מאַשינען, דער אַלטער. מיטן זיין גע־ניט באַלעבאַטישן אויג אַריינגעקוקט אין די אַרבעטערס פּנים׳ער... אָבער זיינע געניטע אויגן האָבן גאָרנישט ניט געזען. יונגע, שמייכ־לענדיקע פּנים׳ער, פּונקט ווי ער האָט זיי איבערגעלאָזט...

דער פאָרמאַן באַדי האָט אים דערזען און זיך אַ בויג געטאָן פאַר אים. דער אַלטער האָט אים אָנגענומען באַם האַנט און אים אַריינגע־פירט אין אָפיס.

דזשעק איז אָנגעקומען אַ צעפּלאָמטער. דערזעענדיק דעם טאַטן, האָט ער באַמערקט:

— ס׳האָט מיך אַזוי אַ קלעם געטאָן באַם האַרצן, פּאַ. זיך אַריינ־געכאַפּט אַ ביס טאָן.

דזשעק האָט געזען, אַז דער טאַטע גלויבט אים אַ וואָרט נישט וואָס ער דערציילט. האָט ער אַ שליידער געטאָן זיין הוט און געביטן די טעמע:

— פּאַ — האָט ער לאַסטשענדיק געזאָגט — האָסט אַסור באַ־דאַרפט קומען איצט, ס׳קלייבט זיך אויף אַ רעגן, און מיר גייען שוין באַלד אַהיים.

— ווּעסט מיך מער אינדערהיים נישט האַלטן! — האָט דער אַל־טער מיט אַ פאַרשטיקט קול געזאָגט.

דזשעק האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, און באַמערקנדיק דעם פאָרמאַן זיינעם, האָט ער אַ ברום געטאָן:

— הוממ!... האָסט דאָ שוין עפּעס אָנגעשרויפט, באַדי, האַ?

— זאָל איך קרענקען, מיסטער קראַוז! כ׳האָב בלויז דעם טאַטן דערציילט — —

— וואס פאר א טייוול האט דיך געבעטן דאס צו טאן? אין שאפ אריין גיי!

ווען באדי האט דעם אפים פארלאזט, האט דער אלטער געזאגט צום זון זיינעם:

— זעץ זיך דזשעק, כ'וויל דיר עפעס פרעגן:

דזשעק האט באמערקט ווי דעם טאטנס פנים איז אינגאנצן רויט געווארן, ווי בלויע אדערן זיינען פון זיינע שלייפן געקראכן, איז א פחד אים באפאלן, עפעס שלעכטס זאל מיט אים ניט געשען, האט דזשעק גע־שמייכלט און געענטפערט:

— יא, פא. כ'וועל נאר פונעם שרייב־טיש צוראמען.

— ס'איז נישט נויטיק — האט דער אלטער ביטרע געזאגט — אט איז דער בריוו, דזשעק!

— יא, ס'איז ניט ווערט קיין ציבעלע, פא. כ'קום איצט פון גענע־ראל־אפים... ס'איז נישט מער ווי א מאניעוורע פון זיי, פא.

דזשעק האט געקוקט אויפן טאטן, געוואלט זען דעם איינדרוק וואס זיינע ווערטער האבן געמאכט, צי ער גלויבט דעם לעצטן ליגן וואס ער דערציילט אים. ער האט גיך פארריכטערט און ווידער אנגע־הויבן:

— מעגסט רואיק זיין, פא. זע, דער שאפ ווי ער ארבעט, זע וויפיל באשטעלונגען מיר שיקן ארויס, און זע ווי אונזער געשעפט וואקסט! פא, גלויב ניט א ווארט וואס דער ליגנער באדי דערציילט דיר... אסור א ווארט!

— ווייסטו כאטש וואס באדי האט מיר דערציילט? זון מיינער, ווי כ'זע באהאלטסטו פון דיין טאטן, איך דערקאן עס אין דיין פנים!

ער האט זיך פארטראכט דער אלטער, א ווילע ארום האט ער גע־זאגט:

— געדענקסטו דזשעק ווי דו האסט אמאל געזאגט, אז ווען מיר האבן אריבערגעצויגן מיטן שאפ קיין רידזשוואוד זיינען מיר א פעלער באגאנגען וואס מיר האבן מיטגענומען א טייל פון די אלטע באלמע־לאבעס, געדענקסטו מיין זון?...

— יא, פא. איך געדענק. אבער צו וואס זיך גריבלען? ס'איז ווערט א ציבעלע, זאג איך נאך א מאל... קום פא. קום בעסער אהיים. באלד הויבט אן רעגענען.

8

ס׳איז געקומען די צייט, ווען דזשעק האט באדארפט געבן דעם גענעראל־אפיס א קלארן ענטפער, אויב די ספארטינג פירמע: מאריץ קראוז ענד סאון גיבן נאך די לויז־העכערונג פאר זייערע ארבעטער.

ס׳איז געווען אין א פרימארגן. דער אלטער קראוז איז שוין אין אפיס געזעסן א צעטראגענער, מיט א בייזן פנים. א שווערע נאכט האט דער אלטער דורכגעמאכט. די נייעס, וואס זיין פארמאן באדי האט אים נעכטן דערציילט, האט דעם מענטשן מיט קיין אויג ניט געלאזט צומאכן. זיין געטרייע ווייב איז בא זיין בעט געזעסן, גע׳טענה׳עט מיט אים. דערמאנט אים, אז ער איז א קראנקער מענטש, וואס שפילט זיך מיטן לעבן ווען ער רעגט זיך אויף... זי האט אים אויך דערמאנט פון אמאליקע יארן, נאך פון דער אלטער היים, ווען ער, מוישע פייוול, האט מיט דער „סאקפע" אויפן אקסל, זיך מיטן שליאך געשלעפט פון דארף צו דארף און געלאטעט פויערשע פעלצן און אויף שבת ניט געהאט... זי האט געוויינט פאר אים, און דעם זון געוועקט, ער זאל דעם דאקטאר אפרופן... אבער דער אלטער האט קיינעם ניט געהערט און איז גלייך מיטן מארגן פון בעט ארונטער און זיך געלאזט אין שאפ אריין.

איצט, זיצנדיק אינעם אפיס און איבערטראכטנדיק זיין פארמאנס ווערטער, איז דעם אלטן שוין קלאר געווען, ווי אזוי די „מגפה" האט זיך אינעם נייעם שאפ צעשפרייט... און ווי אט דער רובי, וואס האט שוין רואינירט אזוי פיל שעפער מיט זיין גיפטיקן פיסק — איז דא, איז ער אויך געקומען אונטערגראבן זיין נייעם שאפ...

דער אלטער האט גערופן דעם זון זיינעם און צו אים געזאגט:

— הער מיך אוים, מיין זון! זאלסט זיך ניט דערוועגן געבן אן ענטפער דער יוניאן. פאר סטרייקס האב קיין מורא ניט! די־א מייד־לעך ווייסן ניט און ווילן ניט וויסן פון סטרייקס. און פאר אט־די וואס העצן אונטער — מענסטו זיי איבערלאזן צו מיר... נישקשה, דיין טאטע לעבט נאך.

דזשעק איז צופרידן געווען פון טאטנס רייד. די ווערטער זיינען פאר אים געווען ווי א רפואה פאר זיינע קראנקע נערוון... עפעס א

קליניקיט, וואס אלע זיינע אנגעצייכנטע פלענער צעפאלן ווי א קארטן־שטיבל? דעם יונגן, אמביציעזן לאיערל האט דאס געגריזשעט צום טויט! דזשעק האט זיך ארומגעזעז, אז דער אלטער טאטע האט דאך רעכט, ער ווייסט דאך ווי צו פירן... געלט געבן? דאס וועט ער קיינמאל ניט פארזאמען... איז וואס? איגנארירן די גאנצע מעשה און פטור! און ווער ווייסט טאקע, צי אט־די מיידלעך און אינגלעך וועלן פאלגן דער יוניאן און גיין סטרייקן?....

:: :: ::

אין שאפ האט באלד פון פרימארגן א אומרואיקייט געהערשט, און די אומרואיקייט איז געוואקסן מיטן גאנג פונעם זייגער... ארבעטער זיינען דארטן ווי אויף שפילקעס געזעסן און מיט אנגעשפיצטע אויערן געווארט אויפן יוניאן־רוף.

דער אלטער קראוז האט געשפאנט איבערן שאפ, און מיט זיין בייזן, ביסטרען פנים געווארפן א שרעק אויף די ארבעטער. ער האט געשפאנט פון מאשין צו מאשין, נאך א מאל אריינגעקוקט אין יעדנס פנים, ווי ער וואלט אויף זיכער זיך געוואלט דערקונדיקן, אויב אט די יונגע פנים׳ער זיינען גרייט צו סטרייקן... אבער פונקט ווי דאס לעצטע מאל האט ער גארנישט דערזען עפעס ספעציפישעס, אפילו דעם מינדסטן פארדאכט אויף קיינעם פון די יונגע ארבעטער.

איצט איז דער אלטער קראוז שוין זיכער געווען ביי זיך, אז דער גאנצער אומגליק אינעם שאפ איז בלויז רובי... אט יענער וואס זיצט דארטן... ער האט באטראכט דעם רובין, דער אלטער קראוז. ווי ער זיצט זיך ווי א נעבעכל,און אין דער אמת׳ן זיצט דארט א שלאנג, א געפערלעכע שלאנג! ווערט ער נאר פטור פון אט דעם שלאנג, וועט דער גאנצער שאפ פטור ווערן פון א טראבל־מאכער... אבער אויף וועלכן אופן זאל ער פון אים פטור ווערן? אמאליקע יארן פלעגט ער אליין א כאפ טאן אזא חברה׳מאן, ווי יאנאדקע, פארן קאלנער און בוכע פון אלע טרעפ... היינט קאן עס אים שאטן צום געזונט, צום, הויכן „בלאד־פרעשור“...

פונעם „פרעסינג־דעפארטמענט“ האט זיך געהערט דעם פארמאנס מרודנער קול. ווי א הונגעריקער וואלף האט ער גערעוועט און זיך געריסן אז דער באלעבאס זאל דערהערן און וויסן וואס פאר א טייערער

פאַרמאַן ער איז... פון די פּרעסער האָט זיך דער פאַרמאַן געטראָגן צו די ניי־מאַשינען: געטאַפּט און געזוכט יעדנס פּאַרטיקע אַרבעט און זיך נעבייזערט. אַ פּחד איז געפאַלן אויף די אַרבעטער. נעלי האָט דעם קאָפּ אויסגעדרייט צו רובין און שטיל באַמערקט:

— וואָס פאַר אַ טאָג היינט... מ׳קאָן שטאַרבן...

— פאַר מיר, נעלי, איז היינט זייער אינטערעסאַנט. באַלד, באַלד וועלן די באַלעבאַטים זיך כאַפּן, אַז זיי לעבן אין טעות...

— שטילער רעד, רובי... זע, ווי דער אַלטער קוקט אויף אונז.

— איז וואָס?

— ס׳שרעקט מיך פאַר אים, רובי... ווען איך זע אים, שרעק איך זיך...

— ביזט אַ קינד, נעלי. ער קאָן דיר גאָר נישט טאָן.

— זע, רובי. ער האָט געשיקט נאָך זיין פאַרמאַן... ער זאָגט אים עפּעס אָן... אויף אונז מסתמא...

רובי האָט אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ, אַ בליק געטאָן אויפן פאַר־מאַנס פּנים און פאַרשטאַנען, אַז באַלד וועט ער אים האָבן פאַר אַ גאַסט בא זיך... ס׳האַרץ האָט בא אים שטאַרקער גענומען קלאַפּן. ער האָט אוועקגעלייגט זיינע ציטערדיקע הענט און געוואַרט...

אָבער דער פאַרמאַן באַדי האָט זיך ניט געאיילט. ער האָט צייט געהאַט, דער פאַרמאַן... צו לאַנג האָט ער געוואַרט אויף דער שעה, זיך נוקם צו זיין אין זיין בלוטיקן שונא, רובי. איצט, ווען די שעה פון נקמה איז געקומען, האָט ער צייט... זאָל די שעה זיך ציען און ציען... און ער, דער שונא זיינער, זאָל זיצן דאָרטן און וואַרטן אַז ס׳האַרץ זאָל אים פּלאַצן... אַנטלויפן וועט ער שוין ניט פון אים! האָט ער זיך גע־דרייט אַרום אים איינמאָל און נאָך אַ מאָל... גאַנץ אומשולדיק גענומען בא רובין אַ שטיקל פּאַרטיקע אַרבעט, געקוקט, געקוקט און גאָרנישט געזאָגט... ווידער געמאַכט אַ הקפה אַרום אים, גענומען אַ צווייטע, אַ דריטע, ביז ער האָט איבערגעקערט ס׳גאַנצע פּאַרטיקע אַרבעט זיינע, און גענומען נישטערן פון דער צווייטער זייט... רובי האָט געלאָזן זיך צוגעקוקט און געשמייכלט אים אין פּנים אַריין... און וואָס מער רובי האָט געשמייכלט, איז דעם פאַרמאַן די אַרבעט פון די הענט געפאַלן. ענדלעך איז דעם פאַרמאַן מיאוס געוואָרן די שפּיל און ער האָט אים

אונטערגעטראָגן זיין גאַנצע פּאַרטיקע אַרבעט און מיט א געבייזער גע־זאָגט:

— וועסט אַזוי גוט זיין איננאַנצן דאָס איבערמאַכן, ס׳טויג אין דר׳ערד!

רובי האָט אַ לאָז געטאָן די מאַשין און אים איגנאָרירט.

דער פאָרמאַן האָט אָנגענומען דעם פאַדים פונעם מאַשין און ער האָט באַפוילן:

— אָדער דו מאַכסט עס איננאַנצן איבער, אָדער דו וועסט דאָ מער קיין שטאָך ניט טאָן! מער אויף די פּלייצעס וועל איך דיך ניט טראָגן!

רובי האָט זיך צעלאַכט:

— דו?... דו — מיך טראָגסט אויף דיינע פּלייצעס — דו?

— „בעסטעד!“ — האָט דער פאָרמאַן מיט אַ פינגער געסטראַשעט אים איבערן פּנים.

רובי האָט אים אַ כמאַל געטאָן איבערן האַנט. און ער האָט זיך אַ שטעל געטאָן און געזאָגט:

— אויב דו טראָגסט זיך שוין ניט אָפּ פון דאַנען, צעברעך איך דיך — —

— „יו סאַנ־אָוו־עי — — “ „יו בעסטעד“ — אַרויס פון מיין שאָפּ! — האָט פּלוצים ווי א דונער איבערן שאָפּ זיך געהערט דעם אַלטנס קול.

אַרבעטער האָבן מיט די קעפּ געהויבן, געקוקט מיט צעשראָקענע אויגן אויפן אַלטן קראַוז, ווי ער שטייט מיט אַ פויסט איבער רובין און טרייבט אים.

דעני, דער שאָפּ־טשערמאַן איז אין אַ רגע אויפן פּלאַץ געווען און געזען, ווי דער אַלטער קראַוז טרייבט רובין פון שאָפּ אַרויס. און באַלד האָט אַ הילכיקער פייף זיך איבערן שאָפּ געטראָגן. אַלע אַרבע־טער זיינען מיטאַמאָל אויף די פיס געשטאַנען; די טרייב־מאָטאָרן זיי־נען פאַרשטומט געוואָרן...

דער אַלטער האָט מיטן קאָפּ אַרום די ליידיקע מאַשינען געדרייט; ס׳האָט געציטערט זיין פויסט אין דער לופטן, געציטערט האָט יעדער אָבר אין אים. ס׳גאַנצע בלוט האָט צום פּנים אים אַ שפּאַר געטאָן.

רויט איז ס׳פּנים געוואָרן און ער האָט זיך גענומען וואַקלען, און איז מיטאַמאָל צום באָדן געפאַלן...

מיט אַ פאַרצווייפלטן געשריי איז דזשעק פונעם אַפּיס אַרויסגע־קומען. ער און דער פאָרמאַן באַדי האָבן אים אויף זייערע הענט אינעם אַפּיס אַריינגעטראָגן. דעמאָלט זיינען די אַלע אַרבעטער פונעם שאַפּ אין דער יוניאָן אָוועק.

— —

אַ טאָג צייט האָט דער שאַפּ ניט געאַרבעט. דער אַלטער קראַוז איז געפּערלעך קראַנק געווען.

דזשעק האָט דעם טאַטן אין אַ פּריוואַטן שפּיטאָל געמוזט פירן, און פאַרזאָרגן אים פאַר אַ לאַנגער, אומבאַשטימטער צייט מיט אַלץ וואָס איז נויטיק געווען. נאָכדעם איז ער אין גענעראַל־אָפּיס פון דער יוניאָן אַוועק און אונטערגעשריבן אַלצדינג וואָס מען האָט פאַרלאַנגט פון אים.

מיט אַ צייט שפּעטער אין אַ פרימאָרגן. ווען נעלי איז צו דער אַרבעט געקומען און געעפנט איר מאַשין־שופלאָדל, האָט זי דאָרטן גע־פונען אַ בריוועלע:

„זיי געזונט, נעלי טייערע... מער קום איך ניט צו דער אַרבעט. מיין ווייטערדיקע אַרבעט אינעם שאַפּ איז מער ניט נויטיק — רובי.״

יאַנואַר 1938

אין פּיוווישעס מלוכה...

אַ זוניקער פרימאָרגן אין אָקטאָבער. די לייבאַר־ביוראָ, וואו די שניידער־ארבעטער קומען זיך צונויף, איז געשטאַנען גרייט: טיר און פענצטער צעעפנט; שטיקלעך זון האָבן זיך אהין געשפּאַרט און באַלויכטן דאָס קליינע פענצטערל, וואו דער יוניאַן־קלוירק, הערשל איז רואיק געשטאַנען און געלייענט זיין צייטונג. דער ווינטער־סעזאָן איז שוין געווען צו ענד. וואו ניט וואו האָט נאָך ערגעץ אַ שאַפּ צוביסלעד געאַרבעט. אָבער די גרעסטע טייל שעפּער האָבן געפּוסטעוועט. דערפאר איז די לייבאַר־ביוראָ באַלד פון אינדערפרי אָנגעפילט געוואָרן מיט שניידער; ארבעטער פון פארשידענעם עלטער האָבן זיך אהין געלאָזט און באַלאַגערט דעם באשיידענעם לייבאַר־ביוראָ צימער ביז צום פענצטערל, און געוואַרט אויף אַ „נס“...

דער טעלעפאָן האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן קלינגען:

דער געדראַנג צום פענצטערל איז שטאַרקער געוואָרן; אויגן און אויערן אָנגעשטרענגטער, גלייכצייטיק — אַ געברום:

— ש־ש־אַ!

דער יוניאַן־קלוירק האָט אוועקגעלייגט זיין מאָרגן־צייטונג און גענומען די טרובקע צום אויער:

— העלאָ! ווער? — אַ־יע! וואָס — האַ? — כ׳הער ניט! — אַ, אַ, — באַלד!...

— צו פּיוויש׳ן אַ באַלמעלאָכע — ווער גייט? — האָט געפרעגט דער יוניאַן־קלוירק אויפן קול.

די ארבעטלאָזע זיינען געבליבן שטיל.

— פּיוויש באַדאַרף האָבן אַ באַלמעלאָכע — וואָרום שווייגט איר? — הערט זיך אַ פאַרוואורף אין באַאַמטנס קול.

איינער, מיטן נאָמען כאַינקע, אַ מענטש וואָס האָט ליב געהאַט יענעם אריינקיבעצן, האָט זיך אָנגערופן צום יוניאַן־קלוירק:

— פאָלג מיך, הערשל, שרייב אוים אַ „טויטנשיין“ צו שמוילע—

אַט דעם וואָס האַלט צו ס'פּענצטערל, ער און פּיוויש זיינען א גע־בענטשטע פּאָר — משוגעים...

ס'האָט אויסגעבראָכן א געלעכטער, און דער יוניאַן־קלוירק האָט ווידער געפרעגט:

— ווער גייט אַרבעטן צו פּיווישן? פּיוויש דאַרף א באַלמעלאָכע!

— איך גיי ניט צו פּיווישן — הערן זיך עטלעכע שטימען מיטאַ־מאָל.

— איך גיי! — האָט זיך דערהערט א שטימע.

ס'איז אונטערגעקומען א יונגערמאַן פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר, א שטילער, כמעט אַן אומבאַקאַנטער, צום יוניאַן־קלוירק, און געזאָגט:

— שרייבט מיר אויס א „פּעס", איך גיי!

דער יונגערמאַן האָט גלייך געקראָגן דעם „פּעס" און איז גלייך פאַרשוואונדן.

מאָדנע האָבן א סך אים נאָכגעקוקט און געשאָקלט מיט די קעפּ... דער ליץ כאַינקע האָט אים באַגלייט מיט קאַצן־מוזיק:

— העי, יונגערמאַן! — האָט ער אים נאָכגעשריען — א גליקלע־כן שליט־וועג!... כי־כי־כי!...

:: :: ::

פּיווישעס שאַפּ האָט זיך געפונען באַם איסט־ריווער. דער יונ־גערמאַן מיטן „פּעס" אין דער האַנט, איז אַרויף אויפן לעצטן שטאָק פון דער שאַפּ־געביידע, א צי געטאָן די טיר און געבליבן שטיין:

ס'איז אונטערגעקומען דער באַלעבאָס, א טונקל־בלאָנדער מאַן פון א יאָר עטלעכע און דרייסיק, מיט א גרויסן קאָפּ האָר, זייער שיין אָנ־געטאָן, און געזאָגט:

— יע! וואָס קען איך טאָן פאַר אייך?

— איך בין געשיקט געוואָרן באַ אייך צו אַרבעטן! — ווייזנדיק דעם „פּעס".

— אַזוי? זייער גוט! — זינגט זיך צו דער באַלעבאָס. — באַ מיר צו אַרבעטן? זייער שיין! זאָגט מיר: באַ וועמען האָט איר געאַרבעט?

— באַ מאַרגאָלים, — ענטפערט רואיק דער יונגערמאַן.

אין פייווישעס מלוכה...

— בא מארגאַליסן? — ווי איז אייער נאָמען? זיים־זשע מוחל יונגערמאַן — זינגט ווידער אונטער דער באַלעבאָס.

— סאַשאַ.

דער באַלעבאָס פאַרשווינדט אַ ווײַלע אין זײַן קליינעם „אַפּיסל״. ס׳הערט זיך ווי ער רעדט מיט אימיצן דורכן טעלעפאָן. אין אַ ווײַלע אַרום קומט ער אַרויס מיט אַ וואַזשנער מינע און ווענדט זיך צום יונגנמאַן:

— אייער נאָמען איז סאַשאַ? איר קענט בא מיר ניט אַרבעטן.

דער יונגערמאַן, ניט פאַרגנדיק פאַרוואָס, האָט זיך אומגעדרייט און געוואָלט אַרויסגיין.

עס האָט זיך דערהערט דעם באַלעבאָס׳ הויכע שטימע:

— העיי! סאַשאַ, קום אַהער!

דער יונגערמאַן האָט זיך אומגעקערט און געבליבן שטיין, ניט פאַרשטייענדיק וואָס דער באַלעבאָס וויל.

— איך, — האָט דער באַלעבאָס גוט־ברודעריש געזאָגט, — איך האָב זיך נאָכגעפרעגט אויף דיר בא מאַרגאַליסן, וואו דו האָסט געאַרבעט... זיי ווייסן, איך בין ניט מאַרגאַליס... מײַן נאָמען איז פייוויש.. אדרבא — שמייכלט ער איראָניש — איך וויל ווייסן, וואָס אַזאַ העלד ווי דו, קענסט אויפטאָן בא מיר אין שאַפּ...

אַזוי ריידנדיק, נעמט ער אים אונטערן אָרעם און פירט אים צו די מאַשינען, אָנווייזנדיק אים אַ פּלאַץ זיך אוועקצוזעצן.

פייווישעס שאַפּ איז ניט געווען פון די גאַנץ גרויסע. אין דער גאַנצער לענג, בא די פאָדערשטע פענצטער, דורך וועלכע עס האָט זיך געזען דער איסט־ריווער, איז געשטאַנען אַ לאַנגע ריי מיט מאַשינען, אַרום 20 אין צאָל. בא דעם לינקן וואַנט־פענצטער, וואָס האָט אַרויס־געקוקט אין אַ שמוציק געסל זײַנען געשטאַנען די פּרעסער און די עק־זאַמינערס. די „פינישערס״ זײַנען געזעסן בא אַ לענגלעכן, שמאָלן טישל, באַלד לעבן דער טיר.

:: :: ::

ווי יעדער נייער אַרבעטער, וואָס קומט אַרויף דאָס ערשטע מאָל אין אַ נייעם פּלאַץ, וואָס אַלץ זעט אויס אַנדערש, אַזוי האָט געפילט סאַשאַ, זיצנדיק בא דער אַרבעט, דערצו נאָך בא פייווישן אין שאַפּ,

וואו קיינער וויל ניט גיין ארבעטן, ביז ער איז „באַקאַנט געוואָרן" מיט זיין ניי מאַשין, מיט זיינע שכנים, וואָס ארבעטן מיט אזא התמדה, און ווילן די אויגן ניט אויפהויבן, ווי די כהנים באַם דוכענען. האָט סאַשאַ זיך דערמאָנט די סצענע, וואָס פּיוואַש האָט אים אָפּגעשפּילט איידער ער האָט אים צוגענומען... אָנגעפּרעגט באַ מאַרגאַליסן אויף אים... דערנאָך די וואזשנע מינע, מעשה באַלעבאַס, און די לעצטע ווערטער:

„איך וויל זען וואָס אזא העלד קען אויפטאָן באַ מיר"...

אַ טשיקאַווער באַס...

די אַלע געדאַנקען האָבן זיך געמישט און געדרייט באַ אים אין מוח, ווי דאָס רעדל פון מאַשין... ווען ס'האָט זיך דערהערט הינטער אים דעם באַלעבאַס אויסגעשרייען, ווי דאָס רעוועון פון אַ ווילדן אָקס:

— קאַלאַמבוסעס פערד! אַ כאַליערע אין דיין געפּייגערטן טאַטן אריין!

באַ די ווערטער האָט פּיוואַש איינגעדרייט די ארבעט אין אַ קנויל, אַ וואָרף געטאָן גלייך אין קאָפּ אריין דעם ארבעטער, וואָס איז געזעסן פּונקט אַנטקעגן סאַשאַ'ן.

— וואָס מיינסטו? — רעוועט ער ווייטער, — איך וועל דיר לאָזן מאַכן אזא ארבעט? אזוי לאַנג קרענקסטו!

סאַשאַ איז געבליבן זיצן, ווי אָפּגעגאָסן מיט קאַלטע וואַסער.

ארבעטן האָט ער ניט געקענט. זיינע הענט האָבן אים גענומען ציטערן. זיינע פיס זיינען געבליבן שטיין אויפן „טרעטער" ווי פּאַראַליזירט.

אַנטקעגן אים איז געזעסן זיין שכן באַרני, אַ מאַן, טיף אין די פערציקער יאָרן. גרויליכע האָר, אָפּגעשאָרן צום ליַיב, ווי אַן ארעסטאַנט, גרויליכע וואָנצעס, מיט אַ קייליכדיקן געלן פאַרצויגענעם פּנים, זיצט און שווייגט, ווי קיין זאַך וואָלט ניט געשען...

סאַשאַ האָט זיך ניט איינגעהאַלטן און געפרעגט באַרנין:

— פאַרוואָס שווייגט איר? פאַרוואָס גיט איר אים ניט צוריק מיט עפּעס אין קאָפּ?

— כאַ־כאַ־כאַ... — האָט זיך באַרני צעלאַכט — איר זענט אַ גרינער... איר וועט אויך קריגן דעם חלק... זאָרגט ניט, אים וועט דאָס

קאסטן היינט באנאכט... — צעלאכט ער זיך מיט א גרויסן נארישן געלעכטער.

:: :: ::

בארני איז געווען געזעכט. סאשא איז נאך געווען גרין... יעדן טאג האט זיך אפגעשפילט די זעלבע סצענע. אמאל מיט בארנין, אמאל מיט אן אנדערן: גאנץ אפט — עטלעכע אין איין טאג.

דורך אזעלכע סצענעס, האט זיך סאשא דערוואוסט, וואס עס טוט זיך אין דער „מלוכה" פון דעם שאפ באם איסט־ריווער, וואו פייוויש דער באלעבאס, איז דער פולשטענדיקער קיסר...

דורך אזא סצענע האט זיך סאשא אויך דערוואוסט:

פייווישעס ארבעטער האבן מער ניט קיין מענטשלעכע נעמען, ווי בארני, וועמען פייוויש האט גערופן: „קאלאמבוסעס פערד". אזוי האט ער גערופן דעם קליינעם שווארץ־חנ'עוודיקן ליטמאן: „קאטשקע"; אהרנ'עז, א שווערן, דיקלעכן מענטש, האט ער גערופן: „די קליאטשע"; לייזערן, א בלאנדן, הויכן יונגנמאן, מיט ליכטיקע בלויע אויגן, האט ער גערופן: דער „ים אקס"... שלאמקען, א היימישער יידענער יונגערמאן, א שטיקל חזן, האט דער גערופן: דער „ים חזיר"... דעם טשערמאן סענדער, א הויכן פולן מיטליאריקן מאן, האט ער גערופן: דער „קעלביקער בעל דארשער"... אזוי יעדן מיט א חיה'שן נאמען, אן אמת'ער זווערינעץ...

א גאנצן טאג איז פייוויש ארומגעלאפן ווי א בייזער הונט; זיינע געשרייען האט מען געהערט גיכער ווי דאס קלאפן פון די מאטאר־מאשינען, שילטן אלעמען, דערביי אויסרעכענען די נעמען פון זיינע חיות.. פארנאכט פלעגט ער צוגיין צו דיזעלבע „חיות". ריידן האט מען ניט באדארפט... פון שאפ געמארשירט גלייך צו קאשטוצן אין שענקל...

די ריי איז אויך געקומען צו סאשא'ן. איינמאל אין אן אינדערפרי, ווען סאשא איז געזעסן פארטיפט אין דער ארבעט, האט ער דערהערט הינטער זיינע פלייצעס א געשריי:

— הער נאר אַניס — העלד מיינער. דענקסט אז דו האסט דא געטראפן דעם פלאץ צום... דא איז ניט מארגאלים שאפ... פארשטייסט?

סאשא האט זיך געטאן א הויב און דערזען הינטער זיך פייווישן, וועלכער פארמעסט זיך אים צוווארפן די ארבעט אויפן קאפ; שנעל,

ניט פאַרלירנדיק א מינוט, האָט ער ארויסגעכאַפּט די ארבעט פון פּיי־ווישעם הענט און אויסגעשריען:

— מיסטער פּיוויש! אויב מיין ארבעט טויג נישט — ווייל איך איר זאָלט צוקומען צו מיר און רעדן ווי א מענטש. מיין נאָמען איז ניט באַרני, נאָר סאשא — איך וועט דאָס מוזן גערעדנקען.

פּיוויש איז געבליבן שטיין מיט אויסגעשטאַרצטע אויגן, מיט אן אָפענעם מויל; נאָר אַנשטאָט זיך ארויפצוּוואַרפן אויף סאשא'ן איז ער אַנגעפאַלן אויף זיין שכן לייזערן, וואָס האָט אוועקגעלייגט די הענט זיך איינצוהערן וואָס ס'קומט פאַר צווישן זיי:

— וואָס צו אַלדי שוואַרץ יאָר קוקסטו מיט דיינע אָקסענע אויגן? דיין געשעפט? ארבעט!...

אין די געשרייען אף לייזערן האָט מען געקענט פאַרשטיין: אין דער ערשטער מלחמה קעגן סאשא'ן — איז פּיוויש ארוים דער פאַרלאָרע־נער...

:: :: ::

פּיוויש איז ניט געווען פון יענע וועלכע גיבן זיך אזוי גרינג אונ־טער. פון דער פריערדיקער מפּלה, וואָס ער האָט געכאַפּט פון סאשא'ן, אין דער אַנוועזנהייט פון אלע זיינע „שקלאַפן", איז ער געווען ווילד ווי א טיגער.

זיין פעסטער באַשלוס איז געווען: נעמען סאשא'ן „פאַרן קאָפּ" און ארונטערוואַרפן... וואָס ס'וועט זיין נאָכדעם — וועט זיין!

באַלד איז ער געקומען צום שׂכל:

— ארונטערוואַרפן? זאָל הייסן — אז איך, פּיוויש, האָב מורא פאַר אים? — ניט דערלעבן וועט דער... פּיוויש האָט מורא!

— כאַ, כאַ, כאַ! ניטאָ ווער ס'זאָל לאַכן...

— וואָס האָב איך דאָ געוואָלט טאָן? איז דען ארונטערוואַרפן א שטראָף? ניין!

זיין קאָפּ האָט געאַרבעט אויף פאַרשידענע פּלענער, ווי זיך נוקם זיין; אָבער טיף אין האַרצן האָט ער געפילט: ער קען נעבעך גאָר ניט טאָן... סאשא איז ניט איינער פון זיינע „חיות".

און ניט נאָר האָט ער געפילט — נאָר געוואוסט זיכער: יענער יונגערמאַן, וואָס זיצט איצט דאָרטן באַם מאַשין איז פיל שטאַרקער פון

אים. אַט דער געדאַנק האָט אים נאָך מער גערייצט. איז ער אַרומגע־גאַנגען בייז, געביסן די ליפּן און געריוכערט.

ס׳איז געקומען מיטיק־צייט. אין שאַפּ איז געוואָרן שטיל. די אַרבעטער האָבן זיך גענומען צו די פּעקלעך עסן. פּייוויש איז נאָך אַלץ אַרומגעגאַנגען אַ צערייצטער. פּלוצלינג איז ער צוגעשפּרונגען צו די עקזאַמענערס, אַ נעם געטאָן עטלעכע שטיקלעך אַרבעט אויף דער האַנט, אַוועק צום טשערמאַן, און אויסגעשריען:

— נאַ, זע, וואָס פאַר אַרבעט מען מאַכט דאָ אין שאַפּ! איך גיי מער ניט פאַר קיין אַרבעט! איך ענדיק אַרויס... נאַ, קוק — רוקט ער אים די אַרבעט אין די אויגן אַריין, — ביזט טשערמאַן? אַ קעלבּיקער באַלדאַרשער ביזטו!...

סענדער, וואָס האָט נאָך ניט אויסגעפּייעט אַרונטערשלינגען דעם ערשטן ביסן, האָט אים אָנגעקוקט און געוואָלט עפּעס זאָגן; פּייוויש האָט אים ניט געלאָזן און ווייטער געשריען:

— וואָס ראַטשעסטו אויס אויף מיר דיינע קעלבּישע אויגן? איך זאָג דאָך דיר: ביזט אַ טשערמאַן צו אַלדי כאַליערעס, צי ניט?

לייזער און באַרני האָבן עפּעס גערעדט צווישן זיך אין דער שטיל. פּייווישן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זיי לאַכן פון אים, איז ער צוגע־שפּרונגען צו באַרניין און געברעוועט:

— דו לאַכסט?... קאַלאַמבוס, וועסט שוין לאַכן בא מיר מיט די ציין אין בלאָטע... ביזט אויך אַ באַלמעלאַכע? ווייסט אויך וואָס אַרבעט איז? דו מיט דעם „געלן אָקס״ — אָנווייזנדיק אויף לייזערן — רואי־נירן מיר! איר מאַכט אַרבעט, אַזאַ לעבן אויף אייך!

אין שאַפּ איז געווען שטיל. מ׳האָט מורא געהאַט אויפצומאַכן די מיילער צום עסן. די עסנס זיינען געבליבן אין די פּעקלעך, די אַרבע־טער האָבן זיך גענומען אַרויסרוקן פון זייערע פּלעצער, פאַרבאַהאַלטן זיך ווי פון אַ בייזער חיה.

פּייוויש האָט דאָס דערפילט און גלייך געכאַפּט אויף צוריק...

— העי, חברה! — האָט ער פריילעך אויסגעשריען, — וואָס צע־רוקט איר זיך אין די לעכער? די כאַליערע כאַפּט אייך? איך וועל אייך ניט אויפעסן... איך עס ניט קיין חזיר־פלייש... איר פאַרשטייט? איך בין אַ איד!

— העי שליאַמקע! — גיט ער א געשריי צו דעם אונטערפּרעסער, גיי נאָר ארונטער צו מאַלצ'ן דעם פּעדלער נאָך א פּליאַכע... אָבער די גוטע... פאַרשטייסט...

אין עטלעכע מינוטן ארום איז פּייוויש ארומגעגאַנגען מיט א פלאַש אין איין האַנט, מיט א גרויסער גלאָז אין דער צווייטער האַנט, און געצוואונגען יעדן מיט אים צו טרינקען.

— איצט שליאַמקע, ווייז וואָס דו קענסט! — האָט זיך פּייוויש צעהוליעט.

— נו, נו... א שטיקעלע „ושמרו", „שמע ישראל", אָדער גאָר עזרא הסופר... זינג! לאָז זיך ניט בעטן! זאָל דיר דוכטן, אַז דו שטייסט באַם עמוד... נו...

שליאַמקע איז געבליבן שטיין אין א פאַרלעגנהייט: איז מיטן העלן מיטוואָך נעם — זינג... אָבער פּייוויש קוקט אויף אים, לאָזט אים ניט אָפּ...

און... אזוי שטייענדיק אין מיטן שאָפּ, אַז א ראָק, מיט פאַרקאַטשעטע ארבל, מיט א פאַרטוך ארומגעבונדן ארום זיינע היפטן, פאַרקרימט ער זיין פּנים ווי צו וויינען... פאַרוואָרפט דאָס קעפּעלע אַז א זייט ווי צום חלש'ן... מיט די שפּיץ פינגער גלייכט ער אוים די פאַרשמאַלצענע יאַרמעלקע אויפן קאָפּ; די רעכטע האַנט אונטערגעלייגט אונטער דער באַק, פאַרקרימט ער דאָס מויל און זינגט:

עזרא הסופר אמר...

:: :: ::

דער „גליקלעכער" טאָג, ווען פּייווישעס ארבעטער פלעגן באַקומען זייערע שכירות, איז געווען פרייטיק. בעסער געזאָגט: פרייטיק צו נאַכט. איין וואָך איז געבליבן שטיין פאַר א משכון... געקראָגן האָט מען בלויז פאַר דער לעצטער וואָך... דורך די גאַנצע צוויי וואָכן וואָס סאשא האָט דאָרטן געאַרבעט, האָט ער זיך געהאַלטן אין איין פרעגן בא אַלעמען: אין וועלכן טאָג מען באַקומט די שכירות. דער ענטפער איז געווען, אַז פרייטיק. איז אריבער דער ערשטער פרייטיק, האָט מען אים געזאָגט: אים וועט מען געבן זיינע שכירות דעם קומענדיקן פרייטיק...

אין פּיוּווישעס מלוכה...

ענדלעך האָט סאַשאַ אָפּגעאַרבעט אַ צווייטן פריטיק ביז נאַכט. די עלטערע, פרומע אַרבעטער האָבן ניט געוואַרט און זיינען אַוועק אַהיים. געבליבן זיינען מערסטע יונגע אַרבעטער און די איטאַליענער.

פּיוּוויש איז אין שאָפּ ניט געווען, איז מען געזעסן און געוואַרט. סאַשאַ האָט געפרעגט דעם טשערמאַן:

— דאַרפן מיר וואַרטן, אָדער גיין אַהיים?

דער טשערמאַן, אַ גוטמוטיקער מענטש, וואָס ווערט פון אַלעמען באַיינפלוסט, האָט געענטפערט:

— מיר'ן וואַרטן אַ ווײַלע, ער וועט באַלד קומען...

סאַשאַ האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און פאַרצויגן מיטן טשערמאַן אַ געשפּרעך וועגן „פירונג" פון שאָפּ...

דער טשערמאַן האָט אים פּשוט דערקלערט:

— די צייט איז אַ שלעכטע. ס'איז דאָ אַביסל אַרבעט, מוז מען שווייגן; ער איז ניט אַזוי שלעכט.. איר האָט דאָך געזען. אַט איז ער אין כעס, און בעט זיך גלייך איבער.

סאַשאַ האָט געזען מיט וועמען ער האָט צו טאָן, האָט ער גלייך איבערגעביטן דעם געשפּרעך אויף זייטיקע זאַכן. דער זייגער האָט געוויזן האַלב נאָך זיבן. ס'איז שוין געווען גוט פינצטער. ערגעץ האָבן די מענטשן געהאַט פאַמיליעס, וואָס האָבן מיט שרעק אויסגעקוקט אויף זייערע מענער און פאָטערס, וועלכע זיינען אַזוי שפּעט נאָך ניט געקומען...

דאָ, באַ פּיוּווישן אין שאָפּ זיינען זיי געזעסן הונגעריקע, מיט פינצטערע, ניט געראַזירטע פּנים'ער; איינגעדרייט און געוואַרט.. זיי וואָלטן שוין לאַנג אַוועק אָן שכירות, ווייסן זיי: אין זייערע היימען איז ניטאָ אַ גראָשן. שוין צוויי וואָכן ניט געקראָגן קיין שכירות. אין מיטן דער וואָך קען מען באַם באַלעבאָס אַ סענט ניט באַקומען; זיינען זיי געזעסן פאַר'חלומ'טע אין האַלב־פינצטערן שאָפּ, מיט אָנגעשטרענגטע אויערן; צי עס הערן זיך ניט קיין טריט אויף די טרעפּ...

האַלב נאָך אַכט איז פּיוּוויש געקומען. די אַרבעטער האָבן זיך ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף, זיך אויפגעשטעלט. פּיוּוויש איז שנעל אַריין אין אָפיס'ל, אַרויסגעבראַכט עטלעכע בויגן ווייס פּאַפּיר, צוזאַ־

מענגעלייגט אין קליינע טיילן און איבערגעשניטן מיט דער שער, און געדופן איינעם נאָכן צווייטן:

— העי „קאַלאָמבוס“, וויפיל דאַרפסטו?

— מיסטער פּיוויש, — בעט אים באַרני מיט רחמנות, — גיט מיר מיינע גאַנצע שכירות, איך דאַרף צאָלן...

— מער ניט אַ וואָרט! — ברומט אוים פּיוויש, — איך האָב איצט ניט קיין צייט צום רעכענען... זאָג וויפיל דו דאַרפסט, שנעל!

— גיט מיר 25; איך דאַרף צאָלן...

— ווייטער צאָלן? איך פרעג דיר ניט! גוט. אזוי רעדנדיק שרייבט ער אים אָן אַ צעטעלע צו קאַשטוצן ער זאָל אים געבן 25 דאָלער.

— „קאַטשקע“, וויפיל דיר?

— 26 דאָלער.

— כ׳קען ניט, זיין גענוג 20?

— גוט, זאָל זיין צוואַנציק.

— און דו „קליאַטשע“, וויפיל?

— איך מוז האָבן 25 דאָלער, איך מוז...

— וואָס גייט מיר אָן וואָס דו מוזט? וויפיל דאַרפסטו, פרעג איך דיר?

אהרון איז געוואָרן צעטומלט און געענטפערט:

— גיט וויפיל איר ווילט...

— אזוי רעדסטו ווי אַ מאַן! קריגסט דערפאַר 20 דאָלער און גיי...

— און וויפיל באַדאַרף דער „ים־אָקס“? נו, לייזער, גיב זיך אַ ריר, איך קען ניט וואַרטן אויף דיר אַ גאַנצע נאַכט...

לייזער, זעענדיק ווי ער באַגייט זיך מיט אַלעמען, האָט קוים אַרויסגערעדט:

— זאָל זיין 18 דאָלער..

— גוט, נעם און פריי זיך.

— און דער „קעלביקער“? — פרעגט ער דעם טשערמאַן.

— מיינסט אוודאי 18 דאָלער? — קוקט ער אים אריין אין די אויגן.

— זאָל זיין 20 דאָלער...

— נעם און גיי!

מיט די איטאַליענער איז ער אַזוי גיך ניט פאַרטיק געוואָרן. די נעוואַלדן זיינען געגאַנגען ביז צו די „טויערן פון הימל".
דער זייגער איז שוין געווען נאָך 9, ווען ענדלעך ס'איז געקומען צום לעצטן — צו סאַשאַ'ן.
— וויפיל זאָל איך דיר געבן? — פרעגט פייוויש, בעת ער האָט געהאַלטן בכיון זיינע אויגן אויף די אַנגעריסענע שטיקלעך פּאַפּיר.
סאַשאַ נעמט אַרויס ס'ביכעלע און רעכנט אויס צוויי וואָכן שכי־רות. קומט אים 70 דאָלער; איין וואָך בלייבט שטיין, קומט אים 35 דאָלער.
— איך ווייס, אַז דו קענסט רעכענען. זאָג מיר וויפיל דו דאַרפסט איצט?
— 35 דאָלער, וואָס מיר קומט!
— זיי ניט קיין יאָלד. ענטפער וואָס מען פרעגט דיר, ווילסטו זאָ־גן וויפיל, צי ניט?
— איך האָב אייך געזאָגט — 35 דאָלער.
פייוויש האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט, געמאַכט מיט דער פען אויף אַ שטיקל פּאַפּיר, ווי ער וואָלט עפּעס גערעכנט, גענומען אַ צע־טעלע, גיך אויפגעשריבן און דערלאַנגט:
— נאַ 35 דאָלער און לאָז מיך צורו.
ווען סאַשאַ איז שפּעטער געקומען צו קאַשטוצ'ן איבערבייטן דאָס צעטעלע אויף געלט — האָט ער דאַרטן נאָך געטראָפן פייווישעס אַרבעטער פאַרברענגען באַ אַ קריגעלע ווײַן...
דער זייגער האָט שוין געשלאָגן צען!

:: :: ::

באַ פייווישן אין שאַפּ איז געוואָרן אַ סך אַרבעט. עס זיינען צו־געקומען נייע באַלמעלאָכעס. דער ערשטער איז געקומען אַלטמאַן, אַ יונגער בחור'ל פון אַ יאָר 20, אַ לעבעדיקער חברה'מאַן. נאָך איינער, אַ געוויסער פּעפּער, אַ מאַן אין די דרייסיקער, פונקט אַזאַ ווי פייווישעס שאַפּ האָט באַדאַרפט האָבן... סאַשאַ האָט מיט זיי געהאַט אַ שמועס און דערציילט זיי וואָס דאָ קומט פאָר.. דאָס איבעריקע — האָבן זיי אַליין געזען...
זיצנדיק איינמאָל אַ פרייטיק צו נאַכט און וואַרטנדיק אויף די

טרויעריקע שכירות, האָבן זיך אין אַ ווינקל פון שאַפּ צוזאַמענגעקלי־בן די אַלע נייע באַלמעלאָכעס מיט סאַשאַ'ן און זיך דורכגעשמועסט וועגן שאַפּ.

סאַשאַ האָט זיי געגעבן אַ פּאַרטיקן פּלאַן:

רופן אַ שאַפּ־מיטינג און באַשליסן: די שכירות זאָלן ווערן גע־צאָלט אין אַבאַשטימטן טאָג אין מיטן דער אַרבעט. אויב פּייוויש וועט ניט נאָכגעבן — אַרבעט מען ניט!

— איך דענק, — האָט זיי סאַשאַ געגעבן צו פאַרשטיין, — אַז די דערשלאָגענע אַרבעטער וועלן זיך אין דעם אָנכאַפּן. וואָס זאָגט איר?

פּעפּער און אַלטמאַן האָבן אַזש גענומען טאַנצן:

— אויב איר ווילט, וועלן מיר גלייך האָבן אַ מיטינג דאָ אין שאַפּ?

— ניין! ניט דאָ אין שאַפּ, נאָר אין אָפיס פון דער יוניאָן.

:: :: ::

סאַשאַ האָט געמאַכט אַ קליינעם טעות. ניט אַזוי גרינג איז אים מיט די איבעריקע אָנגעקומען צו באַוועגן פּייווישעס שקלאַפן, זיי זאָלן גיין צו אַ מיטינג.

באַרני, לייזער און די איבעריקע פון שאַפּ האָבן גע'טענה'ט:

— ס'איז אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט. איר וועט דאָס אויסגעפינען ווען איר וועט קומען אין דער יוניאָן...

דער טשערמאַן, סענדלער, האָט זיך איינגאַנצן ניט געמישט. בלויז דער קליינער ליטמאַן, מיט די פּרעסער וואָלף און שליאַמקע, האָבן איינגעשטימט און געהאָלפן באַוועגן, אַז אַלע זאָלן גלייך גיין צו דעם מיטינג.

און ווירקלעך — דער מיטינג איז געווען אַן אינטערעסאַנטער:

וואָלף, דער אַלטער פּרעסער האָט דערציילט, אַז אים קומט בא פּייווישן אַ פאַרמעגן מיט שכירות דערפאַר, וואָס ער, וואָלף, קען ניט וואַרטן פּרייטיק ביז שפּעט אין דער נאַכט אויף פּייווישן, צאָלט ער אים אוים דאַלערוויין.

שליאַמקע, הערנדיק פון וואָלפן, האָט אויך גענומען ריידן... אַז אויסער די שכירות, וואָס אים קומט פאַר שיינע עטלעכע וואָכן, קומט אים אַ סך מזומן.

— כ'האָב אַ פאָרשלאָג, — שלאָגט איבער פעפער — דערוויילן גלייך אַ קאָמיטע צוזאַמען מיטן טשערמאַן, זאָלן פאָדערן פון באָס, אַז מיר ווילן שכירות אין אַ באַשטימטן טאָג, ווען מיר אַרבעטן, ניט נאָך דער אַרבעט. אויב ניט — וועלן מיר ניט אַרבעטן!

דער פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן מיט אַ דערקלערונג פון טשערמאַן, אַז צוליב זיין שוואַכן געזונט... מוז ער רעזיגנירן, און בעט דערוויילן אַן אַנדער טשערמאַן.

:: :: ::

אויף מאָרגן נאָך דער אַרבעט איז אַ קאָמיטע אַוועק צו פייווישן און פאָרגעשטעלט דעם נייעם טשערמאַן — סאַשאַ'ן... און צוגעגעבן, אַז פון דער וואָך אָן ווילן זיי די שכירות אין מיטן טאָג בײַ דער אַר־בעט.

פייוויש האָט זיי אַ ווילדע אָנגעקוקט, ווי אַ חיה וואָס קלייבט זיך אַרויפצוואַרפן אויפן קרבן — און אויסגעבראָמט:

— איך אָנערקען ניט דעם נייעם טשערמאַן! — סאַשאַ! — אָהער די „שאַטל"...

סאַשא איז געשטאַנען אַנטקעגן אים און שמייכלענדיק געזאָגט:

— וועמען אָנטזאָגט איר פון דער אַרבעט? אַ טשערמאַן? ווייסט איר מיט וועמען איר הויבט זיך אָן?

— כ'האָב דיר אין דער ערד! ביזט מיר שוין אַריין אין די ביי־נער... בײַ מיר אין שאַפּ וועסטו קיין טשערמאַן ניט זיין!

— צו וואָס די אַלע רייד? — מישט זיך אַריין ליטמאַן, — וואָס אַרט אייך ווער ס'איז טשערמאַן?

— שוואַרצע קאַטשקע! וואָס ווילסטו? — שפּרינגט צו אים פּיי־וויש — דו ביזט אויך אין דער קאָמיטע? אויך אַ קנאַקער? אָט נעם איך דיר פאַרן קאָפּ...

ליטמאַן איז געוואָרן בלאַס און זיך גענומען רוקן אויף הינטער־ווײַלעכטס.

פעפער, ציטערנדיק פון כעס מיט אַלע אברים, האָט פּייווישן פאַרשטעלט דעם וועג און אויסגעשריען:

— מיסטער פּייוויש, ס'איז אומזיסט אייערע רייד! איר וועט אונז

קיין דעה ניט זאָגן ווען מיר זאָלן מאַכן פאַר א טשערמאַן. מיר האָ־בן דערוויילט סאשא'ן און ער וועט עס זיין!

פּיוויש איז צוגעלאָפן און ברייט אַ עפן געטאָן די טיר און גע־טאָן א געשריי:

— ארויס פון דאַנען! ברעכט דעם קאָפּ מיט דעם נייעם טשער־מאַן, מיט דער יוניע... ארויס!

אין דערפרי, ווען פּיווישעס ארבעטער זיינען געקומען צו דער ארבעט, האָבן זיי געפונען דעם שאַפּ פארשלאָסן.

:: :: ::

די ארבעטער פון פּיווישעס שאַפּ זיינען אוועק אין דער יוניאָן און אַלעם דערציילט זאַלקינען. דער יוניאָן־באַאַמטער האָט אַלעס גע־מיטלעך אויסגעהערט און געהייסן — וואַרטן.

ארום 12 אזייגער איז געקומען דער מענעדזשער מיטן ביזנעס־אַגענט זאַלקין און גערופן די ארבעטער, באַפוילנדיק:

— אַלע זאָלן גיין אין שאַפּ ארבעטן. זאַלקין וועט דאָרטן זיין און איבעררעדן מיטן באָס.

סאשא האָט געזאָגט:

— איך דענק, אַז מיר'ן ניט גיין, ביז פּיוויש וועט קומען אַהער אין דער יוניאָן און באַשטימט צוזאָגן, אַז ער וועט אונז געבן די שכירות אין מיטן דער ארבעט. און נאָך עפּעס — אויך זאָל ער אויפהערן אונז זידלען און באַליידיקן...

דער מענעדזשער האָט ווייך געענטפערט:

— אַז ניט גיין ארבעטן, מיינט א סטרייק, און דאָס איז קעגן דעם אַפּמאַך מיט די באַלעבאַטים... און ווידער — האָט דער מענעדזשער סאַרקאַסטיש געפרעגט: — גייט אייך אזוי גוט, אַז אייך ווילט זיך א סטרייק?

— מיר האָבן דעם סטרייק נישט ארויסגערופן! — האָט פּעפּער מיט א העכערן טאָן געזאָגט — דער באָס האָט אונז פּשוט ארויסגע־וואָרפן פאַרן קאָפּ... פארשלאָסן די טיר, אונז מער נישט אריינגעלאָזט. ווילן מיר, אַז דער באָס זאָל קומען אַהער אין דער יוניאָן און זיך אַנט־שולדיקן, אַז ער וועט אונז אזוי מער ניט באַהאַנדלען. און די שכירות...

— מאַכט זיך ניט נאַריש! — האָט דער מענעדזשער שוין אַז

אויפגערעגטער געזאגט — דאס וואס איר זאגט, מיינט סטרייק! און מיר ווילן ניט קיין סטרייקס... גייט צו דער ארבעט! איך האב אייך גע־זאגט, אז זאלקין וועט דארטן זיין...

— מיר׳ן ניט גיין ביז דער באס וועט קומען אהער! — האט פעסט אויסגעשריען סאשא, — מיר האבן אזוי באשלאסן און מיר ווע־לן עס דורכפירן!

— ווער האט אזוי באשלאסן? — האט זאלקין זיך ארייגעמישט, לאמיר זען.

בארני האט איבערגעשלאגן מיט אן עצה:

— מיר׳ן זיך אזוי איבערגיין אין שאפ אריין... מיר׳ן זיך דורכ־שמועסן, מיר׳ן זען...

— טאקע אזוי! — האט לייזער סענדערן צוגעבאמקעט, — מיר׳ן גיין!

:: :: ::

שפעט באנאכט איז בא קאשטוצ׳ן אין וויין־קעלער געווען א יום־טוב. צו דער שמחה האט פייוויש געלאדן אלע זיינע ארבעטער. געפעלט האט בלויז: אלטמאן, פעפער און דער נייער טשערמאן — סאשא.

פייוויש, זענדיק, אז די דריי זיינען ניט געקומען — האט פאר שמחה זיך אזש געבאפט קושן... משקה האט זיך געגאסן ווי וואסער.. שליאמקע האט געמוזט זינגען אלע זיינע „זאכן".

דערנאך האט פייוויש אימיטירט ווי ליטמאן דרייט זיך ווען ער גייט — ווי א קאטשקע מיטן עק...

באלד האט ער נאכגעמאכט ווי א קליאטשע גייט אנגעלאדן מיט שווערער משא. ער איז געקראכן אויף אלע פיר און געקרעכצט...

פלוצלונג האט ער זיך געטאן א שטעל־אויף. ער האט אויסגע־צויגן זיין פנים, אויסגעגלייכט זיין קוטשמע האר, אויסגעשטארצט די אויגן און ארויסגעברומט:

— דאס איז לייזער אקס!...

גלייך נאכדעם האט ער זיך אנגעבלאזן, פארוואָרפן די פאלעס פון זיין ראק איינע איבער די אנדערע. האט א כאפ געטאן א רעגנשירם

אין האנט, דעם קאפעליוש איבער די אויערן, און גערעדט מיט א באַ־סאַוון קול:

— א קעלביקער באלדאַרשער!

ער האָט זיך מיטאמאָל געבויגן אין דרייען... שווער געקלאַפּט מיט די פּיס, געקנעט מיט די הענט אין דער לופטן און געהירזשעט:

— אזוי גייט קאַלאַמבוסעס פערד!

און די „ברידער אַרבעטורער" האָבן געקוואַלן... זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער ביז אין ווייסן טאָג אַריין.

:: :: ::

אינדערפרי, בא פּיוווישן אין שאַפּ, זיינען געזעסן די אַלטע „אַר־בעטורער"; פּיוויש איז אַרומגעגאַנגען און זיך געזידלט — אין זיין שטים איז אָבער געווען אַ אומזיכערקייט, א מאָדנע פרעמדקייט...

עפּעס מאָדנע קוקט ער אויף סאַשאַ'ן און פּעפּער'ן די גאַנצע צייט, זייער מאָדנע...

שונאים

יאָסל פּאַכווע איז אינפּרימאָרגן אַרויסגעשטיגן פון דער סאַבוויי־באַן, אין געאייל פאַררויכערט אַ ציגאַרעטל, און זיך גענומען שלעפּן אין שאַפּ אַריין.

די אַכט און צוואַנציק יאָר, וואָס ער, יאָסל, זיצט באַם שטעפּ־מאַשין, האָט זיך ווי אַ שווערער פּאַק צעלייגט איבער זיינע פּלייצעס: געבויגן זיין רוקן, זיין גרויסע אומגעלומפּערטע קאָפּ איז מאַכטלאָז געפאַלן אויף אַ זייט, ס׳אויפגעבלאָזן בייכל געשטופּט פאָרויס, מיט די קורצע מאַזאָליעטע הענט האָט ער געשיפּט די לופט. און נאָך דעם אַלעמען — נאָכגעשלעפּט דעם לינקן פוס.

שוין לאַנג ווי יאָסל באַקלאָגט זיך אויף זיין לינקען פוס! אויסערליך האָט דער פוס אויסגעזען ווי אַלע פיס: ניט קורצער, ניט לענגער. נאָר ווי עס איז געקומען צום גיין, פלעגט דער פוס ווערן פּשוט אַ שטיק האָלץ, כאָטש לאָז עס איבער און שוין.

אין די פּעטערע יאָרן: „זיין” שאַפּ איז געווען אָנגעפּילט מיט באַנדעלס, און יאָסל׳ס קאָפּ איז געווען באַרואיקט, פלעגט ער יאָ אַמאָל אַ טראַכט טאָן מכח דעם לינקן פוס: אפשר אַריינגיין אין אַ פרייען קליניק, אָדער זיך אַריינכאַפּן צום פּאַראַיין דאָקטאָר.

אָבער די לעצטע יאָרן, ווען אין שאַפּ זיינען באַנדלעך זעלטענער געוואָרן, און פאַר דעם ביסל באַדאַרף ער זיך אַרומקריגן, סיי מיט די אַרבעטער פון שמוקלער׳ס שאַפּ, וואָס טענה׳ען כסדר, אַז די אַרבעט באַלאַנגט נאָר צו צוי, סיי מיט די „לינקע” חברים פון דעם אייגענעם שאַפּ, וואָס ווילן זיך ניט רעכענען מיט די אומשטענדן, און סיי מיט באָרוכקען דעם צווייטן קעשענע מאַכער, איז נישטאָ קיין צייט צו טראַכטן וועגן פוס. אַזוי דאַכט זיך, איז דער באָרוכקע מיט אים אַ גאַנצע פּאַני בראַט. האַלט זיך עצות וועגן פאַמיליע־לעבן, וועגן דער יוניע, ביז ס׳קומט צו אַ באַנדל... דערשמעקט נאָר באָרוכקע אַ גוטן באַנדל באַם צושניידער — קריגט ער די כאַליערע: ער הויבט אָן „רייבן” אַז די מאַשין ווערט צעקנאַקט.

אָבער מער וועט די כאַזערייקע ניט גיין! נאָך היינט אינדער-פרי וועט ער באַרוכקען זאָגן... דערווייל איז ער, יאָסל, דער שאַפ טשערמאַן: צרות פון די לינקע חברים כאַפּט ער אריין; ניט באַרוכען; באַם אויסגלייכן דעם מקח האָט דער באַלעבאָס טענות צו אים; די יוניע־אגענטן האָבן אויך טענות צו אים, אַלע צו אים...

יאָסל האָט מיט אַמאָל אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אין דעם מאָמענט האָט ער געפילט זיך דערהויבן: דורך די אַכט און צוואַנציק יאָר פּראָ-צענדיק באַם שטעפּ־מאַשין, האָט ער פאַרט צו עפּעס דערגרייכט. אַ מענטש מיט אחריות, נישט אַ ליאָדע ווער...

ער האָ זיך אויסגעדרייט אין אַ שמאָלער געסל אריין, פון דער־ווייט האָט זיין שאָפּ צו אים געוואונקען. אונטער'ן לעפעלע האָט אים עפּעס געטיאָכקעט: געדאַכט האָט זיך אים, אַז ער איז שוין אַ פּאַר-שפּעטיקטער: די רעדער דרייען זיך שוין דאָרטן, און די גוטע באַנדלס ליגן שוין בא באַרוכקעס זייט. שווערע אַנגסטן זיינען אים באַפאַלן, רינעס שוויים האָבן זיך געגליטשט אונטער דעם קאָלנער. מיט דער שווייסיקער האַנט האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דעם קאַלטן אייזערנעם פּאָ-רענטש און זיך געלאָזט מיט די טרעפּ אין שאָפּ אריין.

יאָסל האָט פּאַמעלעך צוגעמאַכט די שאַפּ־טיר: די רעדער אונ־טער דעם פּלענט האָבן זיך נאָך ניט געדרייט, אַ שפּאַן פון טיר זע-נען די באַנדלאַך נאָך געלעגן פּארפּאַקט, ווי מען זאָל זיך קלייבן זיי שיקן צוריק פון וואנען זיי זענען געקומען. די אַרבעטער אָנגעטאָנענע, ווי פון היים אַרויס, זענען געשטאַנען אין אַ רעדל און געשמועסט.
אין שאָפּ איז געווען האַלב פינסטער. די הינטערשטע פענסטער

זיינען נאָך געווען מיט לאָדנס פּארמאַכט, אין ווינקל דאָרטן אַרום דעם צושניידערס טיש איז געשטאַנען דער באַלעבאָס בלעכער: אַ מיטל יאָריקער אויסגעפּאַשעטער חברה־מאַן, מיט אַ ציגאַר אין מויל, געערדט צו זיין פּאָרמאַן, פּעט'ן און מיט יעדן וואָרט זיך געשוואָרן, און זיך גע־קלאַפּט מיט'ן פויסט אין האַרצן אריין.

באַרוכקע איז געשטאַנען קעגן זיי ביידן; מיט די הענט פאַר-לייגט אַף הינטן, די וואָליע פון אונטער דער מאָרדע האָט געציטערט

און זיך געהויבן ווי פּאַרקילטע פּוטשא, און די גרויע לענגלאַכע אויגן האָט ער נימ אַרונטערגענומען פון דעם באַלעבאָס מויל, ער זאָל חלילה נימ אויסלאָזן אַ וואָרט...

יאָסל האָט מיט איין בליק דורכגענומען דעם גאַנצן שאַפּ, אונטערן לעפּעלע האָט אים אויפגעהערט צו טיאָכקען, אַ צופרידענער האָט ער פּאַמעלעכקע צוגעשפּאַנט צום טיש, וואו דער באַלעבאָס איז געשטאַנען. אַ פּיר טוענדיק מיט די אויגן איבער דעם טויטן פּלענט האָט ער פאַר׳ חידוש׳ט געפרעגט:

— מיסטער בלעכער, וואָס עפּעס?

— וואָס זאָל זיין? — האָט דער באַלעבאָס זאַכלאַך אָנגעהויבן —איך האָב אַריינגעקראָגן אַרבעט, ס׳איז וואָלוועלע אַרבעט, זאָגט דער מאַניופעקטשער... אויב נימ, וועט ער עס שיקן צום צווייטן שאַפּ, צו שמוקלער׳ן. ס׳ווילט זיך דאָך אָבער נישט אין אַזאַ ביטערער צייט אַרויסלאָזן... האָב איך געזאָגט צו די באַלמעלאָכעס: ווילט איר — איז גוט, נישט — איז לאַ פּידאַלטי.

— מיט וועמען האָט איר עס גערעדט? — פרעגט יאָסל אַ באַליי־ דיקטער.

— פרעג זיי! — האָט בלעכער אַרויסגעשאָסן צוויי ווערטער און אַ כמאַרע פון ציגאַרנרויך.

יאָסל האָט זיך אויסגעדרייט מיט דעם פּנים צו די אַרבעטער, אָבער בלעכער האָט אים אָנגעכאַפּט באַם אַרבל, און באַפּוילנדיק צו אים געזאָגט:

— יאָסל! אויב איר זעצט זיך גלייך נישט אַרבעטן, שיק איך אָפּ די באַנדלס נאָך היינט!

און ס׳וועט שוין זיין גוט פאַר דעם גאַנצן חודש. כ׳וועל מיך נישט שלאָגן פאַר אייך קאָפּ אין וואַנט!

— סטראַשי באַבאַ — האָט זיך דערהערט איבערן קאָפּ, סאָל דעם בענדנייער׳ס פעסטער קול — טוט וואָס איר ווילט, מיסטער בלעכער, און דערציילט נישט קיין מעשיות!

בלעכערס פּנים האָט זיך אָנגעצונדן. ער האָט מיט רוגזה געקייט דעם שפּיץ פון ציגאַר, נאָכאַנאַנד עטלעכע מאָל אויסגעשפּיגן, נאָכדעם

צוגעשפּרונגען צו סאַל׳ן, און אויפהויבנדיק דעם רעכטן פויסט ווי זיך צו שלאָגן, האָט ער געליאַרעמט:

— ביזט מיר א צו וואוילער יונג סאַל! גערענק, ברענג מיך נישט אריין אין כעס! גערענק...

— יאָסל! — איז אין דערמיט אויפגעשפּרונגען דער יונגער טעוו־קע, א בחור — קורץ און קייכלעכדיק ווי אן אָפּגעזוגטער פּיען — יאָסל! א ווייטאָק אין דיינע געדערים! וואָס האָלסטו צוגעמאַכט דיין פּיסק? ווערסט לאָזן דאָ שלאָגן ארבעטער? וואָסי דאָ פרעג איך דיך — פּאַנשטשיזנע? מע מוז ארבעטן — מע מוז? און אז ניט, מיסטער בלעכער, איז וואָס ט׳איר מיר טאָן ...

— קלעצל! דיך פרעג איך נישט — האָט דער באַלעבאָס א מאַך געטאָן צו אים מיט דער האַנט — וואָס ווילסטו? א נייער לינקער צו מיינע צרות.

— אָבער וואָס איז דאָ צו ריידן מיסטער בלעכער? — האָט יאָסל געשעפּטסמעסיק זיך אָפּגערופן — לאָמיר רעדן ביזנעס: מיר׳ן זיך זעצן ארבעטן, נאָך דער ארבעט וועלן מיר גיין אין דער יוניע, און — סאַל האָט יאָסלען איבערגעהאַקט:

— ווער גיט אייך דאָ רעכט צו מאכן פשורות באַ אונז? מיר וועלן זיך נישט זעצן ארבעטן ביז דער באָס וועט אונז ניט גאַראַנטירן פאַר דעם אַלטן מקח; זאָלן די ארבעטער פון שאָפּ, פרעג די איטאַליע־נער!

— וואָס אַרט דיר דער קאָפּ פאַר די איבעריקע ארבעטער און פאַר די איטאַליענער? — האָט בלעכער זיך ווידער געכאַפּט צו סאַל׳ן — ביזט דאָ מיר שוין געוואָרן א צו גרויסער בעל-דעה! מיינסט אוודאי, כ׳האָב מורא פאַר דיר מיט דיינע לינקע — האָ?

— נעווער־מיי, נעווער מיי, מיסטער באָס — האָט איינער פון די איטאַליענער זיך אריינגעמישט — מי אַנדערסטענד...

— האָב איך דיך אויך אין דער ערד! — האָט בלעכער גראַציעז זיך א בויג געטאָן — די חזרים מאַכן מיר אויך גליקלאַך: כמאַך א לעבן פון זיי !

— פון וועמען דען מאַכט איר א לעבן? — האָט טעווקע ווידער־אָנגעהויבן — וויפיל געלט האָט איר עס געבראַכט פון פּיאַנטניצע?

זענט איר דאָרטן אויך אַרומגעפאָרן אין אויטאָמאָביל און געראָיכערט גראָבע ציגאַרן?

— אויב דיר, קלעצעלע, געפעלט נישט, וואָס איך פאָר אין אַן אויטאָמאָביל, פּלאַצט מען! איך בין געפאָרן און וועל ווייטער פאָרן! און רויכערן אַזאַ גראָבן ציגאַר, ווי דו זעסט! — האָט בלעכער גאָליק זיך געוואָרפן, און גלייך אַנטלאָפן אין אָפיס אַריין.

באָרוכקע איז די גאַנצע צייט געשטאַנען ווי אויף שפּילקעס; די אַלע טענות מיט די קריגערייען זיינען אים נישט אַנגעגאַנגען, געקוקט האָט ער אויפן וואַנטזייגער ווי די ווייזערס רוקן זיך: אַכט איז שוין אַוועק, ס'איז שוין באַלד ניין אַזייגער, און דאָ אין שאַפּ איז נאָך אפילו נישט קיין סימן פון זיך זעצן צו דער אַרבעט! באַלד וועט זיין צען אַזייגער, עלף אַזייגער, אָט האָסטו דיר, געפּאַטערט אַ האַלבן טאָג. און וואָס וועט ווייטער זיין? דער באַלעבאָס...

פּאַוואָליע האָט ער, באָרוכקע, אַ טאָרקע געטאָן יאָסלען פאַר אַרבל, אים געגומען אונטערן אָרעם, און פּאַוואָליע מיט אים געשפּרייזט דורך דעם שאַפּ, צוגעפירט אים צום טיר, וואו די פּאַרפּאַקטע באַנדלאַך זיינען געלעגן, אָפּגעהוסט עטלאַכע מאָל, ווי דער שלונג וואָלט בא אים פאַרקלייעט געוואָרן, דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ שטילן ציטערדיקן קול:

— יאָסל, דער שאַפּ האַלט זיך איצט באַם צומאַכן, כ'האָב מורא — אויף אייביק! קענסט דאָך בלעכער'ן אַ באַלעבאָס! צווישן אונז גערעדט, וואָס איז ער שולדיק? סאַ ביטערע צייט! אָבער באַרעכן... די באַנדלס שיקן צוריק? און נאָך אַזעלכע באַנדלס... זע נאָר אַ סחורה: אַלע איין קאָליר; מיט דעם זעלביקן פּאָדים וואָס דו פּאַרציסט דעם מאַשין פּאַרסטו מיט דעם ביז אַרונטער. גיב עס אַ טאַפּ יאָסל, זע ווי ווייך... דעם שטאָך קענסטו פון דעם נישט אַרויסזען; נעמסט אינ־דערפרי אַזאַ באַנדל פון הונדערט פּאָר — האַקסטע עס אַריין ביז מי־טאָג; מיר... מיר...

יאָסל האָט אים אויסגעהערט מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ. אַרום האַרץ־גריבל האָט עפּעס בא אים זיך אָנגעהויבן רודערן, ווי טשאַטשע שטשורעס זאָלן דאָרטן אַרומטאַנצן. פּאַוואָליע האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זיך באַגעגנט מיט באָרוכקעס זשערנע בליקן, אַ קאַלטער

שוויים האָט אים ס׳לייב באַדעקט, ער האָט געגעבן אַ שפּיי אין פּנים אריין, געמאַכט אַ טריט אויף אַ הינטער, און זיך אָנגעהויבן שלעפּן אונטערציִענדיק די פוס, צוריק צו די אַרבעטער, און צו זיי האָט ער געזאָגט:

— ברידער, מיר אַרבעטן ניט, און אַ סוף.

די אַנטשלאָסענע דערקלערונג פון טשערמאַן האָט אונטערגעפירט אַ סך־הכל צום גאַנצן טומל. מיט געהויבענע קעפּ האָבן די אַרבעטער זיך געלאָזט צום טיר.

דער באַלעבאָס איז פּלוצלונג אויסגעוואַקסן בא דער טיר, און ווי קיינמאָל גאַרנישט אַ זאָג געטאָן צו יאַסלען:

— כ׳האָב זיך ערשט דורכגעשמועסט מיט דעם מאַניופעקטשורער באַם טעלעפאָן... ס׳איז אַלרייט באַיעס!... ביזנעס יו־נאָו...
מאָנקי ביזנעס! — האָט טעווקע גאַליק געוואָרפן די ווערטער אין באַלעבאָס צורה אריין. דער באַלעבאָס האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר אומשולדיקע אויגן, אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען, און אַזוי ווי צו זיך אַ זאָג געטאָן:

— וואָס הייסט מאָנקי ביזנעס?

— איר ווייסט שוין גאָר וואָס! — האָט סאַל זיך אָפּגערופן צום באַלעבאָס — שוין נישט דאָס ערשטע מאָל, מיסטער בלעכער, איר וועט אונז אַצינד באַצאָלן פאַר דער פאַרלוירענער צייט, וועט איר עס געדענקען!

— די לינקע לייגן שוין שטיינער אין וועג — האָט באַרוכקע אַ בורטשע געטאָן.

אין שאַפּ איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן, געקראָכן האָט די שטילקייט טיף אין די ביינער אריין; בלוטן האָבן זיך געצונדן, הענט האָבן נערוועז זיך אין פויסטן געביילט, ווערטער — פייערדיקע, האָבן זיך פון מויל געריסן. טעווקע האָט געוואָרפן אַ צאָרנדיקן בליק אין באַרוכקעס זייט, דער צאָרנדיקער בליק האָט באַרוכקען אַ ברי געטאָן, ער האָט אַ קריטש געטאָן מיט די ציין און זיך אָוועקגערוקט.

שונאים

— וואָס איז דאָ פּאַר אַ כאָליערע, ווער איז דאָ דער טשערמאַן?
— האָט דער באָלעבאָס שוין געהאַמערט מיט אַ ווילדן קול — יאָסל!
איך מוז האָבן די אַרבעט געמאַכט! דער מאַניופעקטשורער...

יאָסל האָט אַ שמייכל געטאָן. אַן עפן געטאָן די טיר און האָט געזאָגט ווי ניט הערנדיק דעם באָלעבאָס:
— ברידער, מיר גייען האָבן אַ מיטינג, מיר גייען אין דער יוניאָן!
דער באָלעבאָס איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל...

נקמה

באַלד אינפרימאָרגן האָט דער געטומל זיך אָנגעהויבן. אַזוי גיך ווי די נייעס איז איבערן שאָפּ באַקאַנט געוואָרן, אַז דער עקזאַמענער מאַקוזין איז שוין פון שפּיטאָל אַרויס, און ער קלייבט זיך קומען קריק אין שאָפּ אַריין בעטן זיין דזשאָב, האָבן די צוויי־צענדליק הויזן־באַל־מעלאָכעס פון גאַמאַלעס שאָפּ צווישן זיך מיט פייער געשפּיגן, איינס אויפן צווייטן מיט די נעז געדרייט.

אַ ברעקל מענטשל איז אַט דער מאַקוזין געווען, און אויף אינגלישע דינע פּיסלעך איז ער באַם עקזאַמען־טיש געשטאַנען, געקליבן איינס אין איינס און נעבראַקירט... און מיט אַ געפּאַק פּאַרטיקע הויזן גע־שוועבט פון איין אַרבעטער צום צווייטן מיט טענות, און זיי געוואָרפן אין פּנים אַריין: דאָ איז אים ניט געפעלן דעם „טאַלנער רבי׳ס" גע־מאַכטע קעשענעס, כאַטש נעם אַצינד און טרען עס אויס! באַ דעם צוזאַמענשטעלער שמחה פּלאַצן פון הינטן די שטעך... באַ די צוויי שאָפּ־פּרעסער: אייזשע דראַנג און גאַלופּטשיק, איז אַט דער מאַקוזין שעה׳ן געשטאַנען, געגנודיעט:

„אַט דאָס איבערפּרעסן"... „דאָס בעט זיך אויסגלייכן"... "דעם זיץ מער אַרויסשלעפּן"...

און די איטאַליענישע פינישערס — איז ער גאָר דערגאַנגען די יאָרן!

אַ פינצטערע פּרנסה!...

די אַרבעטער פונעם שאָפּ, צוזאַמען מיט זייער טשערמאַן דאָור־טשע, האָבן געליטן און געמוזט שווייגן, און דעם באַלעבאָס איז דאָס דוקא געפעלן געוואָרן: גוטע אַרבעט, געמאַכט פאַר אַ קלאָגעדיקן לוין, איז אים, דעם באַלעבאָס, אַלעמאָל ניחא געווען.

און וואָס אמת איז אמת, זיין געטריַיען מאַקוזינען האָט ער טאַקע ניט אָפּגעלאָזט. יאָרן האָט דאָס מענטשל פאַר אים געאַרבעט. אַי פאַר אַן עקזאַמענער, אַי פאַר אַ פאָרמאַן האָט דאָס מענטשל אים טריי געדינט. אָבער אויף אַלץ קומט אַ סוף. מאַקוזין איז פּלוצים קראַנק געוואָרן.

אויף לאַנגע חדשים איז דער געטרייער מאקוזין אין שפּיטאָל אוועק. דער באַלעבאָס גאַמאַלע האָט חלילה זיין שאָפּ ניט אויפגעגעבן צוליב אים. א טרייסט האָט באַלד געפונען דער באַלעבאָס זיינער: אין אַ אינגערן, שטאַרקערן און איבערהויפּט — מיט אַ קלענערן לוין.

און פאַרגעסן האָט שוין דער באַלעבאָס גאַמאַלע זיין געטרייען מאַקוזין.. ניט איין און איינציק מאָל אין שפּיטאָל געקומען באַזוכן, און ניט געוואָלט וויסן פון אים שפּעטער, ווען ער, מאַקוזין, איז פון שפּי־טאָל ארויס.

אוים מאַקוזין!...

איז געווען אַ פעברואַר־פרימאָרגן. אינדרויסן האָט באַדאַרפט זיין אַ שניי מיט אַ פראָסט. די אָרים האָבן באַדאַרפט אַזש פרירן! און אין שאָפּ — וואַרעם, פון פולע געפּאַקטע פּאַליצעס מיט „באַנדלעך". יאָ, אַזוי האָט באַדאַרפט זיין! עפּעס אַ קלייניקייט, נישטיקע עטלעכע טויזנט הויזן־מאַכער באַדאַרפן אין משך פון געציילטע וואָכן אינעם ווינטער באַנייען און באַהויזינען מיליאָנען מאַנסלייט — איז עפּעס אַ קלייניקייט? איז ווי אויף להכעיס אינדרויסן וואַרעם געווען ווי אין פרילינג, און אין שאָפּ — האָט אַ קעלט געוויייעט פון די ליידיקע פּאַ־ליצעס.

אין אַזאַ פרימאָרגן, ווען מיט בייזע געמיטער איז מען בײַ דער אַר־בעט געשטאַנען, האָט זיך פּלוצים אָפּגערופן דער „טאָפּ"־פּרעסער, גאַ־לופּטשיק, צו דעם „פּיס"־פּרעסער אייזשע דראַנג:

— ווייסט, אייזשע, ער איז בײַ מיר אין שטוב געווען, דער מאַ־קוזין. דער באַלעבאָס וויל אים ניט מער... ווען דו קוקסט אים אָן! סאַ רחמנות...

דער פּרעסער אייזשע האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן. מיט אַ פּנים ווייס, ווי קרייד, האָט ער מיט אַ ציטערדיקער האַנט אַ שלעפּ געטאָן אַ פּאָר הויזן פון זיין „טאָפּ"־פּרעסער, אַ וואַליע געטאָן אונטערן פּרעס־מאַשין און מיט כעס אַ זאָג געטאָן:

— און איך האָב דעם כלב אין דר'ערד, אַלע האָבן אים אין דר'ערד!

גאַלופּטשיק'ן האָט אַ ריס געטאָן אונטערן האַרצן. ער האָט אָנ־געקוקט דעם שכן זיינעם און געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— ווי כ'זע, אייזשע, האסטו מיטן באַלעבאָס א „פּאַראייניקטן פראַנט"...
— האָב איך דעם באַלעבאָס אויך אין דר'ערד! צופרידן, גאַלופּ־טשיק?

מער האָט אייזשע צו אים קיין וואָרט ניט גערעדט דעם פּרימאָרגן. געשטאַנען אָן אַנגעבלאָזענער און געוואַרט אויף מיטיק־צייט. ער ווייסט דעם שאָפּ אויפּרודערן, ער וועט שוין זען... און ווען דער שאַפּ־זייגער האָט אויף צוועלף געוויזן, און די אַרבעטער האָבן זיך צו זייער עסן גענומען, איז אייזשע קעגן טשערמאַן געשטאַנען און מיט א פינצטערן פּנים געזאָגט:

— דאַווטשע, דו האָרכסט, דאַווטשע! דער מאַקוזין אַרבעט מעשים אָפּ. ער קומט דאָך קריק — קומט ער...
— כ'ווייס שוין, כ'ווייס שוין די נייעס, — האָט דער טשערמאַן געשאָקלט מיטן קאָפּ.
— זע נאָר, ווי ער רעדט זיך אַזוי גלאַטן, — האָט אייזשע זיך א קאָך געטאָן. — האסט שוין מסתמא פארגעסן, ווער אָט דער מאַקוזין איז? געדענק, דאַווטשע, דער שאָפּ וועט זיך קערן אויב דו וועסט עס דערלאָזן!
דער טשערמאַן האָט געקייט און געהויבן מיט די אַקסלען:
— וואָס־זשע קאָכסט איר זיך אַזוי, אייזשע? דער באַלעבאָס וויל אים דען?
— נעווער מאַי, דער באַלעבאָס! מ'ווייסט שוין די קונצן. איר'ט מיך ניט באַרען! — האָט אייזשע געוואָרפן מיטן קאָפּ.
— טאָ וואָס ווילט איר פון מיר? זאָגט, אייזשע, וואָס ווילט איר איך זאָל טאָן? — האָט דער טשערמאַן ערנסט געפרעגט.
— ס'ט אַזוי לעבן, זע נאָר, ווי דאָס מאַכט זיך גע'פגר'ט!.. א טשערמאַן צו מיינע צרות!...
דאַווטשע האָט זיך א הויב געטאָן און זיך געוואָלט אויסדרייען. דער „טאַלנער רבי" האָט אים פאָרהאַלטן און צו אים געזאָגט:
— ביזט נאָך ניט פאַרטיק מיט מיר אויך, דאַווטשע. דו ביזט דער טשערמאַן און דיך וועל איך האַלטן פאַראַנטוואָרטלעך! — האָט דער „טאַלנער רבי" אים געטייטלט מיט א פינגער צום פּנים.

דאַוושע האָט אַנגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר פרעגנדיקע אויגן:

— איר, רבי, אויך? איר זוכט אויך נקמה? פע... ס'פּאַסט ניט פאַר אייער באָרד...

דער „טאַלנער רבי" האָט זיין באָרד אויסגעדרייט צום טשערמאַן. און געזאָגט:

— איר רופט עס נקמה, דאַוושע? בא מיר איז עס פשוט — יאָ, ס'איז אַ בפירוש'ע גמרא...

דער „בענד"-נייער, איזע ניגער, האָט זיך אריינגעמישט:

— אַ שיינע גמרא! אַזאַ מזל אויף אייער באָרד! אַ מענטש פון שפּיטאָל אַרויס, זוכט קריק זיין דזשאָב...

— אָבער וועמען אַרט דאָס? — האָט אייזשע געקלאַפּט אין טיש.
— איך האָב אים אין דר'ערד! שטיי אַ גאַנצן טאָג און פרעס אים אי-בער! גע'הרג'עט זאָל ער...

די שאַפּ-טיר האָט זיך מיטאַמאָל געעפנט. ס'איז אריינגעקומען דאָס מענטשל מאַקווין, מיט אַ פּנים געל ווי וואַקס, און מיט אַרונטער-געלאָזטן קאָפּ געבליבן שטיין בא דער טיר.

אַרבעטער האָבן זיך איבערגעקוקט. ס'ביסן איז אין האַלז גע-בליבן שטעקן. שטיל איז געווען אין שאָפּ. מיט אומרואיקע בליקן האָבן אַלע געוואַרט, אַז דאָס ברעקל מענטשל זאָל זיך שוין פון טיר אַפּרוקן, און זיך דערנענטערן און אַ וואָרט אויסריידן. אָבער דאָס מענטשל האָט זיך פונעם אָרט ניט גערירט, און נידעריקער דעם קאָפּ געבויגן.

— מאַקווין! — האָט דער טשערמאַן גערופן. — קומט אַהער, מאַקווין!...

אויף אייזשעס פּנים האָט אַ צופרידענער שמייכל זיך באַוויזן. פון אונטער זיינע געדיכטע ברעמען האָט אַ טרער געלויכטן...

הונגער

(די זאַך האָט מיר דערציילט אַן אַרבעטלאָזער מעכאַניקער)

אַ גאַנצן טאָג האָב איך מיך אַרומגעשלייעט; פּאַרנאַסה האָב איך אים געזען.

איך האָב גאָרנישט נישט באַדאַרפֿט פֿרעגן; טאַרעי האָט בלויז אויפֿגעהויבן זיינע טיף־לענגלעכע אויגנדעקלעך אויף מיר:

— איך ווייס וואָס דו ווילסט מיר זאָגן; מוזט אָבער צוזאָגן. גלויב מיר, אַז איך טראַכט וועגן דיר. .

איך האָב געוואוסט, אַז ער זאָגט ליגן, דער אַגענט פֿון דער „יו־ניע". איך האָב געוואוסט, אַז יעדעס וואָרט איז שקר! ער טראַכט נישט וועגן מיר; אויב ער וועט שוין יאָ האָבן אַ דזשאָב, וועט ער אים אַוועקגעבן צו זיינעם אַ יחסן. ער האָט געקוקט אויף מיר און זיין שמייכל האָט מיך אַרומגענומען. איך האָב געפֿרעגט:

— ווען? — איך וויל וויסן ווען, טאַרעי!.... שוין חדשים ווי איך דריי מיך אַרום און וואַרט אויף די פּאַרנאַסהן דיך צו זען; ס'ציט זיך שוין אויס אַן אייביקייט אַזוי; זאָג מיר, ווען, טאַרעי?

איך האָב מער נישט געקאָנט ריידן; מיין קול איז מיר געבליבן שטעקן אין האַלדז; איך בין געבליבן זיצן אַקעגן אים, בעת מעשה אויפֿ־הייבנדיק מיינע פֿייכטע אויגן צו די בילדער וואָס זיינען געהאַנגען אויף די ווענט, אויף די ליכטיקע לאָמפּן וואָס זיינען געהאַנגען אויף דער סטע־ליע. איך האָב געקוקט אויף אַ גרויסער, גרינגלעכער פֿליג, וואָס איז אַריין דורכן אָפֿענעם פֿענצטער און אָנגעהויבן צו זשומען צווישן מיר און טאַרעי׳ן אויפֿן שרייבטיש, וואו מיר זיינען געזעסן.

טאַרעי האָט מיט דער שטומפּיקער זייט פֿון דער פּען גענער־מען קלאַפּן איבערן טיש און טרייבן די פֿליג.

די פֿליג איז דערשראָקן געוואָרן; זי האָט אָנגעהויבן אַרום־זשומען איבער אונזערע קעפּ.

טאַרעי האָט געזאָגט:

— גיי אַהיים! איך בין דאָ יעדן טאָג; אין אַ וואָך אַרום וועל איך זיכער פֿאַר דיר געפֿינען אַ פּלאַץ — זיכער!....

דער צוזאָג זיינער האָט מיר לייכטער געמאַכט דאָס ארומשלייען זיך איבער די גאַסן. איך וואָלט אפילו שוין געקאָנט שלאָפן באַנאַכט, ווען נישט די העסלעכע, גרינלעכע פליג, וואָס האָט געזשומעט איבער אונזערע קעפּ, בעת איך בין בא אים געזעסן. ווי נאָר איך האָב פאַרמאַכט די אויגן, האָב איך דערזען די העסלעכע באַשעפעניש, און געדאַכט האָט זיך מיר, אז זי קוקט אויף מיר און — לאַכט.

איך האָב זיך אָנגענומען מיט אַלע כוחות; איך האָב מיך אָנגעשטרענגט; איך האָב זי נישט געקאָנט פאַרטרייבן, די גרינלעכע פליג, נישט געקאָנט פאַרטרייבן טאַרעי'ן. ער זיצט אַקעגן מיר מיט זיין שמייכעלע... איך האָב אָנגעהויבן צו ציטערן.

אַ גאַנצענע נאַכט האָב איך מיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דער פליג, פון טאַרעי'ן...

:: :: ::

איך האָב מיך ארומגעשלייעט ארום די ברעגן; דאָס וואַסער איז געווען טיף און טונקל.

מיין מאָגן האָט געשריגן גוואַלד, ווי אין יענע צייטן, ווען איך פלעג מיך קוים דערוואַרטן ביז אינמיטן דער נאַכט צו קאָנען אַראָפּ פון בעט און ארויס'גנב'ענען אַ שטיקל האַרט ברויט פון מיין באַלעבאָסטעס אַלמער.

מיינע קליידער זיינען געוואָרן אָפּגעבליאַקעוועט; זיי האָבן געגלאַנצט אונטער דער זון, אויף מיין פּנים זיינען די ווינקלען פון ארום מיין מויל, די קנייטשן, געוואָרן טיפער און טיפער.

אזויפיל אָפּגענאַרטע יאָרן זייגען אוועק, ס'איז ניט קיין וואונדער!

:: :: ::

אַנומעלטן האָב איך געהאַט זייער אַ שווערן טאָג:

מיין קליינע בידי האָט מיר אינדערפרי געבעטן אַ פעני.

איך האָב איר גאָרנישט געענטפערט. פון יוצא וועגן האָב איך ארייגגעשטופּט די הענט אין ביידע קעשענעס און „געזוכט"...

בידי האָט אויף מיר געקוקט מיט אירע גרויסע אויגן, זי האָט פאַרצווייפלט געבעטן בא מיר:

— האָסט טאַקע נישט, פאַ? . . . איך באַדאַרף אזוי. .

איך בין געשטאַנען אַ פאַרשולדיקטער פאַר איר; איך האָב מיך

פּאַמעלעך אַרויסגערוקט פון דער שטוב.

דעם גאַנצן טאָג האָב איך געזען מיין קליינע בידי פאַר די אויגן. אָן אַ ציל האָב איך מיך אַרומגעדרייט און פאַרנאַכט האָבן מיינע מידע פיס מיך געבראַכט צו טאַרעי'ן.

:: :: ::

טאַרעי האָט מיך באַמערקט. ער האָט מיר געהייסן וואַרטן.

ווי נאָר איך האָב מיך צוגעזעצט און פאַרמאַכט מיינע מידע אויגן פאַר עטלעכע רגע'ס, האָב איך דערזען די גרינלעכע פליג, דערזען טאַרעי'ן מיטן העסלעכן קאָפּ פון דער פליג.

איך בין געזעסן אַקעגן אים מיט אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. טאַרעי האָט געזאָגט:

— איך האָב נאָך אַלץ גאָרנישט ניט פאַר דיר; מוזט נאָך צוּוואַרטן. יאָ!

ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ; איך האָב אים נישט גע־ענטפערט, איך האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געקוקט אויף אים. איך האָב געשוויגן און געקוקט אויף אים.

טאַרעי האָט זיך אָנגעהויבן צו דרייען אין בענקל; ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע אַ פּאַק מיט געלט. ער האָט געפרעגט:

— ווילסט עטלעכע? זאָג, ווילסט, אַה?!

— ניין! — האָב איך פעסט געענטפערט, נאָר מיין קאָפּ האָט זיך אָנגעבויגן.

— פאַרוואָס? — האָט טאַרעי פאַר'חידוש'ט געקוקט אויף מיר, בעת ער האָט זיך אַריבערגעבויגן אפן טיש צו מיר — פאַרוואָס?!...

:: :: ::

— וואָס שווייגסטו?! — האָט ער געפרעגט און אויף מיר גע־קוקט.

— איך וויל נישט קיין נדבות — ניין! — האָב איך אַזש גע־שריגן. — איך נעם נישט קיין זונה־געלט!

ער איז געבליבן זיצן. זיינע לענגלעכע אויגן זיינען געוואָרן שפּי־ציק. אַ דינער און האַרטער שמייכל איז אַרויף אויף זיינע ליפּן.

איך בין געוועזן מיד. איך בין געוועזן אָפּגעשוואַכט. איך האָב פאַרמאַכט די אויגן. איך האָב באַלד „דערזען" די העסלעכע באַ־

שפּעניש, די גרינגע פליג, ווי זי זיצט אַקעגן מיר און שטשירעט די שטעכיקע ציין.

מיט די לעצטע כוחות האָב איך אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש און בין אַרויס.

:: :: ::

אַ גאַנצע נאַכט האָב איך מיך געוואָרפן אַפן געלעגער.

ווי נאָר איך האָב צוגעמאַכט די אויגן, בין איך געווען אַרומגע־רינגלט מיט די העסלעכע באַשעפענישן; זיי האָבן געהאַט געבויגענע, דינע פּיס, לענגלעכע אויגנדעקלעך; פון זייערע מיילער האָבן אַרויסגע־שטשירעט דינע, שאַרפע ציין.

איך האָב מיך צוגעזעצט אַפן ברעג פון בעט און געטראַכט, אַז מיינע נערוון האָבן זיך ווידער צעהוליעט.

דרויסן האָט דער הימל גענומען גרויען אַף טאָג.

איך האָב מיך אָנגעטאָן און אַף שפּיצפינגער, קיינעם נישט אויפ־צואוועקן, בין איך אַרויס פון הויז.

ס'איז געווען פריש אינדרויסן; איך בין פאַמעלעך געגאַנגען און דער טאָג איז מיר פאַרויסגעגאַנגען; איך האָב געטראַכט מאָדנע גע־דאַנקען, זייער מאָדנע מחשבות זיינען מיר געקראָכן אין קאָפּ אַריין.

:: :: ::

אַ סך פינצטערע אַרבעטער האָבן געוואַרט פאַר טאָרעי'ן, אַ סך פינצטערע פּנים'ער.

איך האָב מיך דערוואוסט, אַז נעכטן באַנאַכט, נאָך מיין אוועקגיין, האָט ער אוועקגעגעבן אַ „פּלאַץ" צו זיינעם אַ פריינט.

איך בין געזעסן און געוואַרט. טאָרעי האָט מיך אַריינגערופן צו זיך.

ער האָט אַף מיר אָנגעשטעלט זיינע לענגלעכע אויגן. ער האָט רחמנות'דיק געזאָגט:

— אַז איך האָב נאָך אַלץ נישט. כ'קאָן דיר נישט העלפן. וועסט מוזן נאָך צוּוואַרטן, וועסט מוזן...

איך בין געשטאַנען אַקעגן אים, אָנגעשפּאַרט אָן אַנלען פון שטול; איך האָב געזאָגט:

— טאָרעי — האָב איך געזאָגט — זאָגסט ליגן, טאָרעי! נעכטן

באַנאַכט האָסטו אוועקגעגעבן אַ „פּלאַץ" צו דיין פריינט בריקאַ'ן; ווייסט, אַז איך טראַכט עס נישט צו, טאַרעי!

זיינע לענגלעכע אויגנדעקלעך זיינען געוואָרן לענגער. זיינע אויגן האָבן זיך פאַרזשמורעט. ער האָט געזייפט דורך די צונויפגע־פרעסטע ציין:

— נו, אַז ס'איז אמת, איז וואָס?! איך בין דיר נישט מחויב אָפּצוגעבן חשבון; מיט אַזעלכע רייד וועסטו בא מיר גאָרנישט נישט פועל'ן; איך זאָג דיר, אַז וועסט נישט פועל'ן!

דאָס בלוט האָט אָנגעהויבן צו קאָכן אין מיר. מיינע הענט האָבן געדריקט דעם אָנלען פון שטול.

טאַרעי'ס שאַרפע אויגן האָבן באַמערקט דעם באַוועג פון מיינע הענט. מיטאַמאָל האָט ער אָנגעהויבן צו שטשירן מיט די ציין, צו שמייכלען צו מיר. אין דער רגע האָב איך דערהערט אַ זשומען אין מיין מוח, אַ זשומען פון דער פליג, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס דערנענטערט זיך צו מיר די העסלעכע פליג מיט אַן אומגעלומפּערטן גרינעם קאָפּ, פון איר גרויסן מויל סטאַרטשען ארויס שפּיציקע, שאַרפע און דינע ציין.

איך האָב אויפגעהויבן דעם שטול. וויפל מאָל איך האָב אים אויפגעהויבן, דעם שטול, און אַראָפּגעלאָזט אויף אים, ווייס איך מער נישט.

:: :: ::

דער צימער איז געווען איבערגעפּאַקט מיט אַרבעטער. איך בין געשטאַנען צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט. איך האָב געקוקט ווי טאַרעי, א צעבלוטיקטער, איז געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע. איך האָב געקוקט אויף די פּנים'ער פון די אַרבעטער. די פּנים'ער זיינען מער נישט געווען קיין פינצטערע. אין דער טיר האָט זיך באַוויזן די פּאָליציי. אַרבע־טער האָבן מיך אַרומגערינגלט. פאַר מיינע אויגן האָט אָנגעהויבן צו שווינדלען. אַרבעטער האָבן מיך אַרויסגעפירט דורך דער הינטער־שטער טיר. זיי האָבן גערופן אַ טעקסי. צוויי זיינען מיט מיר אַריין. איך האָב ניט געזען זייערע פּנים'ער. איך האָב נאָר געהערט ווי איי־נער רעדט; ער האָט געזאָגט: — „אַ גוט שטיקל אַרבעט, נאָר נישט אַזוי קעמפן רעוואָלוציאָנערן." — אַט דאָס האָט ער געזאָגט, מער גע־דענקט איך נישט!

אונזער וועג

קוים האָט אַלעקס זיך באַוויזן אין בירמאַנ'ס שאַפּ, איז דאָס באַ-לעבעסל אים אַנטקעגן געלאָפן, כּלומר'שט געשמייכלט צו אים און זיך צעוויגט מיט די הענט:

— אַ — איר! וואָס־זשע!...

נישט קריגנדיק גלייך קיין ענטפער, האָט דאָס באַלעבעסל געביטן דעם געשפּרעך:

— אָר־וואַ, סאַ פּאַרעניש היינט, פּסססס...

ער האָט געדרייט מיטן קאָפּ, דאָס באַלעבעסל, געקרימט זיך, ווי אַט חלש'ט ער פון דער היץ. מיט אַ ציטערדיקער האַנט האָט ער גע־צויגן ס'ברודיקע טיכל פון קעשענע, אַ פּיר געטאָן דערמיט איבער דעם שווייסיקן באַוואַקסענעם פּנים, און ווידער אָנגעהויבן:

— ווי יענער, פּאַגל, — ווערט טאַקיש מער נישט...

— ניין! — האָט אַלעקס אים איבערגעשלאָגן און זיך אויסגע־דרייט צום פּלענט.

דער באַלעבאָס האָט אים נאָכגעפאָלגט. ער האָט געפּינטלט מיט אַן אויג צו זיין טשערמאַן:

— ליימקע! — האָט ער הויך גערופן — ליים-קע!...

דעם באַלעבאָס' קול האָט געציטערט איבער דעם פּלענט, גע־וואָרנט:

— ליימקע... ליים־קע...

בערד, יאַרמעלקעס האָבן זיך אויף אַ רגע אַ הויב געטאָן, צעשראָ־קענע אויגן האָבן זיך איבערגעקוקט און צוריק זיך אַרונטערגעלאָזט.

ליימקע האָט געבורטשעט דעם שכן זיינעם אין אויער אַריין:

— פּאַסאַך־שין זאָל זיין. הערסט?

דער רויטער נחום, דער שכן, האָט בעת־מעשה אַ ציטער געטאָן; ער האָט געזשמורעט די אויגן איבער דעם פּלענט, אַ טאַרקע געטאָן דעם אַלטן רופּטשען, וואָס איז געזעסן בײַ זיין זייט, דערנאָך זיך צע־שאָקלט מיט אַ בית-מדרש ניגון:

..."און אז ס'איז אויפגעשטאנען א נייער קיסר, מאכט רש"י"..

— לאָזט רשי'ן צורו! — האָט אַלעקס אים איבערגעהאקט, — זאָגט מיר בעסער, נחום, וויפל שעה איר אַרבעט דאָ א וואָך און וויפל זיינען אייערע שכירות, אַט וואָס!

— וואָסי? — האָט נחום געהויבן מיטן בערדל.

— די עקזעקוטיווע וויל עס וויסן, — האָט אַלעקס זיך שוין גע־ווענדט צום שאַפּ־טשערמאַן.

— זאָלן ז י י זאָגן! — האָט לייזמע געגלאָצט מיט די אויגן.

— און דו?

— זאָל זיי נישט דאַרן דער קאָפּ פאר מיר! כ'מאַך א לעבן, דאַצאָל... — האָט לייזמע וואָוילערנגעריש געענטפערט.

אַלעקס האָט געזען אַרום זיך געבויגענע קעפּ מיט געסאַרגעטע יאַרמעלקעס. מיט זיין געניטן אויג האָט ער אָט־די עטלעכע מינוט דורכגענומען דעם גאַנצן "אַרום־זיך": דעם קויטיקן, ענגן שאַפּ: דאָס נערוועז שמייכעלע פון באַלעבעסל, בירמאַן, און די אַרומיקע שטור־מעניש...

— און איר, רופּטשע, מאַכט אויך א לעבן? — האָט אַלעקס בכיון געפרעגט.

דער אַלטער רופּטשע האָט א הויב געטאָן דעם קאָפּ, ער האָט זיך געצונדן ווי פייער:

—וואָס קומט איר אַהער אַלע מאָל, וואָס זוכט איר דאָ? מיר זיצן דאָ, אַלטע מענטשן, קראַנקע, און אַזעלכע היצן — עפּעס א קליי־ניקייט — זיך אַנגעטשעפּעט! ס'פעלט אייך דען שעפער צו היטן? זאָל אייך דוכטן, אַז דאָ איז גאָר נישטאָ קיין שאַפּ!

נאָך רופּטשעס אַרויסטריט, האָט אַלעקס געפילט, אַז די שטומע־ניש האָט ער ענדלעך געבראָכן. א צופרידענער האָט ער געזאָגט:

— איך בין אייך א פריינט, רופּטשע, די עקזעקוטיווע האָט מיך ספּעציעל געשיקט העלפן אייך, איר זאָלט מער פאַרדינען און ווייניקער אַרבעטן!

— מוחל די טובות אייערע! — האָט רופּטשע זיך העכער צעבייזערט — מיר דאַרפן אייך נישט! מיר זיינען יוניע־לייט, מיר צאָלן דיוס, וואָס נאָך ווילט איר פון אונז, וואָס?...

ער האָט נאָך לאַנג זיך געהיצט, דער אַלטער רופּטשע. ס'גאַנצע פּנים איז בײַ אים רויט געוואָרן. די איבעריקע אַרום פּלענט האָבן אוועקגעלייגט די הענט. דער רויטער נחום האָט באַלד נאָך רופּטשעס געוואַלדן פּאַמעלעך אויפגעהויבן די שפּיצן פון זײַן בערדל, געפּאַכעט מיט זיי אין דער לופט. ער האָט זיך מיט אַמאָל אינגאַנצן צעשאָקלט און אָנגעהויבן:

„איז אויפגעשטאַנען אַ נײַער קיסר, מאַכט רש"י: אַ בייזע נאַכט צו"...

אַרום פּלענט האָט אויסגעבראָכן אַ געלעכטער.

געדויערט האָט דער געלעכטער אַ רגע, אָבער די דאָזיקע רגע איז פאַר אַלעקסן געווען די וויטיקדיקסטע: געשטאָכן ווי מיט טויזנטער נאָדל־שפּיצן. און אַ צווייטיקטער האָט ער זיך אויסגעדרייט צום באַלעבאָס, געלאָזן אים געזאָגט:

— מיסטער בירמאַן, דערלאַנגט נאָר דעם שבֿידות־בוך.

אַלעקס האָט געבלעטערט דעם בוך; געמישט בלאַט נאָך בלאַט, געקוקט אין ציפערן פון וואָך־איין, וואָך־אויס, אין דעם נישטיקן פאַרדינסט פון בירמאַנס פרומע אַרבעטער...

— ווער פירט דאָ בײַ אײַך אַזאַ פײַנעם בוך? איר אַליין קאָנט די מלאכה? — האָט אַלעקס געשמייכלט.

— מײַנע אַ קרובה אָט יענע, וואָס „פינישט" דאָרטן, העלפט מיך אַרויס — האָט דער באַלעבאָס באַשיידן געענטפערט.

— זי זינגט שיינע לידלעך, אַ פייאיקע מיידל, — האָט אַלעקס ווידער געשמייכלט און פּלוצים געפרעגט:

— מען אַרבעט בײַ אײַך פון דער וואָך, מיסטער בירמאַן?

דער באַלעבאָס האָט אָנגעהויבן פינטלען מיט די אויגן און דרייען מיט די אַקסלען:

— וואָרעם?

אַלעקס האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט געוועו זייער צופרידן פון באַלעבאָס' ענטפער, דערנאָך געפרעגט אין אַן אומשולדיקן טאָן:

— אַרבעט מען בײַ אײַך פולע וואָכן? כ'מיין...

— ברוך השם פולע וואָכן, — האָט דער באַלעבאָס גיך אַרויסגע-

זאָגט מיט אויפגעהויבענע אויגן צו דער סטעליע.

— טאָ פאַרוואָס זיינען די שכירות פון די זעלביקע אַרבעטער אַנ־דערש יעדע וואָך — האָט אַלעקס ניט אָפּגעלאָזט.

— וואָס הייסט? — איז דאָס באַלעבעסל געוואָרן טערוועז, — איר, איר גלויבט מיר נישט?

— אָה, יעס... — האָט אַלעקס אונטערגעשמייכלט, — אָבער ווי אַזוי צאָלט איר פאַרט אייערע אַרבעטער זייער לוין: פון דער וואָך אָדער פון שטיק?

דער באַלעבאָס האָט נערוועז געצופּט דאָס צוגעשווירענע בערדל, ער האָט געשטשירעט מיט די ציין:

— אַזוי, ממזר, נעמסט מיך שוין אויפן פאַרהער? אַ מכה וועסטו וויסן בא מיר...

געענטפערט האָט ער:

— נאָט איז מיט אייך, מיסטער אַלעקס! וואָס־זשע... ערשט היינט בין איך געוואָרן אַ יוניע־באַלעבאָס! וואָס־זשע מיינט איר, ווען אַלע יוניע־שעפּער אַרבעטן פון דער וואָך, וועל איך... איר ווילט? פרעגט אויף מיר דעם פריערדיקן יוניע־אַגענט, פּאָגל,... אַזאַ טייערער יונגער־מאַן...

דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען.

דער באַלעבאָס האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דעם פיניש־טישל. ער האָט אַ רוף געטאָן:

— פעי! פעי! — האָט ער נאָכאַנאַנד גערופן, — פעי, גיי ענט־פער דאָרט.

אַלעקס האָט איר נאָכגעפאָלגט מיט די אויגן.

— יאָ, — האָט אים דער באַלעבאָס ניט אָפּגעלאָזט, — פאַרגעסט ניט, מיסטער אַלעקס, עלטערע מענטשן זיצן דאָ אין שאָפּ, אידן למדנים — — און ברויט שאַפן פאַר זיי...

דער באַלעבאָס האָט נאָך לאַנג גערעדט, ווידער דערציילט פון זיי־נע אידן למדנים; עלטערע מענטשן זיצן דאָ... און ער, פּאָגל, איז געווען אַזאַ טייערער... אַזאַ ערלעכער...

:: :: ::

אין אַ פּאָר טעג שפּעטער, ווען אַלעקס האָט ווידער באַזוכט בירמאַנ׳ס שאָפּ, האָט ער דעם באַלעבעסל נישט געטראָפן. ליימקע,

דער שאַפּ־טשערמאַן, האָט פונדערווייטנס אויסגעגלאָצט אויף אים אַ פּאָר אויגן, ווי אויף דער גרעסטער אַנשיקעניש...

מיט געלאַסענע, אָבער פעסטע טריט, איז אַלעקס פאַרביי דורך דעם פּלענט. מיט יעדן אַרבעטער זיך געגריסט, געפּרואווט פאַרקניפּן אַ געשפּרעך און זיך דערוויסן די אמת'ע לאַגע זייערע אינעם שאַפּ. אָבער פּונקט ווי דאָס ערשטע מאָל האָבן אויך איצט די אַרבעטער געשוויגן...

אַלעקס האָט געשפּאַנט צום עק פונעם פּלענט, צום טשערמאַנ'ס פּלאַץ. ער איז געשטאַנען קעגן אים און געקוקט אויפן טשערמאַן, ווי די פינגער ציטערן בײַ דער אַרבעט... ער האָט פאַררויכערט אַ ציגאַרעטל און זיך געפּונעט ווי אַ פּאַבלנירענער צווישן אַט די ברייד דער אַרבעטער... ווי זיי פּרואוון די כּאַזעריי צו פאַרבאַהאַלטן, איז דער צייט, ווען ס'איז מער פאַר קיינעם קיין סוד ניט, אַז זיי נאַרן אי זיך, אי דער יוניאָן מיט דעם, וואָס זיי אַרבעטן פאַר אַ שיבוש „שטיק־אַרבעט"...

ער האָט אויפגעהויבן די אויגן, אַלעקס, און נאָכאַמאָל באַטראַכט די געבויגענע קעפּ מיט די פאַרסאַרגעטע יאַרמעלקעס. ער האָט געטראַכט פון זייער פּיפּיקן באַלעבעסל, ווי די אויגן זיינע רוען אַ מינוט ניט, און מיט דעם שאַפּ־טשערמאַן זיינעם, וואָס העלפט אַט דעם באַלעבעסל קעגן די אַרבעטער... ער האָט געטראַכט און געצויגן דעם רויך אין זיך. אין האַלדז איז אים טרוקן געוואָרן. ער האָט אַ פאַרביטערטער זיך אויסגעדרייט צום אַנדערן עק־שאַפּ — צום פינישער־טיש.

די יונגע פעי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. אויגן מיט אויגן האָבן זיך באַגעגנט... זי האָט אַ שמייכל געטאָן, און זיך געגריסט מיט אים, ווי מיט אַן אַלטן באַקאַנטן.

אַלעקס האָט געענטפערט מיט אַ נייג מיט דעם קאָפּ. אין אַ חבר'שן טאָן האָט ער איר געפרעגט:

— ווי גייט די אַרבעט, פעי? פאַרדינט זיך עפּעס?

— די פאַרדינסטן ווי די פאַרדינסטן... ס'איז היים — האָט זי זיך ווי באַקלאָגט.

אַלעקס'ן איז איר טאָן און איר אַרט ריידן געפעלן געוואָרן...

ער האָט זיך נאָענטער צום טישל גערוקט:

— ווי איר זעט מיך לעבן, פּעי, איך אויף אייער פּלאַץ וואָלט איינגעפּאַקט די אַרבעט און אַ סוף! — האָט אַלעקס געשפּאַסט.

פּעי האָט אים אַ ווײַלע אָנגעקוקט מיט אירע לענגלעכע מאַנדל־אויגן און זי האָט האַלב־ערנסט געפרעגט:

— און וואָס וועט מען עסן?

— עסן גאָר? —האָט אַלעקס אין זעלביקן טאָן געפרעגט — אויך מיר אַ מעשה: עסן! איר אַרבעט גאַנץ שווער, זע איך, און איר מעגט זיך אָפּרוען אין אַזעלכע הייסע טעג, נישקשה.

— און ווער וועט „פינישן" אָט די רעקס? — האָט פּעי ווי געשפּאַסט.

— מ'וועט שוין „פינישן", זאָרגט ניט וועגן דעם — האָט אַלעקס איר פאַרזיכערט.

— דאַנקע שיין, מיין הער!.. — האָט פּעי סאַרקאַסטיש באַמערקט, און דעם קאָפּ אַרונטערגעלאָזט.

דער געשפּרעך האָט זיך מער ניט געלאָזט בינדן. פּעי איז געזעסן מיט אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ. אירע שוואַרצע געלאַקטע האָר זיינען איבערן פּנים געפאַלן. זי האָט גיך געשטאָכן מיט דער נאָדל אין דער אַרבעט, ווי זי וואָלט געוואָלט אָניאָגן די פאַרלוירענע צייט.

— וואו זיינען דאָס די איבעריקע „פינישערס"? וואָרום זענט איר אַליין? — האָט אַלעקס געביטן דעם געשפּרעך.

— מיר אַרבעטן דאָ איגאַנצן פיר „פינישערס". זיי וועלן קומען אַרבעטן נאָך מיטיק. זענט איר שוין צופרידן? — האָט פּעי מיטן נאָז פאַרדרייט.

אַלעקס האָט באַמערקט ווי אומצופרידן זי איז עפּעס צו ענטפערן; ווי זי וואָלט געהאַט עפּעס אַ שייכות מיט די איבעריקע שאָפּ־אַרבעטער און מיט זייער באַלעבאָס...

— און דערווייל... מאַכט איר, פּעי, אויף די גאַנצע אַרבעט, איאָ, פּעי? — האָט ער זיך ווי געריצט מיט איר.

פּעי האָט אויפגעהערט צו שטעכן מיט דער נאָדל. זי האָט אים אָפּגעמאָסטן פון הויבן אַראָפּ און האָט אים געפרעגט:

— פון וואַנען ווייסט איר עס אַלץ? איר לערנט זיך טרעפן?

אונזער וועג

אַלעקס האָט זיך צעשמייכלט און ער האָט געזאָגט:

— גיי וויס, אַז צוליב אַ שפּאַס וועט איר אַזאַ שיינעם פּנים פאַרקרימען...

— ס'איז אייער שולד, איר באַדערט מיך! — האָט פעי זיך נערוויטלט.

— פעי, — האָט אַלעקס צערטלעך געזאָגט — פעי... כ'בין גרייט אַלץ צו פאַרריכטן... אַלצדינג גוט צו מאַכן. כ'וויל אייך זען, פעי...

פעי האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגן צו דער אַרבעט און געשוויגן.

— איר ווייסט, פעי, — האָט אַלעקס ווידער אָנגעהויבן — אויב איר ווילט דוקא פּטור ווערן פון מיר, טאָ הויבט אויף אייער קאָפּ... נאָך איינמאָל אַ קוק טאָן אין אייערע שיינע מאַנדל-אויגן. איר הערט וואָס כ'זאָג, פעי?

זי האָט אַ שמייכל געטאָן און גיך גענומען שטעכן מיט דער נאָדל... אַלעקס איז געשטאַנען ווי צוגעשמידט צום פּלאַץ און די אויגן פון איר ניט אַראָפּגענומען. ער האָט איר מער גאָרנישט גע־פרעגט; געשטאַנען איז ער אַ פאַרטראַכטער... אין מוח בא אים האָט זיך אַ פּלאַן געאַרבעט... אין שאַפּ איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. דער שאַפּ-זייגער האָט געשלאָגן צוועלף.

— —

— —

באַם ים-ברעג.

אויבן — אַ פּייערדיקע זון. אונטן — פּייכטע זאַמד. ס'איז געווען אַ זונטיק אינדערפרי. דער ים-ברעג איז געווען ווי באַלאַ־גערט: מענטשן פון פאַרשידענעם עלטער און געשלעכט האָבן זיך געטאַרעט אויפן זאַמד. אַלעקס צווישן זיי מיטן רוקן אויסגעצויגן אויפן זאַמד האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון פעי'ן, וואָס איז געווען אָנגעבויגן צו אים. דערציילט האָט זי פון איר גאַנץ לעבן: פון איר היים אויף מעדיסאָן סטריט, וואו זי מיט איר מוטער וואוינען אין דריי טונקעלע צימערן; דערציילט פון איר טאַטן, וואָס איז ניט לאַנג פּלוצלונג געשטאָרבן און איבערגעלאָזט די מוטער אַן אַ פּעני באַם לעבן. אַצינד, נאָכן פאָטער'ס טויט, איז דער גאַנצער יאָך גע־

פאַלן אויך אירע יונגע פּלייצעס. קיין „דזשאָב" האָט זי ניט געהאַט. גוטע פריינט, וואָס האָבן זיך געקענט מיטן באַלעבאָס בירמאַן, האָבן איר דעם פּלאַץ געשאַפן. אָבער דער פּלאַץ, ווי וואָס פאַר אַ פּלאַץ דאָס איז!...

אַלעקס האָט געפרעגט:

— דאַכט זיך, איר פירט דעם חשבון־בוך פאַר אייער באַלע־באָס, און איר אַרבעט אויך מיטן נאָדל, מאַכט איר אַלץ נישט גענוג אויף אַ לעבן, פּעי?

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— אַלץ הייסט אַ לעבן... פון אַלץ צוזאַמען פאַרדין איך צוועלף דאָלאַר אַ וואָך. אַ שיין לעבן קאָן מען מאַכן. נישט אמת, אַלעקס?...

אַלעקס האָט איר אָנגעקוקט דערשטוינט:

— צוועלף דאָלער אַ וואָך פאַר צוויי מלאכות — דאָס אַלץ? טאַ וויפל פאַרדינען שוין אָט די פרומע אידן דאָרטן, טשיקאַווע צו וויסן, פּעי!

— דאָס איז נישט מיינע ביזנעס — האָט פּעי ווי זיך אָפּגעשאָקלט צו ענטפערן.

אַלעקס האָט זיך אָנגעבויגן צו איר. אירע הענט אין זיינע איינגעשלאָסן. ער האָט געקוקט אין אירע גרויסע פאַרטראַכטע אויגן און ער האָט געזאָגט:

— איר ווייסט, פּעי, דאָרטן אין שאַפּ, ווען כ'פלעג אייך זען, ריידן מיט אייך, זענט איר געווען אַזאַ פריילעכע, געדאַכט האָט זיך מיר... וואָס זענט איר אַזוי ערנסט, פּעי?

זי האָט שווייגנדיק אויסגעדרייט דעם קאָפּ. מיט אַרונטערגעלאָזטע אויגן צום זאָמד, האָט זי פלינק דאָרטן עפּעס געשריבן. אַלעקס האָט זיך אָנגעבויגן איבער איר אַקסל, פאַרזיכטיק געוואָלט כאַפּן אַ בליק אויף איר.

ער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין:

וואָס עפּעס דערציילט זי אים נאָר פון זיך? פאַרוואָס פרעגט זי אים נישט עפּעס? זי ווייסט דאָך אפילו ניט ווער ער איז. און אַז מ'טרעפט זיך צופעליק מיט אַ מאַן אין שאַפּ איז וואָס?...

— פּעי, — רייסט ער איבער דעם געדאַנק — וואָס שרייבט

איר דאַרטן אויפן זאַמד? זאָגט מיר, פּעי...

זי האָט אויפגעהערט צו שרייבן און אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ.

אַלעקס האָט איר פאַמעלעך אַנגענומען פאַרן קין, אַריינגעקוקט אין אירע האַלב־צוגעמאַכטע מאַנדל־אויגן. ער האָט שטיל געפרעגט:

— זאָגט מיר, פּעי, האָט איר עמיצן ליב?

זי האָט ברייט צעעפנט אירע אויגן, אים מאָדנע אַנגעקוקט און געשוויגן.

אַ ווײַלע אַרום האָט זי אַ שמייכל געטאָן. זי האָט געפרעגט:

— צו וואָס באַדאַרפט איר עס וויסן?

— אַזוי!

— ס'איז אייך טאַקע נויטיק צו וויסן?

זי האָט זיך אויסגעדרייט אויף אַ זייט און באַהאַלטן דאָס פּנים מיט די הענט.

אַלעקס האָט איר גענומען פאַר די הענט, זיך אָנגעבויגן צו איר פּנים און אַ קוש געטאָן אין אירע ליפּן, און תיכף געפרעגט:

— וואָס איז דער מער, פּעי... וואָס פאַרבאַהאַלט איר זיך אַזוי... ס'איז צוליב מיר? זאָגט. שעמט זיך ניט.

— ניין, אַלעקס. די זון ברענט מיך, אָט וואָס.

אַלעקס האָט איר אַרומגענומען, איר צוגעדריקט צו זיך און מיט אַ שמייכל געזאָגט:

— אַזוי, פּעי, האָב איך אייך ליב... וואָלטן מיר שוין אפשר אַוועק פון דאַנען, און כאַפּן אַ שפּאַציר. זענט איר צופרידן, פּעי?

— שפּעטער..

— טאָ הערט אויף צו זיין אַזוי ערנסט פאַרטראַכט! זאָגט מיר, פּעי, איר זענט אפשר הונגעריק?

— ניין, אַלעקס.

— טאָ וואָס דען?

— ווי איך זע זענט איר זייער נייגעריק, אַלעקס — האָט פּעי געדרייט מיטן קאָפּ.

— כ'קאָן דאָך אָבער דענקען, אַז צוליב מיר זענט איר אַזוי פאַרטרויערט, — האָט אַלעקס זיך געקלאָגט.

— אפשר... — האָט זי אינדערשטיל געזאָגט. — קומט נאָר אין וואַסער, אַלעקס, מיר וועלן זיך פּאַרמעסטן אין שווימען.

— אָבער געדענקט. שפּעטער וועט איר מיר מוזן אַלץ דערציילן וואָס עס קוועטשט אייך אַט־אָ־דאָ... אויב נישט...

— נעמט איר מיך נישט קריק אין בירמאַנ'ס שאַפּ — האָט זי לאַכנדיק אים אַרויסגעהאָלפן.

— —

שפּעטער האָבן זיי ביידע לאַנג געשפּאַצירט איבער דער וועניו, דערנאָך אַריין אין אַ רעסטאָראַן.

באַם רעסטאָראַן־טישל האָט פּעי זיך געמאַכט באַקוועם: באַ דעם שפּיגעלע פון איר האַנט־בייטל האָט זי געבראַכט אין אָרדענונג אירע האָר, זיך צוגעפּוידערט, צוגעשמירט אירע ליפּן, און בעת־מעשה געטראַכט וועגן אַלעקס'ן:

„ס'האָט זיך געלוינט" — האָט זי געטראַכט קוקנדיק בגנבה אויף אַלעקס'עס פּנים... נאָך היינט באַנאַכט מוז עס די מאַמע וויסן; מעג זי קומען אַהיים ווי שפּעט. זי וועט דער מאַמען אַלץ דערציילן און זאָל זי קלייבן נחת... און איר חבר'טע עלסי? איר וועט זי דער־ציילן שפּעטער. אַט וואָס זי וועט טאָן: זי וועט מאַכן אַ „פּאַרטי", אַ גרויסאַרטיקע „פּאַרטי"... אַלע אירע באַקאַנטע וועט זי לאַדן... עלסי וועט איצט זען... איי וועט עס איר... זי האָט געמיינט, אַז נאָר זי מיט איר הערי... אַ פּאַרגלייך!...

אַלעקס איז געזעסן אנטקעגן איר, געקוקט אין „ביל און פּעיר" און געטראַכט: דער טאָג האַלט שוין באַם פאַרגיין. און ער האָט נאָך ביז איצט גאָרנישט אויסגעפונען די לאַגע פון בירמאַנ'ס אַר־בעטער אין שאַפּ... וועט פּעי אים דערציילן? אויב יאָ, וועט ער אויף דער קומענדיקער זיצונג פון דער עקזעקוטיווע באַווייזן די דעלעגאַטן, דעם אמת, וואָס ס'טוט זיך אין בירמאַנ'ס שאַפּ... און זאָלן די עקזעקוטיווע־דעלעגאַטן וויסן, ווער אַט דער פּאַגל איז, דער כלומרשט'־דיקער יוניאָן־פאַרטרעטער אין אַט דעם שאַפּ... און ווי אַט דער פּאַגל האָט נאָך געהאַט די חוצפּה, נאָכדעם ווי פאַר די דעלעגאַטן איז כמעט געווען ווי זיכער באַ דער לעצטער עקזעקוטיווע, האָט זיך נאָך פּאַגל איינגעשטעלט פאַרן באַלעבאָס!...

אבער וואס וועט דעמאלט געשען מיט פעי'ן? זי וועט זיכער פארלירן איר פלאץ בא בירמאנ'ען, און זי מיט איר אלטער מוטער וועלן הונגערן צוליב אים...

...נארט ער זי נישט אפ? רעדט ער זי ניט איין, אז ער האט זי ליב?

ער האט זיך א צאפל געטאן און גענומען שפאסן צו פעי'ן:

—איך בין מיד, פעי. באשטעלט וואס איר ווילט פארביידן, כ'וועל אלצדינג עסן.

— א וואויל קינד — האט זי געשמייכלט צו אים מיט אירע שורות ווייסע געזונטע ציין.

אלעקס האט געקוקט אויף איר א שווייגנדיקער. „די שפיל איז צו געפערלעך", האט ער געטראכט. „ער האט עס נישט געטארט אונטער־נעמען! אבער... די יוניאן האט דאך אים געשיקט אונטערזוכן... באגייט ער א פארברעכן, ווען ער גפעינט אוים אזעלכע מעשים נעגן דער יוניאן? און אז פון פעי'ן איז וואס? פארקערט: די יוניאן וועט איר זיכער געבן א בעסערן פלאץ ווי בא בירמאנען אין שטינק־שאפקע! און בכלל, וואו איז דער פארברעכן? — — — — —

דער קעלנער האט צוגעטראגן די באשטעלונג צו זייער טיש.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

זאטע און אויסגערוטע האבן זיי פאמעלעך זיך פארנומען צום ים־ברעג.

אויף דעם ברעג איז וואס אמאל געווארן שיטערער. ווייניק מענטשן האבן זיך נאך געפונען אין ים.

די זון האט געהאלטן באם פארגיין. די לעצטע שטראלן האבן זיך געטונקט ווייט אויף דעם האריזאנט. זיי האבן מיט פאמעלעכע טריט געשפאצירט נאענט פון ים. דער זאמד אונטער זיי איז געלעגן א צעטראטענער, א פייכטער. די שטארקע ים־כוואליעס האבן גע־האלטן אין וואשן דעם ברעג; לאנג האבן זיי געשפאצירט און גע־טראכט יעדער פון זיי אין זיין וועג... ביז ס'איז נאכט געווארן. פארלעך האבן זיך באוויזן אויפן ברעג. יעדע פון די פארלעך האט געזוכט צו זיין אליין.

אַלעקס און פּעי האָבן אויך געזוכט און געפונען אַ קלאָץ, וואָס דער ים האָט אויסגעשפּיגן. ביידע זיינען זיי געזעסן מיטן פּנים צום ים, און זיך צוגעהערט צום רוישן פון די כוואַליעס.

אַלעקס האָט איבערגעריסן דאָס שווייגן:

— כ'האָב באַ אייך אַ חוב, פּעי, דערמאָנט זיך.

— אַ חוב? כ'בין אייך עפּעס שולדיק?

— זיכער. איר געדענקט, ווען מיר זיינען געלעגן אויפן זאַמד, האָט איר דאָרט עפּעס אָנגעשריבן — געדענקט איר?

— כ'געדענק, אַלעקס! ס'איז אָבער געווען אינמיטן טאָג, ווען די זון האָט אַזוי געברענט. אַצינד איז דאָ אַזוי לופטיק, אַזוי קאַלט...

— זאָלן מיר אַוועקגיין פון דאַנען?

— ניין! — האָט זי זיך גענומען טוליען צו אים.

אַלעקס האָט אויסגעטאָן זיין ראָק, און אים איבערגעצויגן איבער ביידנס אַקסלען. פּעי האָט זיך שטאַרקער געטוליעט צו אים, געלייגט איר קאָפּ אויף זיין שויס; אים געקוקט גלייך אין די אויגן, ווי זי וואָלט וועלן פון דאָרט עפּעס אַרויסקריגן... דערנאָך האָט זי אירע הענט פאַר־לייגט אונטערן קאָפּ און געמורמלט:

— אַצינד איז מיר וואַרעם... גוט אַזוי... אייביק וואָלט איך אַזוי געוואָלט...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און צוגעמאַכט אירע אויגן; און אַ שווייגנדיקע זיך געצאַפּלט באַ אים אפן שויס. אַלעקס האָט איר פּנים און האָלז געקושט און שטיל געזאָגט:

— פּעי טייערע... כ'וואָלט דיר מער ניט געוואָלט זען דאָרטן, כ'מיין אין בירמאַנס שאָפּ.

זי האָט אַ ציטער געטאָן און זיך באַלד קאָנצענטרירט, ווי זי וואָלט קיין זאַך נישט געהערט...

זי האָט טיפער די אויגן פאַרמאַכט, און געוואַרט...

— שווייגסט פּעי?

— וואָס זאָל איך זאָגן — האָט זי מיט האַלב אָפענע אויגן גע־זאָגט — ס'איז אַ גליק צו אַרבעטן פאַר צוועלף דאָלער אַ וואָך?

— איר אַרבעט דען פון וואָך?

— ווער אַרבעט דען דאָרטן פון דער וואָך? — האָט זי געלאַכט.

— איר זענט זיכער? — האָט ער גלאַט אַזוי געפרעגט.

— זיכער? ווער ווייס בעסער ווי איך? כ'העלף אים דאָך אויסרע־בענען זיין „פּעיראַל".. איר ווייסט וואָס, קומט דאָנערשטיק באַם שבי־רות־צאָלן, וועט איר אויסגעפינען אַז כ'באַרים זיך ניט.

אַלעקס האָט זיך צעלאַכט.

— ווי נאַאיוו איר זענט פעי! אַט קום איך טאַקע צולויפן פאַר דעם.

זי האָט אומרואיק געפרעגט:

— וואָס? איר וועט מער ניט קומען?

כ'וועל קומען... כ'וועל קומען... — האָט ער זיך צו איר פנים גע־בויגן און איר געקושט.

פעי האָט מיט בײדע הענט אַרומגענומען זיין קאָפּ און צוגעדריקט צו איר ברוסט. זי האָט געזאָגט שטיל, ווי זינגענדיק פאַר זיך:

— יאָ, מיין ליבער... כ'האָב געוואוסט אַז דו וועסט קומען צו מיר... באַלד, ווען כ'האָב דיך ס'ערשטע מאָל דערזען, האָב איך עס גע־וואוסט. מיין האַרץ האָט מיך ניט אָפּגענאַרט, דו ביזט געקומען, אַלעקס...

זי האָט אים צו זיך געדריקט און געקושט. מיטאַמאָל האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ. מיט ציטערדיקע הענט האָט זי אַרויסגעכאַפּט ס'קעמעלע פון איר האַנט־בייטל, פאַרריכט אירע האָר און ערנסט גע־זאָגט:

— ס'איז שפּעט, אַלעקס. כ'מוז מאָרגן גיין צו דער אַרבעט. איך וועל אויף אייך וואַרטן, אַלעקס. איר וועט דאָך קומען מאָרגן מיך זען, יאָ? כ'וועל שוין האָבן אַ סימן!...

אַלעקס האָט ניט געענטפערט.

אין סאַבוויי איז פעי געזעסן באַם פענצטער. זי האָט צוגעלייגט ס'פּנים צום שויב, געקוקט אין דער פינצטערניש און געשוויגן.

:: :: ::

באַנאַכט אפן געלעגער איז אַלעקס מח געליטערט געוואָרן: פאַר זיינע אויגן האָבן זיך בולט איבערגעשפּילט די אַלע סצענעס פונעם טאָג מיט פעי; און פעי'ס רייד...

זי, פעי, איז געווען אויפריכטיק צו אים. ער — כיטרע, פאַלש.

אויסגענוצט איר נאַאיוויטעט צוליב — זאָל זיין —א גוטן ציל. אָבער... אָבער...

בירמאַנס שאַף זעט אוים צו זיין פאַראורטיילט אויף אייביק... און די אַלע אַרבעטער — עלטערע, שוואַכע מענטשן וועלן דאַרפן זיין קרבנות.

און פּעי?...

ניין, אַצינד האָט ער נישט געוואָלט טראַכטן וועגן פּעי... ער האָט איצט געזען פאַר זיך אַלע בירמאַנס באַלמעלאָכעס; אויגן אויסגעלאָשענע, אויגן מיט אַזוי פיל צער און צאָרן... די אויגן האָבן געמאָנט: וואָס האָסטו צו אונז געהאַט? וואוהין זאָלן מיר גיין א ביסן ברויט צו פאַרדינען?...

שווערע מינוטן האָבן זיך פאַר אים געצויגן; א קאַלטער שווייס איז אים באַפאַלן. מיט רוגזה האָט ער די קאַלדרע אוועקגעשליידערט און א הויכער געבליבן ליגן און שטאַר געקוקט אויפן ברענענדיקן לעמפּל, וואָס איז קעגנאיבער אויפן טיש געשטאַנען. מיטאַמאָל איז א געדאַנק צו אים געקומען: זיך מער ניט מישן און פּטור!...

ער האָט לייכט אָפּגעאָטעמט און זיך געפילט ווי א באַפרייטער פון א שווערער משא. א צופרידענער האָט ער זיך פון בעט געהויבן, פאַרדרייט דאָס לעמפּל און געפּרואווט איינשלאָפן.

מיט צוגעמאַכטע אויגן איז ער געלעגן. אָבער דער מח האָט אויף א רגע נישט גערוט, און ווילדע סצענעס פאַר אים אָפּגעשפּילט: ער קומט צו דער עקזעקוטיווע-זיצונג. די דעלעגאַטן קוקן אויף זיינע ליפּן, וואָס ער, דער פאַרזיצער זייערער, האָט אויסגעפונען אין בערמאַנס שאַף... אַרבעט מען דאָרטן ווי אין אַלע יוניאָן-שעפּער — וואָרבעט?! איז טאַקע דער ביזנעס-אַגענט פּאַגל גערעכט, וואָס ער פאַרטיידיקט אַזוי בירמאַנס שאַף? אָדער די קלאַנגען זיינען זיינען אמת? קוקן די דעלעגאַטן מיט ערנסטע פנים׳ער. שטיל איז אין עקזעקוטיווע-צימער. ער, דער פאַרזיצער, שטעלט זיך אויף און לאָזט פאַרשעמט אַרונטער דעם קאָפּ... דער ביזנעס-אַגענט פּאַגל קוועלט.. די דעלעגאַטן קוקן זיך איבער... און ער? ער גלייכט זיך אוים און דערציילט יעדעס פּיצעלע, וואָס ער האָט אויסגעפונען — און אָט זיינען די פאַקטן!...

און באַלד דערזעט ער אַן אַנדער סצענע:

א פרימאָרגן. ער קומט אין דער לייבאָר־ביוראָ און טרעפט דאָרטן אַלע בירמאַנס באַלמעלאָכעס... אין לייבאָר־ביוראָ איז קיינער נישטאָ אויסער זיי; דער סעזאָן איז אין פולן ברען, מענטשן אַרבעטן, אָבער פאַר זיי — שוואַכע מענטשן, איז שווער א פלאַץ צו קריגן... ער פרעגט זיך אויף פעי... טרויעריקע אויגן קוקן אויף אים און שווייגן.. אַט איז פעי! ווי זי האָט זיך עס פאַרענדערט! זי מיידט אים אויס ווי א שפין!

ער איז אַרונטער פון געלעגער און צעפּראַלט דעם פענצטער.

א ווינטל האָט א בלאָז געטאָן. פון דעם איסט ריווער האָט זיך דערטראָגן א הייזעריקער געברום פון א שיף. ער איז געשטאַנען ווי מיט אונטערגעהאַקטע פיס; ער האָט זיך געפילט קליין, נישטיק, וואָס ער, א יונג בחורל, מיט ווייניק יוניאָן־דערפאַרונג, האָט זיך צו ווייט פאַרמאָסטן — און פאַרשפּילט!... א מידער האָט ער זיך צונויפגעדרייט אויפן ברעג פונעם געלעגער און איז איינגעשלאָפן.

:: :: ::

אין א צייט אַרום, נאָכדעם ווען בירמאַנס שאַפּ איז שוין לאַנג געשלאָסן געווען, און אַלעקס האָט געשפּאַנט אויף דער עווענין, איז אים אַנטקעגן געקומען פעי... זי האָט זיך געוואָלט אויסדרייען פון אים. אַלעקס האָט איר פאַרהאַלטן, ווי ער וואָלט געפונען א פאַרלוירענעם אוצר.

— פעי, — האָט ער געזאָגט, — וואָס מאַכט איר, פעי?...

ער האָט געקוקט אויף איר רונדן בלייכן פּנים: געקוקט אין אירע קאַרע מאַנדל־אויגן, וואָס זיינען אַצינד פייכט געווען פון טרערן...

ער האָט איר אונטערן האַנט גענומען און געזאָגט:

— קומט פעי מיט מיר.. קום!... מיר וועלן ביידע צוזאַמען גיין — אונזער וועג...

מר. נעק „גייט" ווערן בידי

וואס איר זאלט נים דענקען וועגן מיסטער נעק'ס ארבעטער, מוזט איר זיי סוף־כל־סוף באוואונדערן פאר זייער גרויסן געדולד.

אמת, צווישן זיך, אין לייבאר־ביורא, וואו איר טרעפט זיי צוויי־און־פופציק וואכן אין יאר, זיינען זיי גאנצע רעוואלוציאנערן. אט גייען זיי אריין צום יוניאן־מענעדזשער און זאגן דאס ריכטיקע ווארט... און אט גייען זיי צום באלעבאס אליין! מיסטער נעק קען זיי שוין פון יארן!

באשר איצט איז ער א גאנצער מאכער, א רייכער מאנופעקטשו־רער אויף בראדוויי, וואס מאכט „ערשטע קלאס ארבעט", ווי ער אנאנסירט זיך אין די צייטונגען. אבער די עלטערע ארבעטער האבן נים איינמאל פארזעצט זייערע זייגערס פאר מיסטער נעק'ן, ווען ער האט באדארפט צאלן שכירות. איצט וועלן זיי צו אים גיין, און אזוי שנעל ווי זיי וועלן אים דערזען — וועלן זיי אים פרעגן — וואס?...

נאר דערוויל איז דער יוניאן־מענעדזשער שטארק פארנומען; און גיין צו מיסטער נעק'ן פעלט מוט. שטייען זיי איינגענורעטע אין לייבאר־ביורא און ווארטן — אויף ניסים.

:: :: ::

באלד, צו־מארגנס נאך ניי־יאר, איז מיסטער נעק געקומען אין זיין אפיס, פאנאנדערגעעפנט די בריוו, וואס ער האט נאר וואס ארויס־גענומען פון זיין בריוו־קעסטל. צו איין בריוו איז געווען צוגעשפיליעט א געל זייטל פאפיר: „א באשטעלונג". ער האט דורכגעלייענט איינ־מאל, צוויי מאל, גע'חשבונ'ט, און געקלאפט מיט די פינגער אין שרייב־טיש, ווי ער וואלט געזוכט דארטן אן ענטפער. ער האט שנעל פאר־רויכערט א סיגאר, און אריינגערעדט אין טעלעפאן:

— העלא! דאס רעדט מיסטער נעק ענד סאנס.

— דזשאינט באָרד. וואס קענען מיר טאן פאר אייך, מיסטער נעק?

— כ'וויל זען דזשעק'ן.

— דאָס רעדט דזשעק!
— כ'וויל זען דזשעקן.
— דאָס רעדט דזשעק! אַה, וואָס מאַכט איר, מיסטער נעק?
— גוטע נייעס! איך „גיי" ווערן „ביזי" און כ'וויל אַ ביליקן שניידער, ס'זאָל מיר קאָסטן ניט מער ווי צוויי־פופציק אַ ראָק!
— און וואָס זאָל איך טאָן מיט אייערע באַלמעלאָכעס?
— און וואָס זאָל איך טאָן? ווען איך וועל האָבן זייער אַרבעט, וועלן זיי קענען באַ מיר אַרבעטן. כ'גיב ניט אויף מיין שאָפּ. כ'דאַרף אָבער איצט ניט קיין פינף־דאָלערדיקע רעק, נאָר פאַר צוויי און אַ האַלב.
— אַה! כ'פאַרשטיי, מיסטער נעק. ס'מיינט איר האָט אַזאַ באַשטעלונג... גוט, כ'האָב פאַר אייך אַ שניידער. איך וועל אייך שוין זאָגן ווער. פלאַכטע פון בליקער סטריט האָט טאַקע ניט קיין אַרבעט!
— פלאַכטע, אָט דער גבֿזה? פע! ער מאַכט דאָך תכריכים, ניט קיין רעק! איר פאַרשטייט, דזשעק: כ'וויל האָבן אַ גוטן ראָק פאַר דעם געלט!
— טאָ וואָס דען ווילט איר פאַר צוויי רובל מיט פופציק גראַצער? ווייסט איר וואָס: כ'האָב פאַר אייך אַ גוטן שניידער — זלאַטניק פון דער פערטער סטריט. ס'וועט אייך אָבער קאָסטן נאָך אַ דאָלער!
— אַה, זלאַטניק, דער מיט דער שפּיציקער בערדל? כ'קען אים! שיק אים גלייך אַרויף.

פּאַרטיק געוואָרן מיט דעם, האָט מיסטער נעק אויסגעשריען:
— זיג! לויף אַרונטער און רוף אַהער זיבלען, כ'וויל אים זען!
מיסטער זיבל, דער הויזן־באָס, וואָס האָט געהאַלטן זיין שאָפּ אונטער נעק'ס, איז אַרויפגעקומען. מיסטער נעק האָט גערעדט:
— הער מיך אויס, זיבל! כ'גיי ווערן „ביזי", ס'טהאָבן גענוג אַרבעט, פאַרשטייסט אָבער — ס'וועט ניט זיין 90 סענט אַ הויז, אַ סך ביליקער...

מיסטער זיבל, דער הויזן־באָס, אַ מענטשל אַ קוואַטש, וואָס האָט נעבעך אַליין דאָס מויל ניט געקענט עפענען, איז אָבער געווען אַן אַנגעזעענער מיטגליד אין זיין אַסאָסיאַציע מיט אַ מענעדזשער, וואָס פאַרדינט ניט אומזיסט זיין ברויט, האָט די נייעס אויפגענומען

גאַנץ גליקגליטיק, ער האָט בלויז הכנעה'דיק געפרעגט:

— מיסטער נעק! קענט איר מיר ניט זאָגן אַז ערד וויפיל?

— מיט 25 סענט ביליקער אויפן הויז!

— דאָס אַלץ וואָס כ'דאַרף וויסן...

:: :: ::

שוין פיר וואָכן ווי די יוניאָן קאַטערס קומען אַלע טאָג צו דער אַרבעט, וויקלען אויף די ראָלס סחורה, שפּרייטן אויס איינס אויפן אַנדערן, צייכענען און שניידן. דערנאָך בינדן זיי דאָס אויף און פאַר־שידענע פּעקלעך און שיקן אַרויס. צוריק קומען זיי פאַרטיקע, אויס־געפּרעסטע.

מיסטער נעק'ס אַרבעטער, אַנגעפירט פון זלמן און שאַיע'ן, האָבן זיך ענדלעך „געמאַכט הארץ" און אַרויפגעקומען אין שאַפּ, כלומר'שט נעמען די „געצייג". אַנדערע האָבן זיך געמאַכט זוכנדיק אין די מאַ־שין־שופלאַדן, ווי זיי וואָלטן דאָרטן איבערגעלאָזט אַ וויכטיקע זאַך.

מיסטער נעק האָט זיי דערזען און געשמייכלט, געזאָגט זיי אַ פריי־נעם „ברוך הבא", דערנאָך האָט ער זיי צוגערופן צו די שטאַנגען, שנעל אַראָפּגעכאַפּט אַ ראָק, און אַ קול פול מיט נצחון זיי אין פּנים אַריינגעשריען:

— זעט אַרבעט! זעט אַ קליאַפּע אויסגענייט! אַ קאַלנער איינ־גענייט... אַ קעשענע אַריינגעמאַכט — ס'שמעקט... די אַרבעט ווי איינגעוואַקסן... נאָט זעט די נעט, ווי פּערל שיינען זיי... און ווי גע־פעלט אייך דאָס פּרעסן? עם לעבט... כאָטש שטעל זיי אַלע אין דער „ווינסטאַווע" אַריין!...

זלמן און שאַיע, וואָס האָבן געהאַט גוט איינגע'חזר'ט זייערע טענות, ביי דער ערשטער געלעגנהייט אויסגיסן זייער ביטער הארץ פאַרן באָס, האָבן איצט דערזעענדיק די דריי און אַ האַלב דאָלערדיקע אַרבעט, וואָס איז באמת געווען בעסער געמאַכט ווי זייערע פאַר פינף דאָלער, האָבן פאַרלאָרן ס'לשון...

איינציקווייז האָבן זיי זיך מיט די איבעריקע אַרבעטער אַרויס־גערוקט דורך די הינטערשטע טרעפּ...

:: :: ::

מיסטער זיבל, דער הויז־באָס, וואָס האָלט זיין שאַפּ אונטער

נעק'ס אָפיס, האָט גלייך ווי ער האָט פאַרלאָזן מיסטער נעק'ן, אַרונ־טער צו זיך אין אָפיסל, און גערופן צום טעלעפאָן זיין אַסאָסיאַציע. דערציילט האָט ער דער אַסאָסיאַציע זיינער, וואָס דער מאַנופעקטשו־רער מיסטער נעק פאַרלאַנגט פון אים. דער מענעדזשער האָט אים באַרואיקט און געהייסן זיך פאַרלאָזן אויף אים...

איינמאָל אין אַ פרימאָרגן, ווען מיסטער זיבל'ס אַלטע באַלמע־לאָבעס זיינען געשטאַנען מיט אָנגעשטרענגטע אויגן אַרום זייער טשערמאַן, ווי זיי וואָלטן פון אים דערוואַרט גוטע נייעס: אַט גייט מען אַרבעטן, — האָט זיי דער „יוניע" מענעדזשער אַריינגערופן צו זיך אין אָפיס און דערציילט זיי אַ מעשה אין קורצן:

— באַ אייער מאַנופעקטשורער, מיסטער נעק, איז אַביסל „טומל" מיט די רעק — איר גייט מאָרגן אַרבעטן... מיר'ן זען!

:: :: ::

שוין עטלעכע וואָכן, ווי די הויזנמאַכער קומען אַלע טאָג אין שאָפּ, די צוגעזאָגטע „ביזי" איז נאָך ניט געקומען. האָבן זיי גע־אַרבעט אַ טאָג, אַמאָל צוויי אין וואָך, שכירות פלעגן זיי קריגן „נאַ־קאָנטע", עטלעכע דאָלער. זיי האָבן געפרעגט מיסטער זיבל'ען די אורזאַך, האָט ער זיי געשיקט אין דער יוניאָן, און די „יוניע" האָט זיי געהייסן האָבן געדולד... און די הויזן־מאַכער? די מערסטע עלטערע אַרבעטער, וואָס האָבן אַ טראַדיציע אויסצופאָלגן, זיינען דעם מאָל אויך געווען „פיינע" יוניאָן־לייט, געוואַרט — און זיך דערוואַרט...

אין אַ געוויינלעכן מיטוואָך, 12 אַזייגער מיטיק־צייט, האָט זיך אַריינגעלאָזט אין מיסטער זיבל'ס שאָפּ דער מענעדזשער פון דער אַסאָסיאַציע, מיסטער פעל, און דער „יוניע"־מענעדזשער, בעל, מיטן ביזנעס־אַגענט פון דעם דיסטריקט. זיי, צוזאַמען מיטן באַלעבעסל מיסטער זיבל זיינען גלייך אַוועק צום טיש, וואו עס ליגן די פאַרטיקע הויזן, און יעדער פון זיי האָט געכאַפּט אַ הויז אין האַנט און גענומען זוכן.

די אַרבעטער, צען אין צאָל, מיט שימען דעם שאָפּ־טשערמאַן — אַן איבערגעשראָקענער איד, — האָבן אינסטינקטיוו דערפילט, אַז עפּעס וועט דאָ באַלד פאַרקומען, האָבן אַוועקגעלייגט זייערע עסנס, און זיך אַוועקגעשטעלט פון וויטן.

מיסטער פעל, פון דער אַסאָסיאַציע, האָט געהאַלטן אַ הויז אין האַנט, זיך געקאַכט און אויסגעשריען צום מענעדזשער פון דער „יוניע":

— מיסטער בעל! זאָגט מיר, מיט וואָס איז די אַרבעט בעסער ווי אין אַלע געוויינלעכע הויזן־שעפּער? פאַרוואָס קומט פאַר דעם 90 סענט? זעט אַ „בענד" אָנגענייט... אַ צוזאַמענשטעלן — מיאוס צו קוקן! — וואָס מיינען זיי, ס'איז מלחמה־צייט? ס'איז ניינצן־ניינצן?

די אַרבעטער, שטילע, דערשלאָגענע מענטשן, וואָס הונגערן כסדר האָבן מיט רחמנות'דיקע אויגן געקוקט אויף זייער פּאַרטרעטער — מיסטער בעל, ער זאָל דאָ, אין דער עת צרה, זיי קומען צוהילף און אָפּשלאָגן די טענות פון דעם מקטרג — מיסטער פעל. זיך ניט דערוואַרט, האָט פישעלע דער אונטערפּרעסער, אַ אידל מיט אַ קליין גרוילעך בערדל, אַרויסגעדונערט:

— וואָס ווילט איר, מיסטער פעל? וועמען זוכט איר? און צוליב וואָס זענט איר דאָ געקומען שרעקן? ווער האָט מורא פאַר אייך? מיר ליגן שוין געננוג אין דער ערד אַן אייך! איר וועט אונז ניט לער־נען ווי צו מאַכן הויזן! מיר קענען שוין די תורה פון לאַנג — נאָך בעפאָר איר זענט געוואָרן דער „קנאַקער" אין אייער אַסאָסיאַציע!..

בעל, דער „יוניע"־מענעדזשער, האָט אים איבערגעשלאָגן:

— הערט אויס! אייך, פישל, וויל איך זאָגן: שרייט ניט אַזוי! איר קענט מיסטער פעל'ן דערציילן מעשיות — ניט מיר! מיר קומען איצט פון מיסטער נעק'ן, און כ'וויל איר זאָלט וויסן: וועגן פּרייז וועלן מיר נאָך ריידן... איר מוזט אָבער מאַכן בעסערע אַרבעט — איר פאַר־שטייט? ס'איז היינט אַנ'אַנדער צייט!... און וואָס איז טאַקע די מורנו מיט די הויזן? די קעשענעס זיינען גאָר ניט אַזוי אי־אי־אַי, שטייען ניט גלייך... די קלינעם שטימען קוים... און דאָס פּרעסן — צע'חזר'ט... זעט וואו דער קנייטש קומט... איצט אַ גלאַנצן — ווי פון אַ שוסטערשן הינטן אַרויסגעשלעפּט. פאַר אַזעלכע אַרבעט איז צופיל 90 סענט!

פישעלע דער אונטערפּרעסער, הערנדיק אַזעלכע דבורים פון זיין פּאַרטרעטער, איז געוואָרן אַלע קאָלירן, און איז צוגעשפּרונגען צו די אַרבעטער פון שאַפּ:

— וואס שווייגט איר? וואס שטייט איר ווי זשלאבעס? זענט איר שטום, צו אלדי־שוואַרץ יאָר? און דו, שימע, — שרייט ער מיט גאַל,—ביזט דאָך אַ טשערמאַן, וואָס שטייסטו ווי אַ פלאָקן מיט אַראָפּ־געלאָזענעם קאָפּ? פאַרוואָס גיסטו זיי ניט די כאָליערע...

גראָד אין דער מינוט האָט זיך געעפנט די טיר פון „עלעווייטאָר" און די מענעדזשערס זיינען שוין ניט געווען.

:: :: ::

די „ביזי" איז נאָך באַ מיסטער נעק'ן ניט געקומען... שטייען די קאַטערס און שניידן קליינע באַשטעלונגען, בינדן דאָס צוזאַמען און עס גייט אַוועק צו מיסטער זלאָטקינען אין שאַפּ.

מיסטער זיבל מאַכט אויף דאָס ביסל הויזן אין אַ טאָג, אַדער אַנדערהאַלבן. אמת, 15 סענט ביליקער קריגט ער שוין, וואָסביידע מענעדזשערס האָבן אים אַליין אַנגעבאָטן... נאָר וואָס איז דער געאייל? צאָלט ער נאָך אַלץ די שכירות „נאָ קאַנטע"...

:: :: ::

יעדן טאָג, ווען איר וועט קומען אין די אָפיסעס פון דזשאַינט באָרד, וועט איר טרעפן די אַרבעטער פון מיסטער נעק'ס שעפער, זלמן און שאַיע. די צוויי עלטערע אַרבעטער רייסן זיך נאָך אַלץ צו זען זייער מענעדזשער — דזשעק, וואָס איז כסדר „ביזי"... און די הויזנ־מאַכער אַרום זייער מענעדזשערס אָפיס. צייטנווייז קלייבן זיך אויף ביידע שעפער צוזאַמען און אַרבעטן אויס פלענער...

נאָר, וואָס איר זאָלט ניט דענקען וועגן מיסטער נעק'ס אַרבעטער, מוזט איר זיי סוף־כל־סוף באַוואונדערן פאַר זייער גרויסן געדולד...

אין דודע׳ס שאַפּ

שולדיק האָט געמוזט זיין אַבעליע׳ס פּאַרשטאַפּטער קאָפּ. אַנ־דערש — וואָלט ער זיך ניט לאָזן מאַכן אַזוי צום נאַר פון זיין נבזה׳דיקן באַלעבעסל — „מיסטער" דודע. איבערן שאַפּ פלעגט דודע אַרומקריכן שטיל ווי אַ קאַטינקע און זיין באַוואַק־סענעם אָנגעכמורעטן פּנים, ווי ער וואָלט באַוויינען דעם יונגן טויט פון זיין פאַרלאָזענעם, פאַרשטויבטן „פלענטל".

דעם כעם פלעגט ער אויסלאָזן צו זיינע עטלעכע אַרבעטער, ווען זיי פלעגן קומען אויפמאַכן דאָס ביסל אַרבעט: אַמאָל אַ טאָג אָדער צוויי אין דער וואָך.

אַ מאָדנע טבע האָבן זיינע אַרבעטער גְעהאַט: גלייך באַם אַריינ־קומען צו דער אַרבעט פלעגן זיי זיך אַ כאַפּ טאָן באַ די קעשענעס, אַרויסשלעפּן פון דאָרטן צוזאַמענגעלייגטע בלויע פּאַפּירלעך און דערלאַנגען צום באַלעבאָס.

ס׳פלעגט זיך דעמאָלט אָפּשפּילן די ערשטע סצענע:

דזשאָו, דער שאַפּ־טשערמאַן, אַ קורצער, אַ גרוילעכער מיט אַ דרייסטן פּנים, פלעגט ריידן דער ערשטער אין אַ חוזק׳דיקן טאָן:

— דודע, אייער פּאַפּירל פון לעצטער וואָך האָט ווידער גע־קראָגן פּיס...

— מיינע אויך! — האָט אונטערגעכאַפּט דער איטאַליענישער ריטשי, באַגלייט מיט אַן איטאַליענישן „מי שברד".

— נאַט אייך מיינעם! — פלעגט הכנעה׳דיק צוטראָגן חיים דער פּרעסער און זיך אַ גלעט טאָן די באָרד.

— מיינע צוויי פון ביידע וואָכן! — פלעגט אַבעליע, אַ יונג ווי אַ דראַנג, מיט אַן אויסגעצויגענעם נאַרישן פּנים, דערלאַנגען דאָס „פאַרבייסן".

דודע מיט די בלויע פּאַפּירלעך אין האַנט פלעגט בלייבן שטיין, כלומרשט פאַרוואונדערט, דרייען מיטן שטעכיקן פּנים און סמאָקען מיטן צונג:

— צא... צא... אזוי...

געזאגט האט ער אבער:

— העי, חברה, וואס שטייט איר? איר וועט אויפמאכן דאס ביסל ארבעט, כ׳על באצאלן צוזאמען. זעצט אייך אוועק!

גאר דעם ריכטיקן כעם פלעגט דודע קריגן, ווען די ארבעט איז פארטיק געווארן און זיינע עטלעכע ארבעטער פלעגן זיך אוועקשטעלן ווארטן.

ס׳פלעגט זיך דעמאלט אפשפילן א צווייטע סצענע:

— וואס ווארט איר? — פלעגט דודע ווי א "נעכטיקער" פרעגן.

— געלט! — האבן אלע געענטפערט.

— אה... טאקע, טאקע... שיר פארגעסן. אי, סארא קאפ!

ער פלעגט זיך נעמען צום טשעקבוך.

— מיר ווילן מזומן! — דערקלערט איין קורצן דזשא.

דודע מאכט פאוואליע צו דעם טשעק־בוך. מיטביידע הענט איז די הויזן־קעשענעס שטעלט ער זיך אוועק מעשה באס, און רעדט ווי א באליידיקטער:

— וואס איז דאס פאר א נייעס? וואסי?...

— מיר האבן זיי ניט וואו צו בייטן! — ענטפערט דזשא גאנץ פעסט

— וועט איר קומען אין א וואך ארום, וועט זיין מזומן, אויב ס׳פאסט אייך ניט צו נעמען מיינע טשעקס!

— הערט, מיסטער דודע, — שפרינגט צו ריטשי אויג אויף אויג — אויב איר גיט אונז ניט איצט די מזומן, קומען מיר ניט מער צו דער ארבעט!

— איז ניט! — דרייט דער באלעבאס מיטן קאפ. — בענקלעך זיינען דא אין שאפ? ווער ס׳זאל זיצן אויף זיי וועט מען קריגן! אבי געזונט...

— כ׳וויל זען ווער ס׳וועט אהער ארויפגיין! — קריטשעט ריטשי מיט די ציין.

דזשא, דער שאפ־טשערמאן, ווארנט ווידער:

— וואס איר וועט טאן, איז אייער זאך, אבער איצט מוזן

מיר האָבן געלט, מזומן... מיר גייען ניט אוועק!

דער באַלעבאָס האָט פאַרשטאַנען, אַז די חברה מיינען „גע־שעפט", האָט ער זיך גענומען קראַצן באַ די קעשענעס, אַרויסגעשלעפּט גרינע פּאַפּירלעך און געדערט שוין ווי אַ פּילאַנטראָפּ:

— כ'זע דאָך, אַז איר דאַרפט טאַקע האָבן. כ'האָב גראָד באַ זיך אַ ביסל געלט, נאָט אייך און צעטיילט זיך...

ווען זיי זיינען אוועק, פלעגט אַבעליע אויסציען זיין לעקע־שעוואַטן פּנים. ער פלעגט עפּענען דאָס מויל, און ווי דורך אַ נס אָנפאַנגען ריידן:

— מיר קומט אַזוי פיל געלט, כ'מוז האָבן!

דודע פלעגט זיך צעלאַכן:

— איצט בעט ער געלט! ס'האָט ניט געזען, ווי כ'האָב זיי אַלץ אוועקגעגעבן? פאָלג מיר, נעם אַ טשעק!...

:: :: ::

דודע האָט אַריינגעקראָגן אויף צוויי וואָכן אַרבעט. ער האָט אָפּ־גערופן אין דער יוניאָן: זאָלן זיי אים גלייך אַרויסשיקן אַ נייעם בעל־מלאכה.

ס'איז געקומען פישער, אַ דרייסיק־יאָריקער ענערגישער אַרבע־טער, וואָס וואָלגערט זיך שטענדיק אַרום אין אַזעלכע שעפּער.

אַ מזל אַזאַ!...

חברה האָט זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט: קיין עלעקטריק האָט דער באַלעבאָס ניט געקאַרגט; שעה'ען — וויפיל זיי האָבן געקאָנט...

דודע, מיטן שוואַרצן שטעכיקן פּנים, די ברוסט צעבראַסטעט, דער שניפּס פאַררוקט אין אַ זייט, די העמד אַרויסגערוקט פון הינטן, איז אַרומגעלאָפן אַ צעפּאַרעטער, ווי ער זאָל נאָר־וואָס אַרונטער פון דער „אויבערשטער באַנק". דאָ איז ער צוגעלאָפן צום נייעם בעל־מלאכה, אַ נעם געטאָן זיין אַרבעט מעשה־מבין, אַ זאָג געטאָן אין אַ פּעוונעם טאָן:

— איר דאַרפט אַביסל אָנציען דאָ... וועט אויסקומען גלייך...

אָפּגעזאָגט די מבינות, איז ער צוגעלאָפן צו אַבעליען:

— וואָס איז דאָס, אַבעליע? זע נאָר אַ שטאָך! אַ חזיר קאָן

דאד דורכקריכן דורך אים!

ס׳דערהערט זיך א געשריי פון דזשא׳ן:

— העי, דודע! דערלאנג ברוינע „סילק״!

די טיר האט זיך אינגאנצן צעעפנט. ס׳איז אריינגעקומען די איטאליענישע „פינישערן״ מיט א בארג ארבעט אויפן אקסל. פאוואליע איז זי צוגעקראכן צו דודען, שטופנדיק מיט איר האנט איר ביכעלע צו זיין פנים, האט זי אויסגעזונגען איר גאנצע אידישע דיקשינערי:

— באס! דא... פארשרייב!

דודע פרעגט:

— האסטו אלע געבראכט צוריק?

— יעס, באס — שפארנדיק אלץ נעענטער דעם ביכל.

— איך דארף ברוינע „סילק״ — דערהערט זיך העכער דזשאוס קול.

— מיר קענווע! — שרייט אבעליע, אז מ׳קען טויב ווערן.

די איטאליענערקע מיטן פאק ארבעט אויף איר אקסל ווערט ווי אנגעצונדן:

— באס! פארשרייב, קום...

ס׳קלינגט דער טעלעפאן. דודע לאזט אלץ איבער און לויפט צום טעלעפאן:

— העלא! ווער רעטאס?

—בארעט בראוקער האוז. איז דאס מיסטער דודע?

— יעס סער! — ציטערט ער דערביי מיט אלע זיינע אברים.

— מיסטער דודע — שלעכטע נייעס! אייערע „שערס״ זיינען ארונטער 10 „פאינטס״. איר וועט מוזן צוטראגן 800 דאלער. איר האט צייט ביז מארגן 10 אזייגער אינדערפרי!

— וואס רעדט איר, מיסטער בארעט? וואו זאל איך נעמען 800 דאלער אין אזא קורצער צייט?

— אויב איר וועט ניט צוטראגן, וועלן מיר זיין געצוואונגען עס צו פארקויפן... אלזא, געדענקט! מארגן 10 אזייגער אינדערפרי!

— מיסטער בארעט!... העלא! העלא...

דודע האט מיט א קנאק אויפגעהאנגען די טרובקע. מיט די הענט

אויף הינטן, די קאָפּ אַרונטערגעלאָזט, האָט ער גענומען שפּרייזן איבערן שאָפּ.

די איטאַליענערקע, נאָך מיטן פּאַק אַרבעט אויף איר אַקסל, האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג. זי האָט זיך איצט צעזונגען אין איר ענגליש:

— באָם קאַפּיש, קאַפּיש! יו קענט גאָ, סי פּוירסט מאַי בוק — סאָם ביזנעס...

דודע האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ, איר מאָדנע אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט ניט פאַרשטאַנען, וואָס זי וויל פון אים. ער האָט זיך געטאָן אַ כאַפּ ווי פון שלאָף און מעכאַניש גענומען ציילן די אַרבעט פון איר אַקסל:

— איינס, צוויי, דריי... הממ! וואו?...

נאָך אַמאָל פון אָנהויב:

— איינס, צוויי, דריי...

— דודע! — שלאָגט אים איבער דזשאָוס שטאַרקער קול, — וואו איז די ברוינע פּאַדים?

— קענווע אָהער! — ברומט אונטער אַכעליע.

— דודע, דודע! — רייסט זיך דורך ווי אַ דונער ריטשים טענאָר־שטימע — די מאַשין האָט זיך צעבראָכן — אַ ה ע ר ! . . .

:: :: ::

די אַרבעט איז געלעגן אויפגעמאַכט. קיין פרישע איז ניט אַריינגעקומען. דודעס עטלעכע אַרבעטער זיינען געשטאַנען אַרום פּרעסער־טיש און געוואַרט אויף שכירות. דזשאָו איז צוגעגאַנגען פרעגן:

— מיסטער דודע, ווי לאַנג וועט איר אונז לאָזן וואַרטן?

דודע, וואָס האָט זיך געפּאָרעט באַם שנייד־טיש, האָט אים געענט־פערט ווי דורך די ציין:

— איר ווילט אודאי געלט? כ'וועל נאָר אַריינשיקן די אַרבעט צום מאַנופעקטשורער, וועט איר קריגן אויסגעצאָלט ביז אַ סענט...

— ווען־זשע דענקט איר עס אַריינצושיקן? — האָט דזשאָו גע־פרעגט איין אַן אַפּלאַכנדיקן טאָן.

— כ'קען אייך ניט זאָגן באַשטימט!

— וועט איר אזוי גוט זיין און גלייך באצאלן!

— כ׳האב איצט ניט קיין געלט! כ׳אנטלויף ניט! — האט זיך דודע צעשריען.

אויף זיינע קולות זיינען אונטערגעקומען די איבעריקע עטלעכע ארבעטער.

דודע האט זיך העכער צעשריען:

— ס׳געהערט אזא... באפאלט מיך ווי א גזלן — גיב אים שוין געלט! קיין קאפ סאוויעסט האט עס ניט אין זיך. וואסי, — כ׳בין עפעם פון היינט א באלעבאס?

— וואס טויגן מיר די אלע רייד? — האט זיך אריינגעמישט פי־שער, דער נייער ארבעטער. — איך האב געארבעט צוויי וואכן. וויל איך מיינע שכירות. דודע, זייט אזוי פריינטלעך און באצאלט!

— נא דיר א נייעם יחסן! — האט אים דודע אנגעקוקט פון קאפ ביז די פים.— וואס ווילט איר, מיסטער? איר האט ערשט איצט אפגע־ארבעט — שוין?.. איר וועט קומען אין א וואך ארום, וועט איר קריגן אייערע שכירות!

פישער האט אים באטראכט מיט חוזק:

— זאגט נאר, „מיסטער" דודע, אין וועלכן ספר־פראלניק שטייט עס, אז איך בין מחויב צוווארטן א וואך? איר האט ניט געטראפן דעם ארט, דודע! איר וועט באצאלן באלד, און ניט מיר אליין!...

דודע האט אים נאכאמאל באטראכט פון אויבן ביז ארונטער, ווי ער וואלט אים אלע ניט געזען. מיטאמאל האט ער געקראגן אן אנדער לשון:

— וויפיל קומט אייך, מיסטער?

— 60 דאלער!

— איר קריגט א טשעק און גייט.

— כ׳האב דא ניט געטאן קיין מסחר. כ׳האב געארבעט! און כ׳וויל זיך ניט ארומטראגן מיט אייערע לוזיקע טשעקס, ווי אבעליע און די איבעריקע! — האט אים פישער פעסט דערקלערט.

— נו? אויב איר זייט אזא פויגל, קען איך שוין גארנישט העלפן. — האט זיך דודע באליידיקט און פארמאכט דעם טשעק־בוך.

— איר׳ט בעסער ווערן! — ווארנט אים פישער. — איר׳ט באלד זען, ווי מיר׳ן אלע קריגן באצאלט...

ער האָט זיך געווענדעט צו די אַרבעטער:

— קומט מיט מיר!

ניט־קריגנדיק פון זיי קיין ענטפער, האָט ער גענומען דזשאָוען מיט רימשין אונטער די אָרעמס, חיים און אבעליע זיינען נאָכגעגאַנגען פון הינטן, ער האָט זיי צוגעפירט צום פּרעסער טיש וואו עס ליגט די פאַרטיקע אַרבעט.

ער האָט אַרויסגענומען אַ בלייפעדער, אויסגעריסן אַ בלעטל פון זיין ביכעלע, ער האָט אונטערגעלייגט אונטן אַ צייטונג און געפרעגט:

— וויפיל קומט אייך דזשאָו? זאָגט!

— מיר קומט 70 דאָלער.

— וויפיל קומט רימשין?

— וואָס איז אייערע חזיר'שע „ביזנעס” וויפיל זיי קומט? — איז צוגעשפּרונגען דודע ווי אַ טיגער — ווער איז דאָ דער באַלעבאָס? דו... אויסוו...

פישער האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ פון פּרעסער טיש, און דער־קלערט דודען אין איינגעהאַלטענעם טאָן:

— כ'פאַרשטיי אייער איצטיקן אַבזיכט, אָבער... זייט אַלע דער־ביי פאַר עדות, מיר קומט פאַר מיין אַרבעט 60 דאָלער, וועל איך נע־מען 60 שטיקלעך אַרבעט, איך וועל נעמען דער ערשטער! דזשאָו ציילט אָפּ!

דזשאָו האָט ניט געטראַכט, און גענומען ציילן:

— איינס, צוויי...

דודעס האָר האָבן זיך פאַר שרעק אויפגעשטעלט ווי אַ באַרשט. יעדער קלאַנג האָט אים ווי אַ שפּיז געלעכערט דעם מח; ער האָט זיך ווי אַ וואַנט אַוועקגעשטעלט צווישן זיי, רייסנדיק די אַרבעט פון פישערס אָרעם און דערביי געכריפּעט:

— גזלנים! כ'על מאַכן אַ גוואַלד! מיר באַפאַלן! כ'על רופן פּאָליציי! כ'על...

דזשאָו האָט זיך דערשראָקן, ער האָט גענומען מאַכן מיט די הענט:

— הערט! איך ג'יי אַפּרופן אין דער יוניע, זאָלן זיי קומען און טאָן וואָס זיי ווילן!

— איר קענט אפילו אפרופן דעם ריבונו־של־עולם! און איר קענט אים אויך אוועקשענקען אייערע שכירות, איך גיי פונדאנען ניט אוועק אן 60 דאלער מזומן — האט פישער זיי ארייגעזאגט. נאכדעם האט ער אויסגערופן:

— איך צייל אליין!

— איינס, צוויי, דריי, פיר...

דודע האט זיך אוועקגעריסן צום טעלעפאן:

דזשאו איז אים נאכגעלאפן, פרעגנדיק:

— וועמען ווילט איר אפרופן?

— פאליציי!

— מאכט זיך ניט נאריש! — האט דזשאו, איינהאלטנדיק אים די הענט, געווארנט — וואס דענקט איר? די פאליציי וועט אונז אויס־צאלן די שכירות?

— ס'ארט מיך ניט וואס ס'זאל געשען! — האט ער אזן אזוי אטעם נעבאלבעט — כ'וועל...

— הערט אויף צו באלבען! איר מוזט אונז באצאלן! פאלגט מיר, קריגט ערגעץ מזומן.

א רגע האט אויסגעזען אז דודע באטראכט דעם פלאן. אבער מיטאמאל האט ער זיך געטאן א ריס פון דזשאוס הענט און זיך צע־שריען מיט אלע כחות:

— וואס מיינט איר? ס'איז פאר א גראשן א ביינגל? וואו זאל איך עס קריגן אין דער מינוט אזוי פיל געלט? און פאר וואס זאל איך עס טאן? וואס? איך אנט...

דזשאו האט אים ניט געלאזט פארענדיקן:

— שרייט ניט אזוי גרויסער באלעבאס! איר זעט דארטן?... ער האט שוין אפגעציילט 60 שטיק! וואס מיינט איר וועלן מיר טאן? איר האט איצט איין ברירה: לאזט מיר אפרופן דעם מאניופעקטשורער ער זאל גלייך קומען אהער מיט 400 דאלער מזומן! — באשטייט איר צי ניין? — ענטפערט!

דודע האט זיך א כאפ געטאן מיט ביידע הענט באם קאפ:

— דעם מאניופעקטשורער? איר ווילט רופן אהער בלאקן? איר ווילט מיר פארשפ... — ער האט זיך גלייך געכאפט — ער וועט אך

מער מיר ניט שיקן קיין ארבעט?...

— וועט זיין אן אנדער באַלעבאַס וואָס וועט צאָלן שכירות! א זאָרג...

— אַלזאָ?...

דודע האָט זיך צעיאָמערט, ער האָט אויסגעשטרעקט זיין צע־ראַסטשעטן האַלז און זיך פארכלינעט:

— נאַט קוילעט מיר! טוט וואָס איר ווילט... כ'זע דאָך וואו איך בין אריינגעפאַלן! כ'זע דאָך...

:: :: ::

אין א שעה ארום איז אין דודעס שאַפּ אריינגעקומען דער מאַניו־פעקטשורער בלאַק, א הויכער ריין געראַזירטער מאַן פון א יאָר פער־ציק. געקומען איז ער צוזאַמען מיטן יוניאָן־באַאַמטן, ברודער בייגל־מאַן, א קרעפּטיקער יונגערמאַן. זיי זיינען צוגעקומען צו די ארבעטער וואָס זיינען געשטאַנען ווי אבלים לעבן פּרעסער־טיש.

— הער נאָר דו: ס'איז אמת, אז דו האָסט ניט אויסצוצאָלן די שכירות?

דודע איז געשטאַנען מיטן פּלייצע צוגעשפּאַרט צום עקזאַמען־טיש, זיינע הענט פארלייגט איבערן האַרצן, די קאָפּ ארונטערגעלאָזט צו זיין האַריקע ברוסט און געשוויגן.

— דודע?...

ער האָט זיך אויפגעהויבן, דורכגעשפּאַצירט איבערן שאַפּ, צוריק זיך אָפּגעשטעלט לעבן דודען און אים באַפוילן:

— דודע! זאָלסט מיר היינט אריינשיקן די ארבעט, דו הערסט וואָס איך רייד?

— און אונזערע שכירות? — שפּאַרט אריין א פראַגע דזשאָו.

— ניט געזאָרגט וועגן די שכירות — ענטפערט פארן מאַניופעק־טשורער דער יוניע־באַאַמטער — אייערע שכירות זיינען קוראַנט.

— קוראַנט איז בא מיר אין קעשענע! — מישט זיך אריין פי־שער — איך וויל טאָקע פרעגן: מיסטער בלאַק, ווען קריגן מיר די מזומן?

— מאַנט בא אייער באַלעבאָס, איך קען אייך ניט! — ענטפערט בלאַק מיט רוגזה און נעמט שפּרייזן איבערן שאַפּ.

— איר וועט אונז שוין קענען! — צעשרייט זיך פישער — איר וועט ניט ארויסקריגן פון שאפ קיין איין שטיקל ארבעט!

בלאק האט זיך אויסגעדרייט מיטן קאפ פאראויס, זיינע אויגן אנגעשפיצט אויף פישערן, איז ער צוגעלאפן און געבליבן שטיין:

— וואס האט איר געזאגט? וואס? זאגט עס נאך אמאל.

— מיר ווילן האבן אונזערע שכירות, אויב ניט פארהאלטן מיר די ארבעט! — האט אים פישער געלאסן דערקלערט.

— ס׳הייסט איר ווילט מיר צווינגען — מיט געוואלד? א שיינע געשיכטע!

— הערט! — איז געווארן אומגעדולדיק דער יוניאן־באאמטער — מיר דארפן זיך פירן ווי יוניע־לייט. — זאל דודע אריינשיקן צו בלאקן די ארבעט; ווענן אייערע שכירות — לאזט עס איבער צו דער יוניע.

— ווער, וויים, ווען?.. — רעדט דזשאו, צייל׳נדיק די ווערטער — און מיר גייען אוים פאר א סענט.

— אבער ס׳איז דאך ניט מיסטער בלאקס שולד? איר זעטאך, וואס דא טוט זיך, — פרוּאווט מיט זיי איינ׳טענה׳ען דער יוניע־באַאמטער.

— זאלן מיר באטש קריגן עפעס געלט? איר פארשטייט ברודער בייגלמאן, ס׳איז דאך פשוט ניט קיין יושר! — צעווארפט זיך מיט די הענט חיים דער פרעסער.

— איר זוכט אלץ יושר? — פילאזאפירט שוין איצט דער ברו־דער בייגלמאן און שאקלט מיט דעם קאפ.

:: :: ::

אין שאפ איז געווארן שטיל. בלאק האט געשפרייזט ארום די ווענט, ער האט באטראכט ווי א סוחר דעם פלענטל... די צעזשאווערטע מאשינען־שמאטעס!... ער האט זיך אפגעשטעלט באם פרעסער־טיש, און אויסגערופן:

— העי, דודע, דערלאנג דעם בוך!

נערוועז האט ער ארויסגעכאפט זיין פען און געפרעגט:

— וויפיל קומט אייך אלעמען, זאגט, איינס בא איינס.

— מיר קומט 70 דאלער! — ענטפערט דזשאו.

— מיר 50! — האָט ריטשי באַמערקט.

— און מיר קומט 60 דאָלער! — האָט פישער מיט נצחון אַרויס־גערעדט.

— און וויפיל קומט איך? — פרעגט ער חיים'ען דעם פרעסער.

— 40 דאָלער.

— און דעם יונגנמאַן? — אָנווייזנדיק מיטן פינגער אויף אבעליען, וואָס איז געשטאַנען און געהיט די אַרבעט.

— פאַר דער אַרבעט די לעצטע וואָכן קומט מיר 50 דאָלער, — אָבער...

— וואָס אָבער? קומט אָהער און רעדט גאַנצע ווערטער! — איז געוואָרן אומגעדולדיק דער מאַניופעקטשורער.

אבעליע האָט זיך געגראַבלט אין קעשענע. ער האָט אַרויסגע־שלעפּט פון דאָרט דודעס דריי פּראָטעסטירטע טשעקס... בלאַק האָט עס גענומען אין די הענט, באַטראַכט דעם דאַטום און האָט צוזאַמענגע־רעכנט די סומע פון 91 דאָלער.

— איך בין ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די טשעקס פון חדשים צוריק! — ער האָט עס אַ שליידער געטאָן אויפן טיש. אבעליע איז געוואָרן בלייך, זיין לאַנגער פּנים האָט זיך נאָך מער צעצויגן. ער האָט קוים אַרויסגעפּרעפּלט:

— ער, דודע, פּלעגט מיר פאַר ווײַדזשעס פּאַשען מיט זיינע טשעקס. וואָד־איין, וואָד־אויס זיינען זיי געקומען צוריק. ער האָט מיר פאַר דעם געגעבן — נייע פּאַפּירלעך... איר ווייסט? איך בין אַזאַ מענטש... איצט וויל איך מיין געלט ווי אַלע!

— איר האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו האַלטן אַזוי לאַנג די טשעקס באַ זיך, — האָט דער פאַרטרעטער געזאָגט.

דער מאַניופעקטשורער האָט אַ וואָרף געטאָן די טשעקס און גע־זאָגט:

— איך אַנערקען עס ניט און פאַרטיק!

דזשאָו איז אויפגעשפּרונגען:

— איך בין דאָ דער שאַפּ־טשערמאַן. איך וועל ניט דערלאָזן קיין אויסגלייך, אויב ס'וועט ניט באַצאָלט ווערן פאַר די דריי טשעקס!

דער מאַניופעקטשורער האָט געצופּט זיינע נעגל. פון נערוועז־

קיימ מיט זיי געקלאפט אין זיינע אונטערשטע ציין. ער האט ענדלעך ארויסגענומען א פעקל געלט, א קוק געטאן אויפן דודען און אויסגע־שריען מיט כעס:

— ס׳איז אייער טרפה׳נער גליק, דודע, וואס כ׳דארף די ארבעט.. ווארט!..

אבעליעס פנים האט אויפגעבליצט. ער האט פארקנייטשט זיין שטערן. אין קאפ בא אים האט עפעס דארטן שווער געארבעט...

אין געראַנגל

בעבריק האָט אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ פון דער נײַ־מאַשין, אויס־געבליאַסקעט די אויגן צום שאָפּ־זייגער, וואָס איז געהאַנגען איבער אים אויפן וואַנט, אַ טרייסל געטאָן מיט די ברייטע אַקסלען און באַלד אַרײַ־בערגעוואָרפן אַ פּיין שמייכעלע איבערן פּלענט צו זײַן אַנטקעגנדיקן שכן פּירוטשקע, אַ נפש'ל דאַר ווי אַ סטינקע. מיט דעם פּײַנעם שמײַ־כעלע האָט בעבריק אַ זאָג געטאָן צו פּירוטשקען:

— מיר'ן אײַנפּאַקן, פּירוטשקע, שוין באַלד אַכט — הע...

פּירוטשקע האָט זיך ניט פאַרגונען אַפילו אויפהויבן דעם קאָפּ. אין געאײַל האָט ער אַרויסגעשפּיגן עטלעכע ווערטער:

— אָט, בעבריק, נאָך אַ פּאָר קעשענעס כ'פיניש, ס'באַנדל — שוין...

פּירוטשקעס שכן, דער געזעס־צוזאַמענניייער, האָט בעת מעשה זיך אָנגעבלאָזן אַ פּאָר באַקן, ווי צוויי שבת'דיקע בולקעס, אויסגעשטעלט קעגן אים די קליינע צעשראָקענע אויגן און זיך געבעטן:

— בעבריק, פּיינעלע, האָב רחמנות, נאָך אַ מינוטקעלע. כ'מוז פינישן — כ'מוז...

דער באַלעבאָס, מיסטער מעק איז געשטאַנען הינטער זיי מיט אַ ציגאַר צווישן די ציין. די הענט פאַרוקט טיף אין די הויזן־קעשענעס. ער האָט אַ פּינטל געטאָן מיט אַן אויג צום לאַנדסמאַן בעבריקן:

— יוניע, אַ בראָד צו דײַן קאָפּ! פאַר די סקעבאַטשעס — אַ יוניע — כאַ־כאַ־כאַ...

דאָס הירזשען פון דעם באַלעבאָס האָט אָפּגעהילכט איבערן שאָפּ: די אַרבעטער, שמייכלענדיק פון באַלעבאָס' חכמה, האָבן זיך גענומען אַנטאָן; די לעמפּלעך איבערן פּלענט האָבן זיך אָנגעהויבן אויסלעשן.

שמואל דער אונטערפּרעסער, אַ זיבעציק־יאָריקער זקן, האָט אָנ־געהויבן צאַפּלען מיט זײַנע אויסגעטריקנטע הענט, זיך געשאָקלט איבערן פּרעס־טיש און געקוקט בייז אויף די באַלמעלאָכעס, וואָס פאַר־

לאָזן שוין דעם שאַפֿ. נאָר דערזעענדיק בעבריק׳ן באַ דער טיר, האָט ער אויסגעצויגן צו אים דעם צעפּאָלדעוועטן פּנים און געשמייכלט אין באָרד אריין:

— א ציגאַרעטל, בעבריק, ס׳טמיר לאָזן א ציגאַרע, הע־הע...

:: :: ::

א יעסענדיקער רעגן האָט זיך געריסן דורך דעם ברעקל אָפענעם פענסטער אריין. אין שאַפֿ האָט א נודנע וואַרימקייט געדושעט: די פּאַרע פון די פּרעס־מאַשינען האָט זיך כסדר געשפּאַרט צו דער סטעליע אַרויף, געפּאַרעט דאָרטן דעם קרעציקן בלעך און זיך צעפאַלן איבערן שאַפּ־חלל.

באַ דער טיר האָט זיך באַוויזן דער באַלעבאָס. געקומען איז ער אַצינד פון זיין מאַנופעקטשורער, מיטגעבראַכט פון דאָרטן אונטערן אָרעם עטלעכע „ספּעשלס”. א פאַרהאַוועטער, ווי מיט דעם דאָזיקן טאָג פאַרענדיקט זיך די וועלט, האָט ער גיך צוגעשפּרייזט צום עק־זאַמען־טיש. מיט זיינע שאַרפע אויגן דורכגעדרונגען דאָס בערגל געפּרעסטע אַרבעט און א בורטשע געטאָן צו דער עקזאַמינערן:

— וועסט שוין היינט ניט אַרויסקריכן, דינקע, האָסט פאַרגעסן: ס׳איז פּרייטיק!

דינקעס הענט האָבן א ציטער געטאָן. זי האָט פאַרביסן די אונ־טערשטע ליפּ און געשוויגן.

— די „לאָטס” מוזן היינט געשיקט ווערן איז וועד־הויז, דו הערסט, דינקע! — האָט דער באַלעבאָס שוין א צערייצטער פון איר שווייגן ווידער אָנגעהויבן.

דינקע האָט אָפּגעשטעלט די אַרבעט, די ווייס אַרונטערגעלאָזט. קוקנדיק מיט האַלב־אָפענע אויגן פון דער זייט, האָט זי רואיק א פרעג געטאָן:

— איז וואָס?

— פון מאָנטיק אָן אַרבעטסטו באַ מיר פון שטיק — האָט דער באַלעבאָס זיך א צאַפּל געטאָן.

— איז א בראָך נאָכן קאָפּ! — האָט דינקע אים אויסגעלאַכט.

דער באַלעבאָס האָט א דריי געטאָן מיט די אויגן, ווי ער וואָלט באַ דינקען עפּעס געזוכט. ער האָט וואָוויליונגעריש זי א נעם געטאָן פאַרן

ווייכן אָרעם און אַ קניפּ געטאָן.

— הערט אויף אייערע שטיק! — האָט דינקע זיך אַזש אַ טרייסל געטאָן.

— נו, איז ניט! — האָט דער באַלעבאָס געפּרואווט זי איינשטילן און באַלד נאָכדעם געוויזן איר עפּעס מיט דער האַנט און געריעדט אַ צופרידענער:

— זע נאָר, דינקעלע, זע נאָר, אין ווינקל דאָרטן, ווי מיין לאַנדסמאַן מיט פּירוטשקען פירן אַ „פּייט" פאַר אַ באַנדל... אַ רעגעלער טעאַטער, ווי איך בין אַ איד! אַ־האַ, זע נאָר ווי מיין לאַנדסמאַן שטייט שוין מיט אַ נאַקעטן אָרעם... פּירוטשקע! גיב אים! גיב אים! אַזוי, כאַ־כאַ־כאַ, ער איז „אָ־קעי", ווי דו זעסט מיך — — —

דער טעלעפאָן האָט אָנגעהויבן קלינגען.

דער באַלעבאָס האָט אָנגעהויבן שפּאַנען אין אָפּיס אַריין. אין נעאייל האָט ער פאַרגעסן צו פאַרמאַכן די אָפּיס־טיר. געהערט האָט מען אין שאָפּ, ווי ער ענטפערט עטלעכע מאָל ווי אויף אַ באַפעל:

— אָ־קעי, טשיף.

— עוורייטינג איז אָקעי!

— ביי־ביי טשיף!

ער האָט נאָכדעם פאַררויכערט אַ ציגאַר, מיסטער מעק, פאַררייסן דעם קאָפּ און צוגעשפּאַנט צום פּרעסער, אַ נעם געטאָן דאָרטן אַ גע־פּרעסטע שטיקל אַרבעט, ס'גליך צוריק אוועקגעלייגט, אַ צי געטאָן דעם ציגאַר און גערעדט ווי אַ באַלעבאָס:

— דראַניעץ, גייסט היינט ניט אַהיים, אָפּגעפּרעסט מוז עס ווערן!

דראַניעץ האָט אָנגעזשמורעט אויף אים די פאַראַיעטע רויטע אויגן און געמאַכט אַ פּנים, ווי ער וואָלט וועלן עפּעס ענטפערן, נאָר דער באַלעבאָס האָט זיך אויסגעדרייט און איז שוין געשטאַנען אַ אָנ־געצונדענער לעבן די איטאַליענישע מיידלעך און געריסן זיך די קעל:

— שאַראַפּ! וואָס פאַר אַ געזאַנג, צום טייוול, פינישט אַרויס, ס'איז פּרייטיק!

באַלד נאָכדעם איז ער אָנגעפאַלן אויפן אַלטן שמואל'ן, וועלכער איז אַ געבוירענער געשטאַנען איבער דעם געזעס־צוזאַמענגייער און אים „געבאַדערט" פאַר אַ ציגאַרעטל. מיט איין מאָל האָט ער זיך אויסגע־

דרייט צום שאַפּ טשערמאַן, גוט ברודעריש אים אַ פּליאַסקע געטאַן מיט אַ לאַפּע איבער דער פּלייצע און געזאָגט צו אים אינדערשטיל:

— נו, מוראַטשניק, ממזר, ווער האָט געזיגט מיט דעם באַנדל? כמאַליעסט דאָך פּולע וואָכן. ס'טבאַלד האָבן באַנדלס, אַז דו וועסט... נאָכאַמאָל אַז מעק שימקע זאָגט דיר עפּעס ,איז געזאָגט! — האָט דער באַלעבאָס אים געטיטלט מיט אַ פינגער צו די אויגן.

— אַה־אַ! — האָט בעבריק אַ ברום געטאָן כדי זיך אָפּצוטשע־פּען פון אים.

— אָבער פאַרשטייסט מיך, מען מוז שמירן... — האָט צוגע־וואונקען מיט אַן אויגל דער באַלעבאָס.

בעבריק האָט אויסגעדרייט צו אים דעם קאָפּ און אים אָנגעקוקט פון אויבן ביז אַראָפּ.

— געוואַלד אידן, איז דאָס אַ... נאָך מיינער אַ לאַנדסמאַן צו די צרות.

— יוניע, אַ בראָך צו דיין קאָפּ! אזא... כאַ־כאַ־כאַ...

:: :: ::

דער רעגן האָט אַלץ מער געוואַשן די שויבן פון די פענסטער.

פון איבער דעם פּלענט האָבן די הענגענדיקע עלעקטרע־לעמפּלעך צוגעוואָרפן אַ מאַטן שיין איבער די ניי־מאַשינען. דער שאַפּ־חלל איז אָבער געבליבן איינגעהילט ווי אין אַ טומאַן: פון די פאַרבאָרגענסטע ווינקלען זיינען שאָטנס געקראָכן און זיך צעלייגט איבער די אומגע־קאָלכטע ווענט־ציגל.

אַט די פינסטערקייט מיט די ברענענדיקע לעמפּלעך פון איבערן פּלענט האָט אויפן אַלטן שמואל'ן געוואָרפן אַ מרה־שחורה: געשטאַנען איז ער איבערן טיש אַ צעשראָקענער, חלילה ניט אַריינפאַלן אין שבת אַריין.

ער איז געקראָכן יעדע עטלעכע מינוט צום שאַפּ־זייגער, ניט גע־וואָלט גלויבן קיינעם, נאָר אַליין איינגעגראָבן זיינע שוואַכע אויגן אין די ווייזערס און ערשט זיך אַליין ניט געגלויבט, אַז דער זייגער איז ניט מער ווי צוויי.

בעבריק, געבויגן מיט די ברייטע פּלייצעס איבער דער מאַשין, האָט געסאָפּעט ווי אַ גאַנז, געטאַפּט יעדע מינוט דעם נאָך ניט פאַר־

ענדיקטן באַנדל, געטאַפּט און געוואָרפן א פינצטערן בליק אויף די ווייר זערם פונעם זייגער, ווי זיי וואָלטן אים שולדיק געווען פאר זייער רוקן זיך צו דער נאַכט צו...

אַנטקעגן אים, פּירוטשקע, האָט מיט א נוירקאָם נאַכגעשוואומענע בעבריק׳ן. אַרויסגעקוקט פון איבערן פּלענט, האָט בלויז א קרישקע קעפּל מיט צעון דאַרע פינגער, און די צען דאַרע פינגער האָבן זיך גע־דרעפּטשעט, געוואָרפן זיך אַרויף און אַראָפּ און זיך ניט פאַרגונען א רגע צו פאַרלירן.

פּירוטשקעס שכן, דער געזעס־צוזאַמענגנייער, האָט ווי צו זיך מיט די ליפּן עפּעס געזעדט און גערעכנט. ער האָט פּלוצים א פרעג געטאָן פּירוטשקען:

— וועסט כאַטש מאַכן די וואָך א צוואַנציקער — הומי?

פּירוטשקעס פּנים האָט זיך פאַרקרימט. ס׳האָט געהייסן: ס׳האָלט ניט דערביי.

— אַלבעטשע בעבריק וועט יאָ האָבן א צוואַנציקער? — האָט נעפּרואווט פאַרשן דער געזעס־צוזאַמענגנייער.

— כ׳וועל פינישן ס׳באַנדל ,וועט זיין אַן אַכטצענער ׳סייז״, — האָט זיך ברייט צעשמייכלט בעבריק.

— און איך וועל קוים האָבן פערצן טאַלער, — האָט אומעטיק באַמערקט איטשקע.

א יונגע איטאַליענישע פרוי, וואָס איז געזעסן בא דער צווייטער מאַשין פון איטשקען און האָט פאַרשטאַנען זייער אידישן געשפּרעך, האָט זיך אָפּגערופן אויף איר אידיש:

— איטשע — קיקט! כ׳נישט מאַכן א צען דאָלער...

— איז מיר וואויל און גוט... א סעזאָן, גע׳הרג׳עט זאָל עס ווערן.

— האָט איטשקע אינדערשטיל אונטערגעבורטשעט.

— זאָלן כאַטש די היינטיקע טשעקלעך ניט האָבן „פּיס״, ווי די פריערדיקע, — האָט אַן אַנדער אַרבעטער געגומען אַן אַנטייל אין דעם געשפּרעך.

— באַיעס! די יוניע־ביכלעך מיט א דאָלער מזומן זאָל זיין גרייט

— האָט בעבריק ווי צוגעשמאַלצן.

— וואָס? היינטיקע וואָך ווידער? —האָבן זיך עטלעכע מיט־

אמאָל א כאַפּ געטאָן.

— גייט מען מיט טענות צו דער יוניע! — האָט בעבריק אונטער־געשמייכלט.

:: :: ::

דער טאָג האָט זיך געקנוילט צו דער נאַכט צו; דאָס בלוילעכע דרויסנדיקע ליכט האָט זיך געטונקלט דורך די אָפּגעצוואָגענע שויבן; די ווייזערס פון שאַפּ־זייגער האָבן אָנגעזאָגט, אז באַלד־באַלד וועט זיין שבת; דער אַלטער שמואל איז שוין געשטאַנען אָנגעטאָנענער און געוואַרט אומגעדולדיק אויפן טשעקל. ארום דעם פּלענט האָט א נערוועזע שטימונג זיך געפילט.

מיסטער מעק איז געווען פאַררוקט בא זיך אין אָפיסל. האָבן די איטאַליענישע מיידלעך געזונגען אצינד אין כאָר. דעם כאָר האָט די־ריגירט ליזא, א זיבעצן־יאָריק מיידל, וואָס האָט דאָ געאַרבעט פון איר פריסטער יוגנט און געפילט זיך דאָ ווי אין אייגענע.

צום פּלענט איז צוגעקומען דער באַלעבאָס, טראַגנדיק אין דער לינקער האַנט די אויסגעשריבענע טשעקלעך. ער האָט זיך אָפּגע־שטעלט לעבן בעבריק'ן, אָבער געזאָגט האָט ער צו אַלעמען:

— הערט זיך איין, חברה, ס'וועט אייך דאָ יעדן פעלן צו צוויי דאָלער. זייט וויסן, די יוניע האָט מיר געהייסן אזוי טאָן, אָפּגעבן פאַר „דיוס"!

אין שאַפּ איז מיטאמאָל שטיל געוואָרן. בעבריק האָט זיך א הויב געטאָן פון זיין מאַשין, געמאַכט א זויערן פּנים און מיט דעם פּנים האָט ער געפרעגט דעם באַלעבאָס:

— די יוניע? געוויס, אָבער מיר קאָנען דאָך אליין... — וואָס?..

דער באַלעבאָס האָט ממזר'יש א דריי געטאָן מיטן קאָפּ, אנגעקוקט דעם לאַנדסמאַן זיינעם, דעם מוראַטשניק, ווי ער שטייט אנטקעגן אים ווי א פאַרלוירענער, און אים האָט עס הנאה געטאָן. און געוואָלט האָט ער אצינד אים עפּעס אזוי א זאָג געטאָן, אז די אַלע ארומיקע זאָלן זיך צעלאַכן. אָבער געזאָגט האָט ער סטאַמעטשנע:

— פון מיינעטוועגן ביזטו גערעכט, בעבריק, אָבער די יוניע האָט מיר היינט אזוי באַפוילן, און ניט נאָר די וואָך, נאָר פון יעדער „פּעי".

— מיסטער מעק האָט דאָס וואָזשע ארויסגעזאָגט.

דער מאָטאָר איז אויפן וואונק פון בעבריקן אָפּגעשטעלט געוואָרן. די איטאַליענישע מיידלעך האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אין אַ באַזונדער־ער גרופּע. גערעדט האָבן זיי גאַנץ הויך אין זייער שפּראַך. די מיידלעך וואָס האָבן ערשט ניט לאַנג געזונגען בײַ די מאַשינען, האָבן אַלע צוזאַמען גערעדט, געליאַרעמט; פייער האָט געשפּריצט פון זייערע מיילער. דער באַלעבאָס האָט אָנגעהויבן אויסטיילן די „פּעי".

דער אַלטער שמואל האָט דער איינציקער אָנגעשטעלט די האַנט. נאָר איין קוק פון בעבריקן און די האַנט האָט זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט. אַ פאַרשעמטער האָט זיך שמואל אַרויסגערוקט דורך דער טיר.

— מיר ווילן די פולע „פּעי". אין דער יוניע וועלן מיר אַליין באַצאָלן — האָבן די אַרבעטער גע'טענה'ט.

דער באַלעבאָס, מיט אַ חוזק שמייכעלע אויפן פּנים האָט ווײַ־טער געפּרוּווט אויסטיילן, נאָר אין דער רגע האָבן זיך אַלע מיידלעך פאַרקליבן מיט אַ פּראָטעסט צום טשערמאַן.

דער באַלעבאָס איז גלייך נאָכגעקומען הינטער זיי, מיט די עלנבויגנס זיך פריי געמאַכט דעם וועג, זיך אויסגעצויגן גלייך ווי אַ גענעראַל און אַ קאָמאַנדע געטאָן צו בעבריקן.

— העי, מוראַטשניק! דו דאַרפסט דאָ מיר העלפן פאַרטרעטן די יוניע. דו הערסט! ביי מיר איז ניט קיין סקעב שאָפּ!

בעבריק איז געשטאַנען קעגן אים, געקוקט אים גלייך אין די אויגן אַריין, דערזען האָט ער פאַר זיך די זעלביקע לאַטבערשע אויגן, מיט וועלכע יענער פלעגט זיך אַרומדרייען בײַ זיי אין שטעטל אויפן מאַרק. מיט די זעלביקע אויגן פלעגט ער, מעק שימקע, גנב'ענען די ליאַניקעס פון די פויערשע וועגענער, אַראָפּציען די טאָרבעס מיט האָבער פון די פערדס קעפּ. דאָ אין אַמעריקע הייסט דער לאַטבער מיסטער מעק און איז אַ באַלעבאָס... אַצינד שווין אויך אַ יוניע־פאַר־טרעטער! ער, מעק שימקע — אַ יוניע־פאַרטרעטער...

פון ווייטיק האָט בעבריק זיך שיער ניט צעלאַכט, געמוזט אויס־דרייען דעם קאָפּ.

זיין בליק איז געפאַלן אויף זיין שכן, דעם געזעס־צוזאַמענניייער, ווי ער שטייט אויסגעדרייט מיטן פּנים צום פענסטער, שטייט דאָרטן און ציטערט אין קדחת, האָט מורא צו פאַרלירן די פערצן טאָלער

פאר לאנגע שעה'ן ארבעט — צו אלדי־קלאגן! לעבן אים, אז איינגע־דרייטער אין ווינקל, דער צווייטער אנטקעגנדיקער שכן — פירוטשקע. ווי דאס איז איינגעקארטשעט אין א ברייטן ראק. ס'גאנצע קעפל אריינגענורעט אונטערן קאלנער אריין. ס'וויל גארנישט זען, גארנישט הערן, ס'וויל ארבעטן, דרעפטשען — טפוי! בעבריק האט נאכאמאל אנגעשפיצט די אויגן צום באלעבאס און מיט די פארביסענע ליפן קוים ארויסגערעדט:

— מע־ק־שי־מ־קע!!!

א פארביסן שמייכעלע האט זיך באוויזן איבערן באלעבאס' פנים. די טשעקלער אין זיין האנט האבן נערוועז א ציטער געטאן. די אונ־טערשטע ליפ האט זיך געקארטשעט טיף אין מויל אריין. געדאכט האט זיך, אז באלד, אין א רגע ארום, וועט דאס דאזיקע מויל זיך ברייט פאנאנדעררייסן און שפינען וועלן פון דארטן קריכן... ער איז געבליבן שטיל, געקוקט בעבריק'ן אין פנים אריין און געשמייכלט...

דעם באלעבאס' גיפטיק שמייכעלע האט בא בעבריקן די בלוטן געצונדן. מיט אן איינגעהאלטענעם כעס האט ער געזאגט צום בא־לעבאס:

— מעק־שימקע! וועסט אונז ניט האלטן באם גארגל! זאלסט שוין באצאלן די פולע „פעי", אויב...

— דאצ־רייט, בעבריק, די פולע „פעי", — איז ליזא אים אונטער־געלאפן מיט איר קלינגענדיקן קול.

— און אויב ניט? וואס וועט איר טאן? זאג, דו גרויסער יחסן. ר' ארעלעם קדיש! — האט ער זיך געווענדט מיט א חוזק שמייכעלע צום לאנדסמאן בעבריק.

— וואס מיר וועלן טאן... — האט בעבריק א פארלוירענער נאכ־געזאגט — אבער די טשעקס נעמען מיר ניט! דו מעק־שימקע, וועסט ניט ווערן אונזער יוניאן־פארזארגער!...

מיסטער מעק האט זיך אויסגעדרייט צום אפיסל. די טשעקלעך האבן נערוועז געטרייסלט זיך מיט דער האנט, און ווארפנדיק דעם לעצטן בליק אויפן לאנדסמאן בעבריק, האט ער צו אים א פינטל גע־טאן מיטן קאפ און מיט א געמאטערטן שמייכעלע געזאגט:

— יוניע, א בראָד צו דיין קאָפּ! א באַנטש סקעבאַטשעס, כאַ־כאַ..

:: :: ::

דער רעגן האָט אויפגעהערט. פון איין זייט האָריזאָנט האָט א שטורעם־ווינט אויפגעריסן, געטריקנט האָט דער ווינט די גענעצטע טראָטוארן. ערגעץ האָט ווער אַן עלעקטריק־קנעפּל א דריק געטאָן, און ווי דורך כישוף איז אין די גאַסן ליכטיק געוואָרן. פון אונטער דעם פאַרכמאַרעטן הימל האָבן שטערן געשימערירט.

שוין איינמאָל אַ סדר...

די עטלעכע פּאַרזיגלטע פלעשער בראַנפן מיטן צובייסן, וואָס איז אַזוי אומשולדיק געשטאַנען אינעם שאַפ־טשערמאַנס ווינקל, האָט בער־קען ניט געלאָזט רוען. דעם יונג האָט דאָס געהויבן פונעם פלאַץ. דער האַלבער טאָג, וואָס דער שאַפ האָט באַדאַרפט אַרבעטן, האָט זיך פאַר אים געצויגן ווי פון פעך.

ס'איז געווען ערב פּסח. נאָך אַ לאַנגן צרה'דיקן סעזאָן, האָט דער שניידער־באַלעבאָס, וואַפּנע, געשענקט זיינע „היישעריקן", ווי ער פלעגט זיי רופן, עטלעכע פלעשער בראַנפן מיט צובייסן; און אָט: זאָלן זיי, די היישעריקן זיינע, אויך וויסן, אַז היינט איז ערב־פּסח אויף דער וועלט...

וואַפּנעס אַרבעטער האָבן צווישן זיך געשמייכלט; געמאַכט באַ־מערקונגען אויף זייער באַלעבאָס' געשאַנק. זיכער וואָלטן זיי דאָס אים מוחל געווען, און ווער, ווער, בערקע וואָלט אוודאי מוחל געווען דעם באַלעבאָס בראַנפן. בערקע האָט אַפילו ליב געהאַט אַ הוליע טאָן, אָבער מיט „נאַש־בראַט" — אַרבעטער. אויב אָבער בערקע האָט פּאַרט נישט געקענט רוען צוליב די עטלעכע פּאַרזיגלטע פלעשער בראַנפן, וואָס זיינען געשטאַנען אינעם שאַפ־טשערמאַנס ווינקל — איז ווייל ס'האָט אים דערמאַנט אין היינטיקן ערשטן סדר.

באַ זיך אינדערהיים האָט בערקע קיין סדר ניט געהאַט. און ווען מ'לאָזט דאָס צו אים, וואָלט ער, ווי אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר, אַוועק מיט „נאַש־בראַט" פונעם שאַפ, טאַקע גלייך, די מינוט, ווען מ'סטאַפּט', גענומען די „פיידע" און אַוועק צום שאַפ־טשערמאַן טאָני אין שטוב אַריין. ער, טאָני, טאָנים ברודערל פּיפּי, און אַבראַמטשע דער קלויזער, זיך דאָרט אַוועקגעזעצט באַם רונדן טיש, געטרונקען אַ גלע־זעלע איינגעמאַכטע וויין, און געריבן אַ פּינאַקל אַז אַ רויך זאָל זיין! אָט אַזוי וואָלט בערקע געסיידערט. איז אָבער בערקען באַשערט צרות:

האָט ער אַ ווייבל בעסי, מיט בעסים עלטערע שוועסטער טעמע, מיט אַ שוואָגער שאַיע.

אַ מאָדנער מענטש איז אָט דער שאַיע, דער שוואָגער זיינער. אַ גאַנץ יאָר קריכט ער ארום אין האַרלעם און האַנדלט מיט די נעגער. ער פאַרקויפט זיי דאָרט ווייבערשע אונטערוועש, זיידענע זאָקן, און פרעסט באַ זיי, און טוט אַלע עבירות אין דער וועלט. אָבער ווי ס'קומט פסח, ווערט דער שוואָגער שאַיע אַ פּאַלנער רבי. ער סטרויעט זיך אויס אין אַ ווייסן קיטל, מיט אַ זיידענער יאַרמולקע אויפן קאָפּ, זיצט אין „העסע־בעט" איבער דער הגדה און פּראַוועט סדרים...

בערקען וואָלט דאָס אסור געאַרט. אָבער די פרומע שוועגערן טעמע איז געגאַנגען ממש אין לעבן, אַז בערקע זאָל זיין באַם סדר. אויב פאַר בערקען איז ווייניק געווען ס'ווייב זיינס, וואָס פּאַלגט און ציטערט אַזוי פאַר איר פרומע שוועסטער טעמע, האָבן זיי נאָך אַ טאַטן אין אמעריקע. בעסי זאָגט, אַז איר טאַטע איז גאָר אַי־אַי־אַי... אַ שיינער איד מיט אַ באָרד. ער, בערקע, האָט איר טאַטן בלויז איין מאָל געזען, אויף זיין חתונה. מער ווי אַ באָרד האָט ער אויף דעם אַלטן ניט געזען. דאַכט זיך אים, אַז ער קען ניט אַ וואָרט עברי... דער אַלטער איז באַלד אַפּגעפאָרן צו דער עלטסטער טאָכטער זיינער קיין באַלטימאָר.

אַ טאָג פאַר ערב פסח, ווען בערקע איז אַהיים געקומען פון שאַפּ, האָט ער גלייך באַם שוועל דערקאָנט אין בעסים נעזל, אַז זי האָט פאַר אים זייער וויכטיקע נייעס, און אַז די דאָזיקע נייעס איז גראַד אַזוינס אויסערגעוויינלעך.

געזאָגט האָט אים בעסי זייער אַ פריינטלעכן העלאָ. אירע ברוינע קאַשטאַנען־האָר, מיט איר גאַנצן פּנים'ל האָט זיך אַזש געוויגט פון באַהאַלטענער פרייד. בערקע האָט געשוויגן און געוואַרט... אָבער ווען בעסי האָט אויך געשוויגן און אַ שווייגנדיקע זיך געזעצט קעגנאיבער אים באַם טיש, האָט דעמאָלט בערקע פאַרשטאַנען, אַז די מעשה וואָס בעסי גרייט זיך דערציילן, וועט אים גאָר ניט זיין אַזוי צום האַרצן.

ווען בערקע האָט שוין געהאַלטן באַם ענדיקן עסן, איז בעסי נאָך אַלץ געזעסן אַ שווייגנדיקע, בעת מעשה נערוועז זיך געשפּילט מיטן

גאַפּל, ס'גערדייט אויף אַלע זייטן. זי האָט ענדלעך אָפּגעהוסט און געזאָגט אין דער שטיל:

— בערקע... ווייסט בערקע, געקראָגן היינט א בריוול פון טאַטן, ער קומט אהער אויף פּסח.

— אהער אין הויז? — האָט בערקע א פאַרציטערטער געפרעגט.

— דער טאַטע קומט נישט צו דיר, שרעק זיך ניט. צו דער שוועסטער טעמע קומט ער.

— טאַ גיי שוין יאָווע דאָס אין סיטי־האָל, זיַי ניט — האָט בערקע אַ לאַך געטאָן.

דער גאָפּל האָט אַ ציטער געטאָן אין בעסים האַנט. זי האָט פּאַמעלעך אויפגעהויבן דעם קאָפּ, געקוקט אים אין די אויגן אריין, און האָט אים דערקלערט:

— בערקע! מיר וועלן מוזן גיין אהין צום ערשטן סדר, צוליבן טאַטן!

— האָסט אַ גוטע קעיס, — האָט בערקע זיך א הויב געטאָן פון טיש.

בעסי האָט אים נאָכגעפאָלגט מיט אירע אויגן. א פּיערל האָט זיך דאָרטן געצונדן. זי האָט פאַרביסן מיט אירע שמאָלע ליפּן און געזאָגט:

— דיינע קאָרטן וועט די כאָליערע נישט כאַפּן, דו...

— שוויַיג! — האָט בערקע זיך אַ שטעל געטאָן אויג אויף אויג— קענסט אהין גיין, איך נישט!

ער איז געשטאַנען קעגן איר אין אויפגעדרייטער פון כעס. די נכּפה האָט אים אזש גענומען, געוואַרט, אז זי זאָל נאָר א זאָג טאָן נאָך א וואָרט, מאכט ער דעם גרעסטן סקאַנדאַל!

בעסי איז געזעסן אַ שטילע, ווי א קאַטינקע און חנ'עוודיק געשמייכלט.

:: :: ::

א קאַלטער ווינט האָט געבלאָזן דורכן האַלב־אָפענעם פענסטער. דער קאַלטער ווינט האָט בערקען געוועקט פונעם שלאָף, געפרעסן זיינע גלידער, פאַרטריבן דעם וויין פון זיין פאַרטשאַדעטן קאָפּ. פּאַמעלעך האָט בערקע געעפנט די אויגן, פאַר א רגע זיך גע'חידוש'ט: וואָס טוט ער דאָ? ווי קומט ער אין א פרעמד בעט? ער האָט זיך

באַלד דערמאָנט, אַז ער געפינט זיך באַם שאַפּ־טשערמאַן טאָני אין שטוב.

פון אַ צווייטן צימער האָט אַ זייגער אויסגעשלאָגן פינף. אַ צו־פרידענער שמייכל האָט זיך געשפּרייט איבער זיין פּנים, וואָס אינגאַנצן איז עס נישט מער פון אַ פּאָר שעה, ווי נאָך עטלעכע טרונק בראַנפן האָט מען גענומען פּיידע, און מיט נאַש־בראַט אוועק צו טאָני'ן אין שטוב אַריין. טאָני האָט גלייך אויסגעצאַפּט פונעם פאַס, דערלאַנגט צום טיש און מער געדענקט ער נים.

בערקע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, זיך דערמאָנט, אַז אינדערפרי האָט אים בעסי געבעטן, ער זאָל קומען פון דער אַרבעט גלייך אַהיים, זי באַ־דאַרף עפּעס איינקויפן אויף יום־טוב. און זי האָט נישט אַ פּעני באַ דער נשמה. ער האָט זיך אַ הויב געטאָן פונעם בעט, אַ טאַפּ געטאָן די פּיידע אין קעשענע, און זיך געלאָזט אַהיים.

די היים זיינע, בערקעס, איז געווען ניט ווייט פון זיין שאַפּ־טשער־מאַן, טאָני. אינגאַנצן אַ פופצן מינוט גאַנג. בערקע האָט געשפּאַנט איבער גאַסן און עוועניוס; אוועקגעשפּאַנט פונעם איטאַליענישן געגנט, וואו אַלץ האָט אויסגעזען וואָכעדיק, ווי אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר. ער איז געקומען צום אידישן געגנט, וואו דער ערב־פּסח איז שוין געשטאַ־נען באַם שוועל, און דער יום־טוב האָט געהאַלטן באַם אָנקומען. דער טאָג האָט שוין געהאַלטן באַם פאַרגיין. קראַמען האָבן זיך צוביסלעך געשלאָסן. אַ קאַלטער ווינט האָט געיאָגט, געטריבן די לעצטע אָרימע קונים פון די קראַמען; געריסן די קליידער פונעם לייב. בערקע האָט זיך געפילט פריש און דערמונטערט. מיט גיכע, זיכערע טריט איז ער אַריין צו זיך אין שטוב.

די טיר פונעם שטוב איז געשטאַנען האַלב־אָפן. בעסין האָט ער נישט געזען. בערקען האָט אַ שפּאַר געטאָן אונטערן לעפעלע. ער האָט זיך געלאָזט גיין אינעם שלאָף־צימער, דאָרט געטראָפן בעסין אַ צונויפ־געדרייטע ליגן אינעם ווינקל פון בעט און זי כליפּעט.

זי האָט אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ און אַרויסגעיאָמערט:

— ביזט שוין דאָ, מלאך המות מיינער! באַלייטן איז יום־טוב, און באַ מיר...

זי האָט מער ניט געקענט רעדן. זי איז זיך ממש פאַרגאַנגען אין

געיאָמער. זי האָט צוריק איינגעגראָבן ס'פּנים אין קישן. א רגע איז בערקע געשטאַנען א געליימטער. ענדלעך האָט ער געפּרואווט עפּעס זאָגן:

— כ־כ־כ'האָב ניט אַן צו פאַרשטיין... וואָס אשטייגער... וואָס האָסטו פאַרלוירן? אָט בין איך כאַד! מיר'ן נאָך אויספּייען אהין צום סדר.

— מיר גייען ניט אהין — האָט בעסי אַרויסגעכליפּעט פון קישן.

— איז נישט, נאַרעלע! דאַרף מען וויינען? — האָט בערקע א טענצל געטאָן.

זי האָט א הויב געטאָן דעם קאָפּ און געדרייט מיט די שמאָלע ליפּן:

— פריי זיך ניט, מיין טייער מאַנדל, פריי זיך ניט אַזוי! ס'וועט דיר אַרויס באַקעם!... אַהער קומען זיי היינט צום סדר... אַהער!...

בערקע האָט זיך א באַפּ געטאָן פאַרן קאָפּ:

— וו־וואָ־אָס? אַהער? וואָס רעדסטו?...

— אָט דאָס, וואָס דו הערסט, מיין טייערער... — האָט בעסי להכעיס'דיק זיך געקרייצט. — היינט אינדערפרי האָט מיין שוועסטער מיך געלאָזט וויסן מיטן קינד, אַז דער טאַטע איז געקומען צופאָרן און ער פאַרלאַנגט נישט אַנדערש, אַז אַלע — מיין שוועסטער'ס משפחה, זאָלן דער מוזינקע זיינער — מיך, אַנטאָן דעם כבוד און קומען צו מיר צום ערשטן סדר. די בשורה האָט מיך געטראָפן ווי א דונער: א פּעני נישט אין שטוב. חמץ אין יעדן ווינקעלע, און דו וועסט ערשט קומען נאָך האַלבן טאָג! וואַרט איך אין צרות. כ'קוק אַרויס דורכן פענצטער, ווי באַ לייטן וויבער שלעפּן גאַנצע פּעק פון מאַרקעט, און איך זיץ אין געהאַקטע צרות — וואַרט און וואַרט. ס'איז שוין האַלבער טאָג, ס'איז שוין שפּעט — ס'איז שוין נאַכט! קראָמען מאַכן זיך שוין צו. ניט קיין פליייש, ניט קיין פיש. גאָרנישט נישטאָ, און דו „באַמסט" אַרום — האָט זי פאַרענדיקט מיט א נייעם געיאָמער.

— אויפגעהויבן פון בעט זאָל ווערן און שוין אויפהערן כליפּען!

— האָט בערקע באַפוילן. — נו, א ריר! א האַנט גיב, אָט אַזוי!

אצינד, בעסי, וואָש אָפּ ס׳פּנים פון די טרערן, און זאָלסט טאָן וואָס איך באַפויל, און אַלץ וועט זיך ענדיקן „אָקעי". צוערשט, בעסי, קלייב צונויף אַלע ברויטן, אַלע חמצ׳ן, און וואַרף עס שוין אַרונטער אין קעלער. צווייטנס, נעם דיינע אַלע געשיר, פּאַרפּאַק זיי אונטן אין אַלמער, דיין פרומע שוועסטער׳ס אויג זאָל דאָס ניט דערזען. דריטנס, שפּרייט אויס אַ ווייסן טישטעך אויפן טיש, צינד אָן ליכט — יום־טוב זאָל זיין! ס׳איבעריקע לאָז איבער צו מיר.

בעסי האָט געצויגן מיט אירע שמאָלע אַקסלען, אים אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם:

— וואָוהין ווילסטו אצינד גיין? די קראָמען זיינען שוין פאַר־מאַכט! נישט קיין פליש, נישט קיין פיש. נישט קיין מצות, ניט קיין וויין. נישטאָ אַ פּסח׳דיקע כלי אין הויז! וואָס וועל איך טאָן?... וואָס וועל איך טאָן!...

— הער אויף צו כליפּען, „פאָר גאָד׳ס סעיק"! ס׳וועט באַלד זיין אין שטוב. ס׳איז נאָך צייט. כ׳וועל פאַרקאַטשען די אַרבל און ס׳וועט זיין „אָקעי"!...

:: :: ::

בערקע האָט אויסגעזען ווי אַ ווילדער. זיינע אויגן האָבן זיך קונציק געקערט אין קאָפּ אַריין, ווען ער איז ראַפּטאָם אַריינגעפאַלן צו זיין שאָפּ־טשערמאַן טאָני אין שטוב אַריין און געפאַלן אים אויפן האַלז:

— ראַטעווע, ברודערקע!... טאָני טייערער, העלף מיר!

טאָני האָט זיך געצאַפּלט פון שרעק:

— וואָס איז געשען, בערקע? „וואַצימעדע"?...

— פרעג נישט, טאָני ברודער! אַן אומגליק, אַ גרויס אומ־גליק האָט מיך געטראָפן...

ער האָט אָפּגעדעכעט און פאַרצווייפלט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט מיט אַ שוואַרצן קול:

— אוי, ברודערקע טייערער... מיין בעסי האָט אצינד זיך דער־וואוסט, אַז איר טאַטע פון באַלטימאָר, אַן „אָלד רעלידזשעס מען מיט ביג וויסקיס", ער מיט מיין וויב׳ס שוועסטער און די גאַנצע פאַמיליע — „רעלידזשיעס פּיפּל", קומען היינט נאַכט צום סדר צו מיר, און איך האָב גאָרנישט אין שטוב. די אידישע קראָמען זיינען

נעשלאָסן — האָט בערקע קונציק פאַרוואָרפן מיט דעם קאָפּ.

בערקע׳ס פאַרצוויפלטע ווערטער, מיט זיין גאַנצן איצטיקן אויסזען, האָט טאַני׳ן ממש צעבראָכן... טרערן זיינען אים געשטאַנען אין די אויגן. מיט ביידע הענט האָט ער ארומגענומען בערקע׳ס ברייטע אַקסלען, אים אַ לייכטן טרייסל געטאָן און ער האָט געזאָגט:

— זאָרג נישט, בערקע. אַלץ וואָס איך קאָן וועל איך טאָן! איך רוף פון „נעקסט דאָר" מיין ברודערל פּיפּי. ביידע וועלן מיר טאָן. זאָג וואָס דו באַדאַרפסט, בערקע!

אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן איבער בערקע׳ס פּנים. ער האָט זיך באַלד געכאַפּט ,קריק אריין אין דער ראָלע, און מיט אַ שטילן קול זיך אָפּגערופן:

— דאָס ערשטע — וויין...

— פאַר ווין זאָלסטו ניט זאָרגן בערקע. אָט שטייט אַ פאַס מיט דרייסיק גאַלאָן וויין. כ׳צאַפּ וויפיל דו הייסט, ברודער...

בערקע האָט געמאַכט אַ קאָמישן פּנים און ער האָט באַמערקט:

— ווען דער „אָלד מען", בעסי׳ס פאָטער, זאָל דאָס וויסן...

— וואָס מיינסטו, בערקע?

— גאָרנישט, טאַני ברודער. די „רעליִדזשעס פּיפּל טאָרן נישט טרינקען דיינע וויין! פאַרשטייסט? — האָט בערקע אַ לאַך געטאָן.

— מאַך זיך נישט נאַריש, בערקע — האָט טאַני געזאָגט, — „איט איז גוד וואַין... דעלישעס וואַין"!... וואָס דאַרפסטו נאָך, בערקע? שעם זיך נישט... איך און מיין ברודער פּיפּי — — — — — —

— יעס, טאַני ברודער. כ׳מוז האָבן פלייש, פיש, מצות, כריין —

— וואַרט אַ מינוט, בערקע. כ׳רוף שוין מיין ווייב, מיין מערי. זי גייט מיט דיר צו שוין צו דזשאַנ׳ען אין מאַרקעט אריין. קריגסט דאָרטן „טשאָפּ מיט", „קאָטלעטס", לעם טשאָפּס", „פּאָרק טשאָפּס", „קילד טשיקן פרעש"... „עווערימינג פרעש מארוואַלעס"! ביזט צופרידן, בערקע?

ער האָט אים געקוקט אין די אויגן, טאַני, ווי מ׳קוקט אויף אַן אומבאַהאָלפן קינד. דער מענטש איז גרייט געווען אַלצדינג צו טאָן און צו זען כאָטש אַ שמייכל אויף בערקע׳ס פּנים. אָבער בערקע

איז געשטאַנען אין דער זעלביקער פּאָזע — פאַרצווייפלט.
טאַני האָט אים געקוקט אין די אויגן אַריין, זיך געבעטן בא אים:

— וואָס פעלט דיר נאָך, בערקע? זאָג! „אי׳ם יור פרענד, יור בראָדער” — — —

— ברודערקע, כ׳שעם זיך צו זאָגן פאַר דיר... געשיר פעלט מיר! זעסט, ברודערקע, צום אומגליק קאָן מיין ווייב׳ס שוועסטער מיינע געשיר, מוז איך האָבן אַנדערע. אָט דאָס — ווייס איך שוין גאָרנישט וואָס מ׳הויב אָן צו טאָן — האָט ער פאַרבראָכן מיט די הענט...

— נישט געזאָרגט, בערקע, — האָט טאַני אים אַ לייכטן קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע. איך און מיין פּיפּי, ס׳ברודערל מיינס פון „נעקסט־דאָר”, זיינען גרייט דיר צו העלפן. רוף שוין אַ טעקסי. פאַקסט אַריין אונזער געשיר — און שוין!

אין טאַנים שטוב איז ס׳הויז־געזינט באַלד אויף זייערע פיס געשטאַנען. מ׳האָט וויין פונעם פאָס געצאַפּט. פעקלעך מיט כלים צונויפגעבראַכט, און ברידערלעך, מיט אַן אָנגעלאָדענער טעקסי אים אַהיים באַגלייט.

:: :: ::

„יכול מראש חודש? תלמוד לאמר ביום ההוא. אי ביום ההוא יכול מבעד יום? תלמוד לואמר” — — —

דער הגדה־ניגון האָט זיך פריילעך צעקלונגען בא בערקע׳ן אין שטוב. דער סדר־טיש איז געגרייט געווען מיט אַלע פּישטשעוועס... ס׳איז געווען שוין איינמאָל אַ סדר...

פיאָנערן

ניט לאַנג קריק, אין אַ ווינטערדיקער נאַכט האָט דאָס פּאַסירט. יענע נאַכט האָב איך געהאַט אַ באַנגער: אַוועקצוגיין פון מיין איינזאַמקייט ערגעץ צו גוטע באַקאַנטע; זיצן אין אַ היימלעכער שטוב באַם טיש או זכאַפּן אַ שמועס מיט פּאַר־חברים באַ אַ גלעזל טיי. די נאָענטסטע, וואָס מיר איז געקומען אויפן געדאַנק, זיינען געווען די חברים וויסמאַן. צום גליק האָב איך דאָרטן געטראָפן אַלטע באַקאַנטע יוניאָן־טוער. כ'האָב מיך געווענדט צו זיי מיט אַ פאַרלאַנג: יעדער פון זיי זאָל דערציילן זיין העכסטע איבערלעבונג אַלס יוניאָן־טוער. מיין פאַרלאַנג איז באַווילקט געוואָרן. דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעהויבן דערציילן, איז געווען לואי דרוק.

געכאַפּט קלעפּ

ווי לאַנג איך בין אַ יוניאָן־מאַן, געדענק איך ניט — האָט לואי אָנגעהויבן. — מיר דוכט, אַז איך בין אַ יוניאָן־מאַן זינט איך געדענק. נאָך אַלס אינגל האָב איך שוין געאַרבעט אין די שניידערשעפּער און זיך באַטייליקט אין יעדן סטרייק, וואָס די יוניאָן האָט גערופן. ווי איר קענט מיך, קאָנט איר זיך פאָרשטעלן וויפיל בוכטשעס כ'האָב געכאַפּט אין דער צייט פון באַלעבאַטישע געדונגענע גאָרילאָס און פּאָליציי. אָבער יענע נאַכט וועל איך קיינמאָל אין לעבן ניט פאַרגעסן.

דאָס האָט פּאַסירט אין לעצטן גרויסן שניידער־סטרייק. באַלד פונעם פרימאָרגן האָב איך, איינער פון דער פּיקעט־קאָמיטע, באַדאַרפט מיט אַ מאַטאָרציקל נאָכפאָרן אַ געפּאַקטן טראָק מיט סקעב־אַרבעט אויף די ניו דזשוירזי וועגן. ווי איצט געדענק איך, ווי דער טרייבער פון טראָק האָט ווי אויף צו־להכעיס זיך געשלעפּט ווי אַ ראַק. דרויסן איז דעמאָלט געווען אַ ביטערער טאָג: הימל און ערד האָבן זיך געקערט; מיין לעדערנע קורטקע איז געוואָרן איין שטיק אייז, און איך בין געווען געפרוירן ווי אַ הונט. און ווען איך בין אַ לעבעדיקער קריק

געקומען צו דעם סטרייק־קאָמיטעט, נאָר אפילו נישט אוספּייעט אָפּדיכען, האָבן זיי מיר דערלאַנגט אַ צעטל געמען מיט אַדרעסן פון עטלעכע שעפער אויף דער איסטסאַיד ,וואָס האָבן געסקעבט. אַז טענות האָב איך גענומען מיט מיר עטלעכע אַרבעטער, און זיך גע־לאָזט אין וועג אַריין.

לואי האָט פאַררויכערט און ווייטער דערציילט:

ס'איז שוין געווען שפּעט נאָכמיטיק, ווען אונזער פּיקעט־קאָ־מיטעט האָט זיך געלאָזט צום ערשטן שאַפּ. יענער שאַפּ האָט זיך געפונען אויף באָוערי, אין אַ יאַרד־הויז. מיר זיינען דורכגעקראָכן דעם יאַרד, אַרויף מיט די טרעפּ אויפן צווייטן שטאָק, וואו שיינמאַנ'ס שאַפּ איז געווען. איך האָב אַ צי געטאָן די טיר, בין אַריין און באַלד נאָך מיר האָט זיך די טיר פאַרקלאַפּט.

וואָס דעמאָלט האָט פּאַסירט ווייס איך ניט, און איך געדענק ניט. וואָס איך געדענק יאָ איז — אַז איך בין געלעגן אַ צעקיילטער אויף דער ערד; בלוט האָט געשטראָמט פון מיין נאָז און מויל. אויפהויבן האָב איך זיך ניט געקאָנט, געמיינט האָב איך, אַז דאָ איז שוין דער סוף. אָבער באַלד האָב איך דערהערט אַ בראַזג מיט גע־שרייען, דערנאָך איז שטיל געוואָרן...

ווען איך האָב געעפנט די אויגן, האָב איך געזען, ווי דער באַ־לעבאָס מיט נאָך אַ חברה־מאַן „ליגן פלאַך"... דער פּיקעט־קאָמיטעט האָט מיך צוגעפירט צום קראַן. כ'האָב אונטערגעשטעלט דעם קאָפּ. דער קאַלטער וואַסער־שטראָם האָט מיך אָפּגעפרישט. מיר האָבן גענו־מען די סטרייק־ברעכער מיט אונז און פאַרלאָזן דעם שאַפּ.

לואי האָט פאַר אַ ווייל אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און ווייטער דער־ציילט:

מיר האָבן געשפּאַנט צו די סטרייקערס אין לאָקאַל. דרויסן איז שוין געווען נאַכט. איך בין געווען מיד. אַלע אבֿרים האָבן מיר וויי געטאָן. געטראַכט האָב איך — קומען וואָס גיכער אַהיים און זיך גלייך אַוועקלייגן. אַ, ווי איך האָב געוואָלט זיך אויסרוען! איך וואָלט בײַ יענער צייט אָפּגעגעבן די בעסטע פאַרגעניגנס פאַר כאַפּן אַ שלאָף...

דער סטרייק־קאָמיטעט האָט אויף אונז געוואַרט. איך האָב פאַר

זיי אָנגעהויבן דערציילן דעם „אינצידענט“, וואָס מיר האָבן געהאַט אין שיינמאַנ׳ס שאַפּ. צוויי פּאָליציי־אַגענטן האָבן זיך פּלוצים באַוויזן און מיך געפרעגט:

— דיין נאָמען לואי דרוק?

— יאָ.

אַ פּאָליציי־אַגענט האָט מיך צוגעשמידט צו זיין האַנט, מיט געפירט צום פּאָליציי־סטיישאַן. אין פּאָליציי־סטיישאַן האָט מען מיך אריינגעפירט אין אַ צימער. דאָס ערשטע האָט מען מיך באַזוכט, מיך אויסגעטאָן כמעט נאַקעט. אָבער מער ווי מיין יוניאָן־ביכל האָבן זיי גאָרניט געפונען בײַ מיר. פון מיין „וואַטש־פּאַקעטל“ האָט ער ארויסגעשלעפּט דאָס צעטעלע מיט אַדרעסן...

— וואָס זיינען דאָס פאַר אַ נעמען מיט אַדרעסן? — האָט דער פּאָליציי־אַגענט מיך בייז געפרעגט.

איך האָב אים געפרואווט דערקלערן:

—— אונזער יוניאָן פירט איצט אָן אַ גענעראַל־סטרייק, און אין יענע שעפּער ווערט געמאַכט סקעב־אַרבעט.

— וויפיל קריגסטו פאַר אַ „דזשאָב“?... — האָט דער פּאָליציי־אַגענט מיך דורכגעשטאָכן מיט די אויגן.

— איך מאַך ניט קיין „דזשאָבס“! — האָב איך פּראָטעסטירט.

— איך בין אַן ערלעכער יוניאָן־מאַן, און איך טו דאָס פאַר מיין יוניאָן.

— וואָס האָסטו געטאָן פריער בײַ שיינמאַנ׳ען אין שאַפּ? — האָט ער מיך ניט אָפּגעלאָזט.

איך האָב אים דערציילט דעם אמת: ווי מען האָט מיך צע־הרג׳עט דאָרטן, ווי איך בין קוים אַ לעבעדיקער אַוועק.

— און די דריי הונדערט מיט אַכציק דאָלאַר פון זיין קעשענע פאַרגעסטו, הא?...

איך האָב אים אָנגעקוקט, געמיינט אַז ער שפּאַסט. אָבער דער זעץ אין די ציין וואָס כ׳האָב באַלד געקראָגן, האָט מיך געמאַכט צו פאַרשטיין, אַז ער שפּאַסט שויר גאָר ניט.

כ׳האָב מיך געפילט ווי אין אַ נעץ. אַרום מיר האָב איך בלויז געזען פּאָליציי מיט דעטעקטיווס; געהאַט האָבן זיי אַלע בײַ מיר

איין פּנים, און דער פּנים האָט געקוקט אויף מיר, ווי מ׳קוקט אויף א געפאַנגענער מויז. כ״האָב געבעטן מען זאָל מיך דערלויבן רופן דעם סטרייק־קאָמיטעט באַם טעלעפאָן, צו וואָס איך בין געווען באַ־רעכטיקט. אָבער אויף מיין געבעט האָב איך ווידער געקראָגן אַ קנאַל אין פּנים אריין, אַזש כ׳האָב מיך איבערגעדרייט. איינער פון די אַגענטן האָט צו מיר געזאָגט:

— אַט דאָס גיבן מיר דיר אַ „סעמפּל״... אויב דו ווילסט דורכ־לעבן די נאַכט, שרייב אונטער... דערציייל וואו דאָס געלט איז...

ניט קריגנדיק פון מיר קיין ענטפער, האָב איך באַלד דערפילט א ווייטיק אונטערן ברוסט.

מיט געוואַלט האָב איך זיך אַ ריס געטאָן פון זייערע הענט און מיט די גאַנצע כחות האָב איך זיך צעשריען:

— לאָזט מיך טעלעפאָנירן מיין יוניאָן!

איך האָב דערהערט אַ געלעכטער. איינער האָט מיר געשטעקט א שמאַטע אין מויל אריין. פאַר די אויגן איז מיר פּלוצים פינצטער געוואָרן: קלעפּ... בוכטשעס... אונטערן הארצן און אין בויך... ווידער אונטערן הארצן און ווידער אין בויך — טרוקענע קלעפּ...

איך בין געלעגן פאַררוקט אויפן שטיינערנעם דיל; געלעגן באַ־וואוסטלאָז. די סטרייק־פירער זיינען געקומען מיט זייער אַדוואָקאַט. זיי האָבן מיך באַפרייט און מיך אַפּגעפירט אַהיים.

יענע נאַכט האָב איך געמיינט, אַז איך שטאַרב שוין... ס׳האָט מיך געוואָרפן אין היץ און אין קעלט. אונטערן הארצן באַ מיר איז געווען אַזאַ שווערעניש. איינער פונעם סטרייק־קאָמיטעט האָט מיך אַפּגעהיט די גאַנצע נאַכט און אינדערפרי געבראַכט צו מיר אַ דאָקטאָר. יועלכער האָט געראָטן מיר ליגן אין בעט. אָבער גיי און פּאַלג אויס, ווען דו פילסט, אַז מען דאַרף דיך אַזוי נויטיק אין סטרייק...

לואי האָט אויפגעהערט צו דערציילן. טראָפּנס שוויים האָבן געבלישטשעט אויף זיין צעאַקערטן שטערן. געדאַכט האָט זיך, אַז דער מענטש לעבט אַצינד ווידער איבער יענע שרעקלעכע נאַכט...

שרעק

מיר זיינען געזעסן אַרום טיש. איך האָב געטראַכט פון יענע טעג, וואָס זיינען שוין אַזוי לאַנג פאַרלאָפן, און דאָך אַזוי נאָענט...

איך האָב געקוקט אויף ווייסמאַנ'ס פאַרטראַכטן פּנים; געזען האָב איך, אַז דער מענטש קלייבט זיך... און איך האָב מיך ניט אָפּגעזאָגט:

— איך וויל זאָגן פון אָנהויב — האָט ווייסמאַן זיך אָפּגערופן — איך בין זייער אַ שלעכטער דערציילער. אָבער איך וויל אַצינד ניט פאַרלירן די געלעגנהייט. טאָ לאָמיר פּרוּוון: אין יענעם סטרייק, וואָס איך וויל דערציילן, האָב איך זיך ניט באַטייליקט. איך בין בכלל ניט פון די, וואָס טויגן זיך אויס אין אַ סטרייק־קאָמיטעט. נאָר גראַד יענעם סטרייק, וואָס די יוניאָן האָט דעמאָלט אַרויסגערופן, האָב איך קיין ברירה ניט געהאַט — די אַרבעטער האָבן מיך פּשוט געצוואונגען מיטצואַרבעטן.

דאָס האָט פּאַסירט, דאַכט זיך, אין יאָר 1916 אָדער אַ יאָר שפּעטער. מיר זיינען געווען אין סטרייק. איך האָב דעמאָלט געאַרבעט בא די „עף און בי". אַ גרויסער שאַפּ איז דאָס געווען. און גוט אַרבעט איז דאָרטן געמאַכט געוואָרן. זייערער אַ אָנצוג האָט געקאָסט אַן אוצר מיט געלט. מיר, די אַרבעטער, זיינען געווען זיכער: ווייל די פירמע מאַכט גוטע אַרבעט, וועט זי זיך ניט צופרידנשטעלן מיט דער אַרבעט פון פּאַרטאַטשנע סקעבס. אַרויסגעוויזן האָט זיך פּונקט פאַרקערט: שעפּער האָבן צוביסלעך אָנגעהויבן אַרבעטן, און אין אונז האָט מען ווי פאַרגעסן.

איינמאָל, ווען אונזער קאָמיטעט פונעם שאַפּ איז אַוועק צו די סטרייק־פירער, האָבן מיר דאָרטן אויסגעפונען, אַז אונזער אַרבעט ווערט געמאַכט אין אַ שטעטעלע אין פּענסילווייניע. זיי, די סטרייק־פירער, האָבן פאַר אונז דערקלערט, אַז זיי האָבן געפּרוּווט שיקן עמיצן אויסגעפינען וואו און וואָס... אָבער מער ווי ביזן שטעטעלע איז יענער ניט דערפאָרן: מיטן זעלבן באַן האָט מען אים געשיקט קריק... די אַרבעטער זיינען דעמאָלט צוגעשטאַנען צו מיר: אפשר אפשר וועל איך? — וואָס? האָבן מיר קיינס ניט געוואוסט. איך האָב גענומען נאָך אַן אַרבעטער פונעם שאַפּ, מיט אונזערע שניידער־שערן אין די קעשענעס, און זיך געלאָזט אויף „גאָט'ס באַראָט".

:: :: ::

ווען דער באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אין יענעם שטעטעלע און מיר האָבן אָנגעהויבן אַרויסשטייגן פון וואַגאָן, האָט אונז אַ פּאָליציי־

אגענט אָפּגעשטעלט און אונז געפרעגט:
— ווער זענט איר און וואוהין גייט איר?
מיר האָבן אים אנגעקוקט, ווי מיר וואָלטן ניט פארשטיין וואָס ער וויל פון אונז. מיר האָבן נאַאיוו דערקלערט:
— מיר זוכן אַרבעט, מיר האָבן געהערט, אַז דאָ איז ערגעץ פאַראַן אַ שניידער־שאָפּ.
מיר האָבן געהאַלטן אונזערע שניידער־שערן אין די הענט. דער פּאָליציי־אַגענט האָט צוגערופן נאָך איינעם צו זיך. זאַלבענאַנד האָבן זיי אונז עקזאַמענירט מיט זייערע אויגן: געזען אונזערע אויס־געדרייטע שיך, אונזערע פאַרסאַרגעטע הויזן. ס'איז זיי געפעלן געוואָרן. זיי האָבן געזאָגט:
— „אָלרייט באָיעס". דאָ האָט איר אַ קאַרד מיטן אַדרעס פון שניידער־שאָפּ.
:: :: ::
ס'איז געווען אַרום צוויי נאָכמיטיק.
אַ פּראַכטפולער טאָג איז דעמאָלט געווען. די זון האָט געוואַרעמט. מיר זיינען געגאַנגען פאַרטראַכט. מיט דעם „דזשאָב" זיינען מיר שוין געווען זיכער. וואָס מיר האָבן יאָ געזאָרגט: ווי אַזוי מאַכט מען, מ'זאָל אונז ניט דערקענען...
מיר האָבן געשפּאַנט און באַטראַכט דעם געגנט, און זיך געמאַכט סימנים פאַר קריק... ברייטע גאַסן. די הייזער — שיטער באַוואוינט. שטיל איז געווען אין גאַס. זעלטן עמיצן באַגעגנט.
מיין מיטגייער, חבר נייטן, האָט מיך פּלוצים אַ פרעג געטאָן:
— דזשעק, וועלן מיר נאָך היינט זיין קריק אינדערהיים?
— זיכער וועלן מיר זיין קריק נאָך היינט, וואָדען?
— ווייסט, דזשעק — האָט ער זיך ניט געקאָנט באַרואיקן, — איך וואָלט געשוואוירן, ווען מיר פאַרבלייבן דאָ נאָך אַ טאָג, קענען אונז שוין אַלע...
איך האָב מיך צעלאַכט:
— ער, פון וואָס אַ מענטש טראַכט!
— דזשעק — — —
— רוף מיך ניט דזשעק! — האָב איך אָנגעהויבן צו פּראַ־

טעסטירן. — ווי אַ זאַך מאַכט זיך, הייס איך מער ניט דזשעק. פּרענק רופט מען מיך! און דו הייסט מער ניט נייטן. דיין נאָמען איז לאַס. יאָ, פאַרשטאַנען? אַלזאָ, ברודער לאַס, מיר זיינען אַצינד נייע מענטשן מיט נייע נעמען — פּראָפעסיאָנעלע סקעבס, פאַר־שטייסט מיך?

ער האָט גוט־ברודעריש מיך געקלאַפּט איבער דער פּלייצע און האָט געזאָגט:

— אויב אונז וועט היינט געלינגען, וועט דאָס זיין בלויז דיין זכות...

מיר זיינען געקומען צום שאַפּ. חברה־לייט מיט מאָדנע פּנים'ער זיינען געשטאַנען פאַר די טירן. מיר האָבן זיי געוויזן די קאַרטלעך מיטן אַדרעס פון שניידער־שאַפּ, וואָס מיר האָבן דאָרטן געקראָגן. די טיר האָט זיך צעעפנט פאַר אונז:

ס'האָט אונז געבלענדט די אויגן: אַרום און אַרום פענצטער. נייע פּלענטס מיט נייע מאַשינען. די אַרבעטער — מערסטע פרויען. צום גליק: אַלע אומבאַקאַנט.

אַ דיקער חברה־מאַן האָט זיך צוגעטאַשטשעט צו אונז. מיר האָבן אים דערקלערט וואָס מיר ווילן. ער האָט צוגעפירט צו אונז אַ געלן יונגנמאַן מיט ברילן. יענער האָט אונז געפרעגט:

— זענט איר שניידער? וואו האָט איר געאַרבעט?

— אָ, מיר קומען פון שיקאַגאָ... בא האַרט שאַפנער און מאַרקס האָבן מיר געאַרבעט.

די ווערטער האָבן זיך אַזוי גלאַטיק אַרויסגעגליטשט פון מויל אַרויס, אַז איך האָב מיך אַליין געוואונדערט. אָבער דעם באַלעבאָס איז דאָס געפעלן געוואָרן. ער האָט זיך איבערגעקוקט מיטן דיקן חברה־מאַן און האָט געפרעגט:

— איר קאָנט „קלויזן" רעק?

— אַ פראַגע צי מיר קאָנען! — האָבן מיר ביידע צוגעשמייכלט.

ער האָט אונז אָנגעוויזן אויף צוויי נייע מאַשינען און אונז דערלאַנגט צו „באַנדל" אַרבעט.

מיר האָבן דערזען: אונזער אַרבעט!...

מיר האָבן געפילט ביטער, גרייט געווען בעת מעשה צו טאָן

דאָס ערגסטע... באַלד איז דער באַלעבאָס צוגעקומען, געזען ווי מיר נעמען די אַרבעט אין די הענט אַרייַן... ער איז געווען צופרידן, דער באַלעבאָס, אונז פאַרזיכערט, אַז מיר וועלן פאַרדינען בײַ אים „שווערע" געלטער.

ס'האָט מיך געשטיקט באַם גאָרגל. כ'האָב עפּעס געמוזט ריידן. כ'האָב זיך צערעדט מיטן באַלעבאָס:

— מיר קאָנען די מלאכה, איר זעט... קאָן איך פרעגן: ווי איז דאָס בײַ אײַך — פון „שטיק" צי פון „וואָך"?

— איך וועל אײַך ניט קריוודען, זאָרגט ניט — האָט דער באַלעבאָס געפּרואווט פאַרזיכערן.

— אָבער איר פאַרשטייט... מיר, הע...

— זאָגט, זאָגט, שעמט זיך ניט. איר זענט אַלבעטשע הונגעריק, האַ? — האָט דער באַלעבאָס געפּרואווט טרעפן.

— ניין, — האָב איך געענטפערט. — איר פאַרשטייט, מיר זיינען פרעמדע דאָ. ס'קאָסט געלט. וואָלטן מיר געוואָלט וויסן, צי עס וועט אונז לוינען.

— איר קריגן עסן און שלאָפן פריי... און וועגן אַ פּאָר דאָלאַר וועלן מיר זיך זען נאָך דער אַרבעט.

אַביסל שפּעטער איז דער באַלעבאָס ווידער צוגעקומען צו אונזערע מאַשינען. ער האָט געקוקט און געטאַפּט אונזער אַרבעט, בעת מעשה דערציילט אונז, אַז ער האָט אַ שותף צום געשעפט. דער שותף זיינער איז אַ גרויסער יחסן: אַ גרויסער גביר, אַ פּאָליטישן איז שטעטל; האָט אויך אַ גרויסע קאָנטשאָפּט אין ניו יאָרקער קליידערמאַרקעט. ער, ווידער, אָט דער, וואָס האָט גערעדט, איז דער, וואָס באַדאַרפט אַכטונג געבן אויף דער אַרבעט — דער מבין.

ער איז גיך אוועק פון אונז, דער באַלעבאָס. דער דיקער חברה־מאַן האָט אים גערופן. ער איז באַלד פאַרנומען געוואָרן מיט וויכטיקע שאָפּ־אַרבעט. מיר זיינען געווען זיכער, אַזוי ווי ס'איז שוין געווען שפּעט, וועט דער באַלעבאָס שוין מער ניט קומען צו אונזערע מאַשינען. האָבן מיר זיך צוגעאײַלט: מיר האָבן גענומען אַרבעטן מיט די „שערן"...

ביז זעקס פאַרנאַכט זיינען מיר פאַרטיק געוואָרן... מיר האָבן

זיך אַ הויב געטאָן, אַנגעטאָן אונזערע רעקלעך און זיך געלאָזט צו דער טיר.

דער באַלעבאָס האָט צוגעשפּרייזט און אונז געפרעגט:

— וואוהין גייט איר, „באַיעם״? מיר האָבן אַנגעגרייט אַ פּלאַץ.

— ציגאַרעטן גייען מיר קויפן, אָט קומען מיר קריק — האָב איך אַ נערוועזער געענטפערט.

:: :: ::

אויף קריק האָבן מיר געשפּרייזט ווי ניט גוטע. געדאַכט האָט זיך אונז, אַז די חברה מיט די מאָדנע פּנים׳ער יאָגן אונז... מיר זיינען פאַרקראָכן ווייט פון וואָקזאַל. נישט געוואוסט וואו מיר געפינען זיך און ווי קריכט מען אַרויס. מיר האָבן געציטערט ווי אַ בלאַט אויף אַ בוים פאַר יעדן שאָרך פון אַ דורכגייער, פון יעדן אָנקום פון אַן אויטאָמאָביל. פון אַ זייטיק געסל האָבן מיר דערהערט טריט, און אַ ציטער איז דורך אונזערע לייבער דורכגעלאָפן. איך האָב מיך אָנגענו־מען מיט מוט און געוואַרט. ס׳איז געווען אַן עלטערע פרוי. מיר איז לייכטער געוואָרן. איך האָב געפרעגט נישט מיט מיין קול:

— מאַדאַם, ווי אַזוי קומט מען צום וואָקזאַל?

— צוויי גאַסן רעכטס און איינע לינקס — האָט די פרוי געקוקט אויף אונז און געענטפערט.

מיר האָבן זיך קוים דערשלעפּט אַהין. געמוזט נאָך וואַרטן אַ האַלבע שעה פאַר אַ באַן: אַן אייביקייט...

אַ קרבן

דער זייגער האָט זיך גערוקט אויף שפּעטער. צופיל צייט איז אונז ניט פאַרבליבן יענע נאַכט צו פאַרברייננגען בײַ די ווייסמאַנס. דער יוניאָן־טוער דעיווי האָט געהאַט וואָס צו דערציילן און מיר אַלע אַרום טיש האָבן גערן געוואָלט הערן.

— אָט דאָס, וואָס איך וועל אַצינד דערציילן — האָט דעיווי אָנגעהויבן — האָט געטראָפן אין יאָר 1908. אָנהויבן וועל איך מיט איין יאָר פריער:

אין יאָר 1907 איז אַ גרינער יונגערמאַן געקומען אין אַ הויזן־שאָפּ, זיך אויסלערנען דאָרטן די מלאָכה. אַ פרומער איז דער יונ־גערמאַן געווען, נאָך געטראָגן זיינע חסיד׳ישע בגדים פון דער אַלטער

היים. מיט אַ בלאַנד בערדל אויף זיין קינדערשן פּנים. אָבער דער מענטש איז געווען זייער אַ גוטער. ער האָט זיך גוט איינגעלעבט מיט די אַרבעטער פונעם שאַפּ.

ווי אַזוי אַט דער חסיד׳ישער יונגערמאַן איז געוואָרן אַקטיוו אין דער הויזן־יוניאָן ווערט דערציילט אויף אַזאַ אופן:

ווען יעקב קאַן, ווי דער יונגערמאַן האָט געהייסן, האָט שוין געקאָנט דעם פאַך, האָט דער שאַפּ־טשערמאַן אים אַוועקגעפירט אין דער יוניאָן אַריין. די הויזן־יוניאָן האָט זיך דעמאָלט געפונען אין פיס סטריט הינטער אַ שענק. און ווען אַט דער חסידישער יונגערמאַן האָט דאָס אַלץ באַטראַכט, האָט עס געמאַכט אויף אים אַ שלעכטע ווירקונג און ער האָט זיך כמעט אַ נדר געטאָן מער זיין פוס ניט איבערטרעטן אַזאַ פּלאַץ. אָבער צוביסלעך האָט ער איינגעזען, אַז די יוניאָן איז דאָך ניט שולדיק וואָס מ׳האָט איר געגעבן אַ היים... פאַרקערט, אויב מ׳וויל האָבן אַ בעסערן פּלאַץ פאַר דער יוניאָן, מוז מען ווערן אַקטיוו — —אַרבעטן פאַר דעם.

יעקב קאַן האָט אַזוי געטאָן: די רעליגיע, וואָס ער האָט מיט־געבראַכט פון דער אַלטער היים, איז געוואָרן בײַ אים אַ באַוואוסט־זיניגע אַרבעטער־רעליגיע: רעוואָלוציאָנערישקייט.

אַזוי האָט יעקב קאַן ניט פאַרפעלט קיין איין יוניאָן־מיטינג. מיט אַ רעליגיעזן פייער פלעגט ער ריידן צו די אַרבעטער און פרעגן זיי: „פאַרוואָס זיינען די מאַסן הויזן־מאַכער אַזוי גלייכגילטיק צו זייער יוניאָן?״ שפּעטער, ווען יעקב קאַן איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַר אַ דעלעגאַט צו דער עקזעקוטיווע, פלעגט מען דאָרטן זיך רעכענען מיט זיין מיינונג און גאַנץ אָפט פאָלגן זיין עצה.

איך בין דעמאָלט געווען אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע. איך פלעג ליב האָבן צו הערן ווי אַזוי דער מענטש רעדט. מיר איז גע־פעלן געוואָרן זיין רעליגיעזע התלהבות. גאַנץ אָפט פלעג איך פאַר־געסן וואָס איך געפין מיך: אַט שטייט אַ מענטש מיט אַ בלאַנד בערדל אַרום אַ קינדערשן פּנים, מיט די אויגן האַלב צוגעמאַכט, און רעדט מיט אַ חסיד׳ישן ברען — וואָו? בײַ דער עקזעקוטיווע פון הויזן־מאַכער...

איך בין געוואָרן נאָענט באַקאַנט מיט אים, גאַנץ אָפט באַזוכן

אים אין זיין צימער. ער פלעגט פאַר מיר דערציילן פון זיין לעבן אַלס חסיד'ישער אינגל, און פון זיין פרוי און צוויי קינדער, וואָס ער האָט געלאָזן אין דער אַלטער היים.

דער טאָג, וואָס יעקב פלעגט דערהאַלטן פון זיי אַ בריוו, איז באַ אים געווען אַ יום־טוב. איך פלעג עס דערקענען אין זיין פּנים באַם עפענען פאַר מיר די טיר: דעם פרייליכן „גוט מאָרגן", „וואָס מאַכט מען?" דער מענטש פלעגט זיך איינקלאַמערן אין מיר. איך האָב אים דעמאָלט געמוזט פאָלגן: זיך זעצן אויפן איינציקן שטול. ער פלעגט שטיין איבער מיר מיטן בריוו אין דער האַנט און לייענען וואָרט נאָך וואָרט, וואָס זיין בלומקע שרייבט...

אין איינעם אַ פרימאָרגן, ווען איך בין געקומען אין זיין צימער, האָב איך דעם מענטשן געטראָפן אין אַ אויסערגעוויינלעך־גוטער שטימונג. שווייגנדיק האָט ער גיך אַרויסגענומען פון אַ גרויסן קאָנ־ווערט אַ פאָטאָגראַפיש בילד פון זיין בלומקע'ן, מיט צוויי אינגעלעך פון פיר און זעקס יאָר אַלט. ער האָט עס צוגעטראָגן נאָענט צו מיין פּנים און האָט געזאָגט:

— אַט זיינען זיי!...

איך האָב פאַרשטאַנען זיין פרייד. יענעם טאָג האָבן מיר פון אַנדערע ענינים ניט געשמועסט.

:: :: ::

אין זומער 1908 האָט די הויזן־מאַכער יוניאָן גערופן אַ גע־נעראַל־סטרייק. אין יענעם סטרייק האָט מיך די עקזעקוטיווע אויס־געקליבן פאַר דעם פאָרזיצער פון פּיקעט־קאָמיטעט. מיין אַרבעט אַלס פאָרזיצער פלעגט זיין: אויב מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז אַ שאַפּ אַרבעט מיט סטרייק־ברעכער, פלעג איך צונויפקלייבן אַ קאָמי־טעט פון סטרייקער און שיקן צו יענעם שאַפּ.

האָט פּאַסירט, אין דער אַכטער וואָך פון סטרייק האָט אַ באַ־לעבאָס מיטן נאָמען גרינפעלד, נאָך אַלע פאַר'עקשנ'ט, געטריבן זיין סקעב־שאַפּ. די אַלע קאָמיטעטן, וואָס די יוניאָן פלעגט שיקן אַהין, פלעגן קומען מיט איין ענטפער: פאַרן שאַפּ דרייט זיך דאָרטן אַרום אַ מענטש און וואָרנט: נישט דערוועגן זיך איבערטרעטן דעם שוועל

פון שאָפּ! דער באַלעבאָס גרינפעלד האָט שטענדיק גרייט אַ פּיסטאָל צום שיסן...

אויך יענעם אומגליקלעכן פרימאָרגן איז אַ סטרייק־קאָמיטעט געקומען צוריק פון דאָרטן מיטן זעלביקן סטראַשונעק. צום אומגליק האָט דאָס יעקב געהערט און ער האָט געזאָגט:

— ווייסט, דעיווי, מיר דאַכט, אַז די גאַנצע מעשה איז אַ ליגן! מ'שיסט נאָך ניט, לאָמיר פּרואוון...

דעיווי האָט אַ זופּ געטאָן טיי און ווייטער דערציילט:

די, וואָס קענען מיך, ווייסן, אַז איך בין גאַנץ ווייט פון אַבער־גלויבן, כ'מיין פון פּוסטע זאַבאַבאָנעס: „ווי ס'האַרץ האָט מיר גע־זאָגט" א. אַנד. אָבער יענעם פרימאָרגן, ווי גיך יעקב איז אַוועק מיט דעם סטרייק־קאָמיטעט צו גרינפעלד'ס שאָפּ, האָב איך מיר קיין רו ניט געקאָנט געפינען. אפשר דערפאַר, וואָס איך האָב דעם מענטשן ליב געהאַט און געוואוסט, אַז אַט דער יעקב וועט זיך ניט אָפּ־שרעקן... דעם אמת געזאָגט, האָב איך דעמאָלט זיך אַליין באַשול־דיקט פאַרוואָס איך האָב אים ניט אָפּגעהאַלטן צו גיין אַהין. נאָך היינט, ווען איך דערמאָן זיך אינעם טרויעריקן פאַל, פיל איך אַ ביטערקייט אויף זיך אַליין... איך געדענק ווי איך האָב דעמאָלט אַוועקגעשיקט אַ גרעסערן קאָמיטעט צום שאָפּ. איך בין געבליבן כמעט אַליין אין גרויסן זאַל. געשטאַנען און געוואַרט... ניט לאַנג האָב איך באַדאַרפט וואַרטן...

:: :: ::

איך בין געלאָפן מיט איין אָטעם. מענטשן האָבן מיך נאָכגע־קוקט: כ'בין געווען ווילד. קיינעם האָב איך נישט געזען ארום מיר. ניט אין גאַס און ניט אַרום גרינפעלד'ס שאָפּ. איך בין געשפּרונגען איבער די טרעפּ צום דריטן שטאָק. איך האָב דאָרטן אַז עפּן געטאָן די טיר מיט אַ געשריי:

— וואו איז יעקב?!

איך האָב נישט געקראָגן קיין ענטפער. דעם באַלעבאָס פּנים האָב איך נישט געזען. אין שאָפּ איז שטיל געווען. די סטרייק־ברעכער זיינען געשטאַנען טויט־דערשראָקענע, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. איך

האָב אַ נעם געטאָן איינעם פון זיי פאַר די קליאַפּן, אים אַ טרייסל געטאָן, אַז די ציינער האָבן געקנאַקט:

— וועסט מיר זאָגן וואו יעקב איז?

ער האָט זיך אַ וויג געטאָן אין מיינע הענט. מיט אַ שטומען בליק האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף אַ בערגל אונטערן עקזאַמען־טיש, איבערגעדעקט מיט זעק. פּאַמעלעך, מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם האָב איך מיט די שפּיצן פינגער אָפּגעדעקט:

— יעקב!...

:: :: ::

דער באַלעבאָס גרינפעלד איז נאָך זיין מאָרד באַפרייט געוואָרן פון דער אַמעריקאַנער „גערעכטיקייט“... די חברים — מיטגלידער פון דער הויזן־מאַכער יוניאָן, האָבן צונויפגעקליבן זייערע לעצטע גראָשנס פאַר זיין לויה, פאַר אַ לויה פון זייערן אַ חבר, וועלכער האָט אָפּגעגעבן זיין לעבן צו בויען אַ יוניאָן פאַר אַרבעטער.

אינהאַלט:

פאָדערבלאַט געצייכנט פון נאָטע קאָזלאָווסקי.
אַ טאָג פון מיין לעבן 3
אַ שאָפּ אין רידזשוואוד 5
אין פּייווישעס מלוכה... 65
ש ו נ א י ם 81
נ ק מ ה 88
ה ו נ ג ע ר 92
אונזער וועג 97
מר. נעק „גייט" ווערן ביזי 112
אין דודעס שאַפּ 118
אין געראַנגל 130
שוין איינמאָל א סדר... 139
פּ י אָ נ ע ר ן 147